STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06070

GEKLIBENE ERTSEHLUNGEN

Berl Botwinik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. באָטווינִיק

געקליבענע ערצעהלונגען

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבען פון
ב. באָטווינִיק׳ס פאַמיליע, מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע שרייבער
און ראַקאָווער ברענטש 428 אַרבעטער־רינג
ניו יאָרק, 1948

Copyright 1948 by
REBECCA BOTWINIK
New York

געקליבענע
ערצעהלונגען

בערל באָטווינִיק

אינהאלט:

זייט

א פּאָר ווערטער פון באָטווינניק׳ס פאַמיליע	7
אַריינפיר, פון אב. קאַהאַן	9
פאָרוואָרט, פון ל. פאָגעלמאַן	11
מיסטער דזשאָו	15
הינדע	155
ענדליך איז איהר מאַן געשטאָרבען	166
„רומס צו די פּראָנט״	175
אַ פאַלשער אַדרעס	181
מאַרגאַרעט׳ס איבעררעשונג	186
חיה־פייגע׳ס מזל	199
נייע מאכלים	205
עדי	211
זיינע געראָטענע קינדער	215
שבת ביינאַכט	218

אַ פּאָר ווערטער פון ב. באַטווינִיק׳ס פאַמיליע

עס איז שטענדיג דער אידעאַל פון אַ שרייבער אַרויסצוגעבען זיינע ווערק אין אַ בוך־פאָרם. בערל באַטווינִיק האָט אין זיין לעבען בלויז איין בוך אַרויסגעגעבען, אָבער ער האָט זיך געקליבען אַרויסגעבען נאָך בענדער. ליידער האָט דער טויט צו פריה אים צוגענומען פון אונז און זיין וואונש איז ניט ערפילט געוואָרען.

מיט דעם אַרויסגעבען פון די איצטיגע צוויי בענדער „געקליבענע ערציילונגען" ווילען מיר, זיין פאַמיליע, כאָטש אין אַ קליינער מאָס זיין וואונש דורכפירען אין לעבען און דערמיט אויסדריקען אונזער גרויסע ליבע און טיפע אַכטונג צו אים.

דערביי ווילען מיר האַרציג דאַנקען די צוויי נאָהענטע פריינד פון באַטווינִיק׳ן, דר. ל. פאָגעלמאַן און נ. כאַנין, פאַר זייער באַטייליגען זיך אין דער אַרבייט. אָהן זייער נויטיגער און פריינדליכער הילף וואָלט געווען אונמעגליך אַרויסצוגעבען די ביכער.

רבקה באַטווינִיק און די קינדער

ב. באַטוויניק און זיינע ערצעהלונגען

פון אב. קאַהאַן

ווען מען האָט מיר געלאָזט וויסען אַז מען קלייבט זיך אַרויסצוגעבען צוויי בענדער פון ב. באַטוויניק׳ס קורצע ערצעהלונגען, איז דאָס פאַר מיר געווען זעהר אַן אנגענעמע נייעס.

דער „פאָרווערטס״ האָט אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע רייהע בעלעטריס־טען, וואָס זייערע נעמען באַלאַנגען צו דער געשיכטע פון דער רעאַ־ליסטישער אידישער ליטעראַטור אין דעם בעסטען זין פון וואָרט; און איינער פון די וויכטיגסטע פון דער גרופּע איז געווען דער פאַרשטאָרבענער ב. באַטוויניק. ער האָט געהאַט אַ געבאָרענעם טאַלאַנט. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר כאַראַקטערס פון מענשען און פאַר די באַציהונגען צווישען מענש און מענש.

באַטוויניק איז געווען אַ פאָלקס־מענש מיט איינגעבאָרענער אינטע־ליגענץ. ביי אונז אין „פאָרווערטס״ איז די אַטמאָספערע שטענדיג געווען זייער אַ גינסטיגע צו ענטוויקלען די ליטעראַרישע פעהיגקייטען פון שריי־בער. באַטוויניק האָט דאריבער אויך געקראָגען אין „פאָרווערטס״ די געלעגענהייט צו ענטוויקלען זיין בעלעטריסטישען טאַלאַנט. און וואָס עלטער באַטוויניק איז געוואָרען, אַלץ מעהר איז געוואָקסען זיין ליטע־ראַרישער טאַלאַנט.

ליידער, איז אין די לעצטע יאָרען זיין געזונט אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און גראד דאַן, ווען זיינע ליטעראַרישע דערגרייכונגען האָבען זיך געפיהלט אויפ׳ן קרעפטיגסטען אופן, איז זיין יונגער לעבען אָפּגעשניטען געוואָרען.

ער האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך אַן אלמנה און צוויי טעכטער, וועל־כע האָבען באַשלאָסען צו ערפילען דעם וואונש פון באַטוויניק׳ן אַרויסצו־געבען זיינע געקליבענע ווערק. פאַר דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט, אין וועלכען עס זיינען אַריינגעטראָטען די גענאָסען ה. ראָגאָף, ל. פאָגעלמאַן און נ. כאַנין. זיי האָבען אויך מיך איינגעלאַדען צו זיין אַ מיטגליד אין דעם קאָמיטעט, און איך האָב זייער איינלאַדונג אָנגענומען מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען.

אַ פאָרוואָרט

פון ל. פאָגעלמאַן

אין דעם יאָהר 1905 איז פון דער אַלטער, צאַרישער רוסלאַנד, פון דער שטאָט מינסק, געקומען אַהער, קיין אַמעריקע, אַ צוואַנציג־יאָהריגער אידישער אַרבייטער מיט'ן נאָמען בערל באַטוויניק.

דער יונגער אימיגראַנט בערל באַטוויניק האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבען וועג, וואָס אַ סך אַנדערע אידישע אימיגראַנטען פון יענער צייט. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם שטעטל ראַקאָוו, אין מינסקער גובערניע, אין יאָהר 1885, ביי אַן אָרימער אַרבייטער־פאַמיליע; ער האָט זיך געלערענט ביז בר־מצוה אין חדר, דערנאָך אין דער מינסקער ישיבה, און ווייל ער האָט געמוזט טראַכטען וועגען אַ תכלית, האָט ער זיך אינגיכען אויסגעלערענט אַ פאַך, מאַלעריי, און איז געוואָרען אַן אַרבייטער.

ווי אַנדערע אידישע אַרבייטער איז ער אויך גאַנץ פריה אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער בונדישער באַוועגונג און האָט זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבייט; און אין דעם יאָהר 1903, ווען ער איז קוים אַלט געוואָרען 18 יאָהר, האָט מען איהם שוין אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע פאַר פאַרשפּרייטען אומלעגאַלע ליטעראַטור. „בערעלע דער מאַליער", ווי מ'פלעגט איהם דאַמאָלסט רופען אין די בונדישע קרייזען, איז צוליב דעם גאַנץ פּאָפּולער געוואָרען צווישען די מינסקער אַרבייטער; אָבער לאַנג איז ער דאָרטען ניט פאַרבליבען. אינגיכען האָט ער אויסגעוואָנדערט אַהער, קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זיין פאַך, אָפּגעבענדיג אויך דאָ זיין פרייע צייט צו דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג.

אָבער זיין אמת'ער באַרוף אין לעבען איז, קענטיג, געווען ליטעראַטור; ווייל גאַנץ פריה האָט ער אַנגעהויבען אַרויסצואווייזען אַ שטאַרקען אינטערעס צום שרייבען. אין דעם יאָהר 1909 האָבען זיך באַוויזען אין דרוק זיינע ערשטע צוויי ערצעהלונגען: איינע אין דער דאַמאָלסטדיגער „אידישער אַרבייטער־וועלט", און אַ צווייטע, מיט'ן נאָמען „שבת אינדערפריה", אין דעם ניו יאָרקער „פאָרווערטס". אַ באַזונדער וויכטיגע ראָלע אין זיין קאַריערע האָט געשפּילט די

ערשיינונג פון זיין ערשטער ערצעהלונג אין „פאָרווערטס״; ווייל פאַר איהר האָט ער געוואונען אַ פרעמיע אין דעם ספּעציעלען קאָנקורס, וואָס דער רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן האָט דאַמאָלסט דורכגעפיהרט אין „פאָרווערטס״, זוכענדיג נייע טאַלאַנטען. די פרעמיע האָט דעם יונגען אָנפאַנגער שטאַרק ערמוטיגט און האָט פאַר איהם ברייטער געעפענט די טירען פון פאַרשיידענע צייטשריפטען, וואו ער האָט דערנאָך אָפּגעדרוקט אויך אַנדערע ערצעהלונגען.

פון דעם יאָהר 1913 איז באָטוויניק שוין געוואָרען איינער פון די שטענדיגע מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס״, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אַ סך ראָמאַנען, ערצעהלונגען, סקיצען, פעליעטאָנען און אַרטיקלען אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אויך אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. ער האָט אויך געפיהרט אין דער רעדאַקציע פאַרשיידענע וויכטיגע אָפּטיי־לונגען, און מיט דער צייט איז ער געוואָרען אַזוי איינער פון די הויפּט־מיטאַרבייטער פון דער צייטונג.

מעהר ווי דריי צענדליג יאָהר נאָכאַנאַנד איז באָטוויניק געווען אַ מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס״, און ער איז פאַר דער צייט טיף אַריינ־געוואַקסען אין דער צייטונג ווי אויך אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן „פאָרווערטס״. פאַר די אַלע יאָהרען האָט ער ענטוויקעלט זיין טאַלאַנט, האָט באַוויזען צו שאַפען אַ סך בעלעטריסטישע ווערק און האָט אָנגעשריבען אויך אַ פאַר פּיעסען; אָבער פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער אַרויסגעגעבען בלויז איין זאַמלונג ערצעהלונגען (אין דעם יאָהר 1920) מיט׳ן נאָמען „ערצעהלונגען און בילדער״.

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז זיין געזונט זעהר אָפּגע־שוואַכט געוואָרען; אָבער אויך קראַנקערהייט האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבען מיט אַן איבערגעוועהנליכען ברען, ווי ער וואָלט געפיהלט, אַז ס׳איז פאַרבליבען פאַר זיין אַרבייט בלויז זעהר אַ קורצע צייט און ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּען וואָס מעהר ביז וואַנען עס ווערט שוין ניט צו־שפּעט.

שוין אין די שווערע יאָהרען פון זיין קראַנקהייט האָט ער זיך אַרומ־געטראָגען מיט פלענער אַרויסצוגעבען זיינע געזאַמעלטע ווערק; ער האָט נאָכאַנאַנד געקליבען זיינע שריפטען, האָט זיי פאַרריכט און האָט זיי צוגעגרייט צום דרוק, באַראַטענדיג זיך אָפט מיט זיינע נאָהענטסטע פריינד. אָבער, ווי עס טרעפט אָפט מיט מענשען, האָט ער, צום באַדויערען, ניט

באוויזען צו פארווירקליכען זיינע פלענער אין לעבען: הינטער זיינע פּלייצעס איז שוין געשטאנען דער בייזער שאָטען פון מלאך המות, וואָס האָט איהם ניט איין מאָל דערמאָנט, אַז די צייט איז קורץ, אַז באַלד שלאָגט שוין זיין לעצטע שעה. ער האָט זיך מוטיג געראַנגעלט מיט'ן שאָטען און האָט ניט פאַרלאָרען דערביי זיין שטענדיגע לעבענסלוסט, אָדער יעדענפאַלס האָט ער עס ניט אַרויסגעוויזען פאַר מענשען, ווי שלעכט ער האָט זיך ניט געפיהלט.

דעם 29טען אויגוסט פונ'ם יאָהר 1945 האָט דער קראַנקער, אויסגע־צערטער, אָבער אַלץ האָפנונגספולער באַטוויניק אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם, אַרומגערינגעלט מיט זיין הייס באַליבטער פאַמיליע, מיט זיין פרוי און זיינע קינדער, צו וועלכע ער איז געווען איבערגעגעבען אויף אַן אויסערגעוועהנליכען אופן.

נאָך זיין טויט האָבען זיין פרוי און זיינע קינדער, מיט דער הילף פון אַ גרופּע פריינד גענומען אויף זיך די פליכט צו פאַרווירקליכען זיין לעצטען הייסען וואונש, — אַרויסצוגעבען אַ זאַמלונג פון זיינע גע־געקליבענע ווערק. אַזוי זיינען איצט ערשינען די צוויי בענדער פון יענע ערצעהלונגען פון ב. באַטוויניק, וואָס זיינען ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געווען געזאַמלט אין אַ בוך.

ווי דער לעזער קען זיך דאָ איבערצייגען, האָט באַטוויניק פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט פון אַ רעאַליסטישען שרייבער, מיט אַ שאַרפען חוש פאַר שטילען הומאָר, וואָס איז אַנגעוואַרעמט מיט אַ געפיהל פון ליבע און רחמנות צו מענשען. באַטוויניק איז געווען אַן אויפמערקזאַמער, קלוגער בעאָבאַכטער פון לעבען. ער האָט מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט מענ־שען, חיות און די נאַטור בכלל, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט אויך געהאַט זיין אייגענאַרטיגען, פאַלקסטימליכען און אָפּטי־מיסטישען צוגאַנג צום לעבען און צו מענשען, אַ צוגאַנג מיט אַ גוט־מוטיגען שמייכעל, וואָס האָט אויך באַלויכטען זיינע טיפען און שיל־דערונגען מיט אַ וואַרימען ליכט.

באַטוויניק איז געווען אַ קלוגער, שאַרפזיניגער מענש, מיט וועלכען ס'איז געווען אַ פאַרגעניגען צו פאַרברענגען. ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט אייגענע שאַרפע און שאַרפזיניגע ווערטלאַך און באַמערקונגען, האָט ליב געהאַט אַ וויץ, אַ שפּאַס און אויך צו כאַפּען אַ שמועס מיט אַ פריינד. באַזונדער אינטערעסאַנט איז ער געווען אין דער אינטימער סביבה פון

זיינע נאָהענטע פריינד, צו וועלכע ער האָט געפיהלט צוטרוי און ליבשאַפט. דאָרטען פלעגט זיך צובליצען זיין הומאָר און זיין לעבענסלוסט.

אַ פּאָר צענדליג יאָהר נאָכאַנאַנד איז מיר באַשערט געווען צו זיין איינער פון באַטווויניק׳ס נאָהענטע פריינד; און פאַר מיר איז אַלע מאָל געווען אַן אמת׳ער פאַרגעניגען צו באַזוכען איהם אין זיין שטענדיגער היים אין שטאָט און אויך אין זיין זומער־היים, אין די קעטסקיל־בערג פון קאַיאַמישאַ. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען אונזערע אונענדליכע שמועסען וועגען אַלץ אין דער וועלט, אונזער פאַרברענגען צוזאַמען מיט איהם און מיט זיין גאַסטפריינדליכער פאַמיליע אין די זומערדיגע טעג און אָוונטען אין זיין שטילער, געמיטליכער זומער־היים, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט וואַלד און מיט ווייטע פאַרטרוימטע בערג. אַ פּאָע־טישער חן איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין אידילישען ווינקעל, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט ער אַהין אַנטלויפען צו באַהאַלטען זיך פון דעם שטאָטישען טומעל און פון דער פּוסטער און נאַרישער האַוועניש, מיט וועלכע מענשען פילען אָן זייער לעבען. ער פלעגט ממש אָפּלעבען אין זיין באַהעלטעניש; און די גע־בענשטע שטילע רוהיגקייט פון זיין ווינקעל פלעגט איהם אָפט אינספּי־רירען פאַר ליטעראַרישער אַרבייט. מיט גרויס אינטערעס און אַמאָל אפילו מיט באַגייסטערונג פלעגט ער נאָכפאָלגען אין זיין פאַרוואָרפענעם ווינקעל די שנעלע באַוועגונגען פון אַ „טשיפּמאַנק” אָדער פון אַ רויט־ברוסטיגען „ראָבין” אין גראָז, אָדער פון יונגע פויגעלעך אין אַ נעסט לעבען זיין הויז, און פלעגט אויך מיך אָנשטעקען מיט זיין געהויבענער שטימונג.

יענע אָנגענעמע טעג און אָוונטען, וואָס איך האָב אָפט פאַרבראַכט מיט איהם צוזאַמען אין די זומערדיגע מאָנאַטען, זיינען פאַרבליבען פאַר מיר צווישען מיינע בעסטע עראינערונגען אין לעבען. זיי זיינען פאַר מיר געווען ווי אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון פרישע איינדרוקען און באַאָבאַכטונגען, און זיי האָבען מיך נאָך ענגער פאַרבונדען מיט מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד און קאָלעגע.

ערשט דאַמאָלסט, אין דער אינטימער סביבה פון זיין פאַמיליע און פון זיינע נאָהענטע פריינד, האָט זיך ענטפלעקט פאַר מיר אין אַ פולער מאָס באַטווויניק׳ס מערקווירדיגע פעהיגקייט צו לעבען אויף אַ קלוגען, געזונטען און אינטערעסאַנטען אופן.

און דאָס איז אויך אַ טאַלאַנט, וואָס ניט אַלע מענשען פאַרמאָגען.

מיסטער דזשאָו

1.

דזשאָו באַקענט זיך מיט מאַלי'ן

— מיסטער, וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר? — האָט די ווייבעל, וואָס האָט פאַרקויפט פרענקפורטערס, אויסגעשריען צום דרייווער וואָס האָט געבראַכט אַ וואָגען שניט־סחורה צום שאָפּ.

אַזוי האָט זיך מאַלי באַקענט מיט דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן.

זי, אַ גע'גט'ע, אַ רויט־פּנימ'דיגע און פעטע, מיט פריזירטע טונקעל־געלע האָר, איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל איבער איהרע גראָבע פאַרהאָרעוועטע הענט, און האָט פאַרקויפט הייסע וואורשטלאַך לעבען דעם שניידער־שאָפּ אין איסט ניו יאָרק.

ער, אַ גרינער, אַ ברייט־ביינערדיגער איד, מיט פעך־שוואַרצע האָר, מיט זיין היימישער שוואַרצער בערדעלע פון האַרטע האָר, וואָס איז שוין געווען אַביסעל אַרומגעשאָרען, האָט געפירט מיט אַ וואָגען באַנדעלס טוך צום שאָפּ.

דזשאָו האָט שוין לאַנג באַמערקט די ווייבעל מיט'ן קלאָרען און רויט־ליך־גלאַנציגען פּנים, וועלכע האָט דינערטאָים געפּעדעלט מיט הייסע פרענקפורטערס ביים שאָפּ.

ווען זי האָט צו איהם אַ זאָג געטאָן: „מיסטער, וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר?" — האָט ער זיך ערשט דאָן דערמאָנט, אַז ער האָט טאַקע אויף איהר געקוקט.

עס איז שוין געווען אַ יאָהר דריי, אַז ער איז אַוועק פון דער היים פון זיין ווייב און קינדער. מיט אויגען ווי שפּיזען האָט ער געקוקט און דורכגעשטאָכען מאַלי'ס יעדען שטיק לייב, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהן פון איהרע פאַרקאַשערטע אַרבעל, געקוקט אויף איהרע גלאַנציגע באַקען, אויף איהר קיילעכדיגער פעטקייט.

—איך ווייס? — האָט דזשאָו געפרעגט, אַביסעל פאַרשעמט, און איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהר — איך ווייס?

—עפּעס קוקט איהר צופיל אויף מיר — האָט מאַלי געזאָגט מיט בליצענדע אויגען, דערלאַנגענדיג אַן אַרבייטער אַ פראַנקפורטער.

אַז עס האָט זיך געענדיגט די שטונדע פון דינער־עסען, האָט מאַלי צורעכט געמאַכט איהר סטענד'ל מיט די הייסע וואורשטלאַך, וואָס איז געווען אויף אַ וועגעלע, האָט זיך פאַרקליבען אַהיים און דזשאָו איז איהר נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר בלאָק.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין דזשאָו טאַקע אויף אַן אמת געקוקט אויף איהר און אָפט איהר אַ טשעפּע געטאָן מיט'ן בייטש־שטעקעלע, און זי האָט איהם שטענדיג געענטפערט אויף דעם מיט אַ קיצעלדיגען געלעכטער'ל:

— מיסטער דזשאָו, הערט אויף; מיסטער דזשאָו, סטאָפּט.

און פון איהרע אויגען האָט געשאָסען פייער און געצונדען דעם מיס־טער דזשאָו, וועלכער איז געווען עלענד אין אַמעריקע.

דריי יאָהר אַז מיסטער דזשאָו צוועטקין האָט ניט געהאַט אויף זיך קיין וואַרעמען היימישען בליק פון אַ פרוי. ס'איז שוין געווען אַ יאָהר דריי אַז פון דעם זאַטשינער לאַנדסמאַן, יאַשע דער פורמאַן, אַ בעל־הבית פון דער היים, איז געוואָרען אַ דזשאָו, אַ פּאַרגליוּוערטער דזשאָו, וואָס האָט ניט געהערט קיין היימישען צערטליכען וואָרט פון אַ פרוי, פון אַ נאָהענ־טער פרוי.

ס'איז שוין דאָן געווען אַרום פינף יאָהר, אַז מאַלי איז געווען פאַר־וואַגעלט איינע אַליין מיט אַ קינד און האָט געדאַרפט זוכען פאַרשידענע מיטלען צו מאַכען אַ לעבען פאַר איהר און פאַר'ן קינד, אַ איינגעלע פון אַ יאָהר אַכט.

אַט אַזוי האָבען זיי זיך באַקענט, געוויצעלט זיך אויף זייער שטייגער, ביז זיי זיינען געוואָרען ערנסט איינע צו די אַנדערע, און זיך גענומען אויסדערצעהלען די הערצער איינע פאַר די אַנדערע.

זי האָט דערצעהלט וואָס פאַר אַ שלעכטען מאַן זי האָט געהאַט, אַ שלימזל, אַ קאַרטען־שפּילער, און זי איז קוים פּטור געוואָרען פון איהם.

ער האָט אויסדערצעהלט זיין לאַגע, דאָס באַלד ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט אויסגעבראָכען די מלחמה. ער הערט ניט פון זיין פאַ־מיליע, ער ווייסט ניט צי אימיצער לעבט פון זיי.

אַט אַזוי האָט דזשאָו איהר גענומען העלפען ברייגנען דעם וועגעלע מיט די פראַנקפורטערס צום שאַפּ, העלפען אַוועקנעהמען דעם וועגעלע פון שאַפּ.

אַט אַזוי האָט ער גענומען אַריינקומען שבת און זונטאָג צו איהר; גענומען אַריינקומען אין אָוונט נאָך דער אַרבייט. זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט געוויצעלט; זיי האָבן זיך געהאַלטען מיט אַ פאַרדוייקעטער ערנסטקייט איינע מיט די אַנדערע.

ער האָט זיך גענומען וואַשען אָפּטער, זיך גענומען פּוצען. צו יעדען מאָל וואָס ער איז געקומען צו איהר, האָט געפעלט אַן אַכטעל אינטש פון די שטעכיגע פון זיין בערדעל. ביסלעכווייז האָט ער אינגאַנצען אָפּגעשאָרען די בערדעל מיט די שטעכיגע שוואַרצע האָר, און ענדליך זיך גענומען ראַזירען.

ער האָט זיך דאַן אַליין אַרומגעזעהן, אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. ער האָט אָפט געקוקט אין שפּיגעל און האָט פון זיך אַליין שטאַרק הנאה געהאַט.

גערופען האָט ער איהר מאַלי, און זי האָט איהם גערופען מיסטער דזשאָו. אין יענעם אָוונט אָבער, ווען ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איהם טוט זיך, האָט ער צו איהר גע׳טענה׳ט, רופענדיג איהר מיסעס.

— מיסעס, — האָט ער זיך ווי געבייזערט אויף איהר — מיסעס, וואָס ווילט איהר פון מיר? איך בין אַ פאַרהייראַטער מאַן.

— מיסטער דזשאָו, — האָט זי פּראָטעסטירט, — מיסטער דזשאָו, פּליז, איך האָב מורא פאַר אייך.

ביידע האָבען זיך געבייזערט איינע אויף די אַנדערע, און ביידע האָבען איינע פון די אַנדערע ניט געקענט אָוועקרייסען זיך.

באַלד ווי דאָס האָט פּאַסירט צווישען זיי, איז ער געוואָרען אומעטיג און האָט גענומען געהן אין שוהל דאַווענען מיט כוונה.

ער האָט זיך גאָרניט גערינכט, אַז דאָס וועט פּאַסירען. ער האָט זיך גאָר ניט גערינכט, אַז אָט די פרוי פון די פראַנקפורטערס וועט איהם פּאָלגען, וועט איהם נאָכגעבען.

„כ׳ווייס, האָט זיך ביי איהם געטראַכט, איך האָב געמיינט, אַז זי וועט פון מיר לאַכען, אָדער אַנשרייען, אָדער אָוועקטרייבען, און אַזוי וועט זיך עס פאַרציהען אַ שטיק צייט״.

ער האָט גענומען מורא האָבען פאַר איהר, פאַר דער פרוי פון די פראַנקפורטערס. וואָס פריינדליכער זי איז צו איהם געוואָרען, אַלץ מעהר האָט ער זיך פאַר איהר געשראָקען. עפּעס קומט ער איהר שוין אַ חוב.

און זי האָט גענומען קוקען אויף איהם מיט אַזאַ סאָרט שמייכעלע, ווי איינע וואָס האָט געבאָרגט וואָרע צו אַ קונד און דאַרף מיט איהם זיין פריינדליך ער זאָל ניט אַנזעצען.

זי האָט זיך געשראָקען פאַר׳ן געדאַנק, אַז ער וועט מעהר ניט קומען צו איהר. דאָס הייסט דאָך, „געזינדיגט און ווייטער וויל איך דיר ניט קענען״. עפּעס ווי אַן אונאַנשטענדיגע פרוי וואָלט זי געבליבען: אָט

דערפאַר האָט זי מורא געהאַט, דאָס איז געווען גאַנץ אַפּגעזעהן פון דעם געפיהל וואָס האָט זיך ביי איהר ענטוויקעלט צו דזשאָו'ען גופא.

אום ער זאָל איהר ניט אַנזעצען, ווי אַזעלכע קאַסטימער טוען געוועהנליך, האָט זי איהם און אויך זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אריינגעשלעפּט אין דעם דאָזיגען חוב וואָס מען רופט ליבע. און וואָס ווייטער איז איהר דזשאָו אַלץ מעהרער געפעלען געוואָרען און זי איז צוגעבונדען געוואָרען צו איהם.

דזשאָו איז אַלץ אומעטיגער געוואָרען, און מאַלי איז צו איהם אַלץ פריינדליכער געוואָרען. זי איז צו איהם געוואָרען גוט און פרעהליך און ניט דערלאָזען אַז דער אומעט זאָל איהם אַרומכאַפּען.

ער איז אַלץ אָפטער און אָפטער געקומען צו איהר. און יעדען מאָל וואָס עס האָט איהם געצויגען צו איהר, האָט ער אַלץ געשריען אויף איהר, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן, און זי האָט אַלץ גע'טענה'ט אין אַ ציטער פון תאוה:

— מיסטער דזשאָו, מיסטער דזשאָו, פּליז, איך האָב מורא פאַר אייך.

2.

און די צייט איז געגאַנגען איהר וועג

מאַלי האָט גענומען שוואַנגערען.

ווען זי האָט עס ענטדעקט האָט זי זיך דערשראָקען. זי האָט דערפיהלט אַ באַגער צו ריידען מיט אימיצען דערפון, פאַרטרויען זיך. זי האָט אָבער ניט געהאַט מיט וועמען. די איינציגע שוועסטער, וואָס זי האָט אין אַמעריקע, איז אַ איינגערע פון איהר. מיט אַ אינגערער שוועסטער קען מען ניט ריידען פון אַזעלכע זאַכען.

דער שרעק איז אָבער גלייך אַריבער, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז דזשאָו וועט באַלד קומען; איך אַוועגד וועט ער קומען.

מאַלי איז געווען אַ ווייבעל מיט לאַנגליכע און פלאַטשיגע אויגען, אַזעלכע אויגען וואָס זיינען לאַנגליך אין דער ברייט, און פון זיי זעהט זיך אַרויס אַ שמייכעלע. דאָס איז אַזאַ שמייכעלע, וואָס מענשען נעמען עס אַן פאַר כיטרעקייט, און אין דער אמת'ן איז עס ניט קיין כיטרעקייט אָפּצונאַרען יענעם, נאָר זיך אַליין. אַזעלכע אויגען פאַרמאָגען די מענשען וואָס האָבען ליב דעם היינט, בלויז דעם היינט. ס'האָט איהר ניט געאַרט וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, ווייל זי האָט דעם שפּעטער ניט געזעהן. זי האָט וועגען דעם שפּעטער ניט געטראַכט, און דערפאַר איז איהר שטענדיג געווען גוט אויפ'ן האַרצען און איהרע לאַנגליכע אויגען האָבען געשמייכעלט און ווי געזאָגט „אוי, איז מיר גוט! אַ מכה ווייסען זיי ווי גוט מיר איז".

בײ מאַלי׳ן האָבען די גוטע זאַכען פון לעבען שטענדיג אַרויסגערופען מעהר פרײד װי די שלעכטע זאַכען האָבען אַרויסגערופען צער. זי איז געװען, װאָס מענשען רופען, אַן אָפּטימיסטקע. זי האָט באַלאַנגט צו יענע פּעטע פרויען, װאָס װײסען, אַז עסען זיסע זאַכען איז פאַר זײ ניט גוט, נאָר זײ װילען עס ניט װיסען. זײ האָבען מעהר הנאה פון עסען קענדי, װי זײ האָבען צער פון װערען פעט... אין מאַלי׳ס קרײז פון באַקאַנטע האָט מען שטענדיג אויף איהר געזאָגט „װאָרף איהר אַ קאַץ אין פּנים". דאָס האָבען אויף איהר געזאָגט איהרע באַקאַנטע, מיט װעלכע זי פלעגט זיך קריגען, אויף װעמען זי פלעגט עפּענען אַ גרויס מויל.

אַט אַזאַ מאַלי איז דאָס געװען.

אין דזשאָו׳ן איז זי געװאָרען פאַרקאַכט, און װײטער האָט איהר ניט געאַרט. און אַז עס האָט איהר יע אַמאָל געאַרט, האָט זי זיך בלויז גענומען דעם ערשטען בעסטען תירוץ װאָס עס האָט זיך איהר געמאַכט צום האַנד.

דזשאָו האָט אַ װײב אין יוראָפּ? נו, װעט ער איהר שיקען אַ גט. אַזוי שנעל װי זי האָט זיך עס פאַרענטפערט, איז שוין װידער אַלץ גוט געװען.

זי האָט זיך צוגעקליבען צו זאָגען דזשאָו׳ן אַז זי שװאַנגערט.

װאָכען נאָכאַנאַנד האָט זי זיך צוגעקליבען איהם צו זאָגען, און זי האָט עס אַלץ דערװײל געלאָזען געהן װי עס געהט.

יענעם אָװענד האָבען איהרע גלאַנציגע רונדע באַקען מעהר גע־פלאַמט װי געװעהנליך, און איהרע פריזירטע האָר זײנען געװען מעהר פריזירט װי אַלעמאָל.

כאָטש זי האָט פריהער געטראַכט און װידער געטראַכט װי אַזוי זי װעט עס איהם אָנזאָגען, האָט זי איהם דאָס אַ זאָג געטאָן אין אַן אָגב אורחא.

װען ער האָט איהר געקניפּען די פלאַמענדיגע רונדע באַקען און פון זײנע אויגען האָט געשפּריצט פײער, האָט זי צו איהם אַ זאָג געטאָן:

— דזשאָו (זי האָט שוין דאַמאָלס ניט געברויכט דעם „מיסטער", װי זי איז געװעהנט געװען) איך װעל װערען אַ מאַמע. געדענק, דזשאָו, איך װעל װערען אַ מאַמע.

דזשאָו׳ן האָט זיך אָפּגעריסען עפּעס אין הארצען. ער איז װי אָפּ־געשפּרונגען פון איהר, װי זי װאָלט איהם דאַ דערלאַנגט מיט עפּעס אַ שװערע זאַך איבער׳ן קאָפּ.

מאַלי האָט זיך דערשראָקען פאַר איהם. זי האָט זיך ניט געריכט אַז ער װעט אַזוי צוטומעלט װערען.

זי האָט זיך געוואָלט פאַרכאַפּען: זי האָט שיער ניט געזאָגט אַז ס'איז גאָרניט, אָבער דאָס האָט זי ניט געזאָגט.

זי האָט גענומען דריקען זיך צו איהם, מאַכען אַזעלכע תאוה האַוואַ־יעס, וואָס זיינען איהר אַליין געווען דערווידער. זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס אין איהרע תאוה באַציהונגען. זי האָט געזוכט מיטלען מיט וואָס „אויפצומונטערען״ דזשאָו'ן פון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט געקראָגען פון איהרע פאָר ווערטער.

דזשאָו האָט איהר נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אין אַזאַ גאַסטן־פּרוי־באַנעמונג, און דאָס האָט איהם ווירקליך צוטומעלט. זי האָט פון איהם אַרויסגערופען אַ פּאָר'שיכור'טע ווילדקייט. מיט אַ גזלנ'ישע אויסגעלאַ־סענקייט האָט ער זיך צו איהר באַנומען. מיט אַ ברוטאַליטעט וואָס האָט אין זיך געהאַט אמת'ן כעס. זי האָט אַלעס באַגעגענט ווי אַ פאַרשולדיגטע.

שפּעטער אַביסעל האָט זי געמאַכט אַן ערנסטן פנים, גענומען ווישען די אויגען, כאָטש עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט וויינען, און זי האָט געזאָגט:

דזשאָו, איך שווענגער; איהר זאָלט עס געדענקען, דזשאָו.

ער האָט שוין איצט רוהיגער דערפיהלט דעם שרעקליכען אמת פון דעם. אַ כמאַרע האָט זיך פאַרצויגען איבער דזשאָו'ס פנים, און שטאַמ־לענדיג האָט ער אַרויסגערעדט ווי אַ פאַרוואורף צו איהר:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין אַ פאַרהייראַטער מאַן.

זי האָט גענומען וויינען הויך, אויפ'ן קול, און אין דער אמת'ן האָט זיך איהר ניט געוואָלט וויינען. זי האָט פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף וויינען, אָבער עס האָט זיך איהר ניט געוויינט. עס האָט זיך איהר ניט געוויינט, ווייל זי האָט געוואוסט אַז דזשאָו איז מיט איהר, און אַז ער וועט זיין מיט איהר.

זי האָט איהם שוין גוט געקענט.

זי האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט'ן פנים אין קישען; דזשאָו האָט זיך אַ דערשלאָגענער אַביסעל צייט אַרומגעדרעהט איבער'ן הויז און איז אַוועק.

ער איז אַוועק און איז באַלד אַרויפגעקומען צוריק, געבליבען שטעהן ווי אַ שכור וואָס האָט זיך אויסגעניכטערט און האָט באַטראַכט אַז עפּעס האָט מען איהם דאָ אין שענק ניט ריכטיג צוגעצעהלט די אויסגאַב פון זיין געלד.

ווען ער איז אַריין, איז שוין מאַלי אַרומגעגאַנגען איבער'ן הויז.

ווי ער האָט זיך באַוויזען, האָט זי זיך געגעבן אַ צאַפּעל און מיט אַ געטרייען געלעכטער׳ל געזאָגט:

— אי, איך האָב זיך דערשראָקען!

דערזעהענדיג ווידער דזשאָו׳ן אין הויז, איז איהר ליכטיגער געוואָרען אויף דער נשמה. זי האָט זיך מיט ביידע הענט געכאַפּט פאַר׳ן האַרצען און דעם „אי, איך האָב זיך דערשראָקען״, האָט זי אויסגעשריען מיט אַ ספּעציעלער ראָמאַנטישער שרעק, צו מאַכען אַן איינדרוק אויף דזשאָו׳ן, ער זאָל וויסען, ער זאָל זעהן ווי דאָס האַרץ צאַפּעלט זיך ביי איהר.

ע, מען זאָגט דאָך, — האָט דזשאָו געגומען שטאַמלען, — מען זאָגט דאָך, אַז מען קען עפּעס טאָן, כ׳וויס, אַז עס ווערט גאָרנישט; מען זאָגט דאָך, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע דאָקטוירים . . . כ׳וויס? . . .

מאַלי האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט פאַרשעמטע בליקען, ווי זי וואָלט געטראַכט מיט וואָס עס איז בעסער צו נעמען דזשאָו׳ן אין פלען — צי מיט כעס, צי מיט געוויין, צי גאָר מיט אַ פרעהליכען שמייכעלע.

— ע, — האָט דזשאָו אַלץ געשטאַמעלט, — איך מיין מען זאָגט, אַז מען קען זעהן זיך מיט אַ דאָקטאָר, טאָקע זעהן דעם גרעסטען דאָקטאָר.

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען, צוגעגאַנגען באַהענט, גאָר באַהענט, מיט לאַסקעס, אָנגעהאַנגען זיך אויף איהם און געזאָגט:

— איהר מיינט, אַז איך האָב ווייניג געטראַכט וועגען דעם? איך בין שוין געלאָפען, געפרעגט, געזוכט; ס׳איז אָבער שוין צו־שפּעט.

דזשאָו האָט שטיל געמורמעלט צו זיך אַליין:

— וואָס וועט מען עס טאָן? וואָס וועט מען עס טאָן?

זיין גאַנצער קאָפּ איז דאָן געווען פאַרנומען מיט זאַטשיבע, מיט זיין ווייב, זיינע קינדער אין זאַטשיבע.

אין דער אמת׳ן האָט מאַלי ערגעץ ניט געפרעגט און קיין זאַך ניט געטאָן. מאַלי האָט מורא געהאַט פאַר׳ן טויט. זי האָט זיך אָנגעהערט פון אַזעלכע אָפּעראַציעס, און געבליבען אין געדאַנק זיינען איהר בלויז די טראַגעדיעס, וואָס האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט שטאַרבען. זי איז שוין צופרידען געווען וואָס עס איז אַוועק צופיל צייט און זי האָט זיך אַליין געקענט געבען דעם תירוץ, אַז עס איז שוין צו־שפּעט עפּעס צו טאָן.

געוואָלט האָט זי זאָגען צו דזשאָו׳ן, אַז ס׳איז דאָך זייער ביידענס; ס׳וועט זיין זייער ביידענס קינד; אָבער דזשאָו איז געשטאַנען ווי איינער וואָס דינגט זיך אויף עפּעס אַן אַרטיקעל, ווי איינער וואָס וויל ניט צאָהלען דעם פּרייז, און מאַלי האָט געזוכט מיט וואָס צו מאַכען אַ סוף פון

זיינע פינסטערע געדאַנקען; כאַטש מאַכען אַ סוף אויף דערווײלע, און שפּעטער וועט מען שוין זעהן.

— ווײסטו וואָס? — האָט זי זיך צוגעשאַרט גאַר נאָהענט צו איהם, זאָגענדיג איהם צום ערשטען מאָל „דו״. — ווײסטו וואָס, דזשאָו, מיר׳ן זעהן, מיר׳ן זעהן וועגען דעם.

דזשאָו האָט זיך אויסגעדרעהט צום טיר, געקראַצט די פּאַטילניצע און נאָכגעזאָגט:

מיר׳ן זעהן, אַלראַיט, מיר׳ן זעהן.

זי האָט איהם באַגלײט צום טיר, לאַשצענדיג געגלעט איהם איבער׳ן פּלײצע און איהם געטרײסט ווי ניט זי, נאָר ער, וואָלט געווען אין דעם שוואַנגער־צושטאַנד:

מיר׳ן זעהן, דזשאָו, מיר׳ן זעהן.

נו, מיר׳ן שוין זעהן, — האָט ער געזאָגט, אַרויסגעהענדיג פון הויז, און אַלץ געהאַלטען די פינגער אונטער׳ן היטעל.

דזשאָו האָט גענומען פאַלען אין מוט. עס האָבען זיך איהם גענומען ווײקלען אין מוח ווער ער איז, וואָס ער איז. ער, אַ פּראָסטער מענש אין זאַטשינע, איז ער אָבער דאָרטען געווען אַ שטיקעל בעל הבית. שבת האָט איהם אַמאָל אימיצער גערופען „רב יאשע״. ער האָט באַלאַנגט צו חברה תהלים, צוגעהערט זיך צום רב׳ס שמועסען מיט די בעל בתים, געווען אַ בעל הבית, און זי, די ווײב זײנע, חיה, זי איז געווען אַ ביסעל אידעלער פון איהם. זי קען נאָך איצט אַלײן ווי עס איז אויפשרײבען אַ בריוועל.

ווען אָט די אומעטיגע געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט אין זײן מוח, פלעגט ער אַוועקגעהן ערגעץ און נעמען אַ שנאַפּס. נאָכ׳ן שנאַפּס פלעגט ער קומען צו מאַלי׳ן.

ערשט דאַן האָט מאַלי געקראַגען קוראַזש. איהר שוואַנגער־צושטאַנד האָט זיך נאָך ביט אָנגעזעהן פאַר לײטען, אָבער פאַר דזשאָו׳ן האָט זיך שוין אָנגעזעהן די קענטיקײט. ער פלעגט קומען צו איהר אַ באַטרונקע־נער, מיט פײערלעך אין די אויגען, אָבער דורך דער צײט פון זײן זײן בײ מאַלי׳ן פלעגט ער זיך אויסניכטערען. ער פלעגט דאַן קוקען אין דער זײט אויף איהר, אָן אומעט פלעגט זיך פאַרקלײבען אין איהם.

ווען זי האָט דערזעהן ווי ער קוקט אויף איהר פאַרטראַכט, האָט זי איהם אויפגעמונטערט. זי האָט איהם כוואַטסקע אַ קלאַפּ געטאָן איבער זײן ברוסט און געזאָגט:

— וואָס אַרט דיך פאַר וועמען? ביזט עפּעס אימיצען שולדיג?

דו ביזט קיינעם ניט שולדיג. דאָ איז אַמעריקע; אַמעריקע איז אַ פרייע לאַנד. מאַכסט אַ לעבען? האָב זיי אַלעמען אין דער'ערד.

דזשאָו איז טאַקע לוסטיגער געוואָרען פון מאַלי'ס כוואַטסקעקייט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פלעשעלע, אַ זופּ געטאָן, אַ ריס געטאָן מאַלי'ן פאַר איהרע געלע פריזירטע האָר און אויסגערופען:

— אַי, ביזטו אַ מאַלי! אַזש שדים זאָלען דיך נעמען!

3.

די געשיכטע וואָס איז פאַרלאָפען אין גרינפּאָינט

מאַלי'ס צושטאַנד איז געוואָרען אַזאַ, וואָס באַהאַלטען זיך האָט זי שוין ניט געקענט. דזשאָו'ן האָט זי שוין אָבער געהאַט פעסט לעבען זיך. זי האָט גוט געוואוסט איהר מאַכט איבער איהם: וואו זי וועט געהן, וועט ער געהן. און עס איז איהר איינגעפאַלען אַ גוטער געדאַנק: צו וואָס זאָל זי זיצען אין איסט ניו יאָרק, וואו מען קען איהר, און וואו מען קען דזשאָו'ן? ניו יאָרק איז דען אַ קליינע שטאָט? פאַרוואָס זאָל זי ערגעץ ניט אַוועקמופען, וואו זי זאָל זיין די פרוי און דזשאָו דער מאַן? און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך שוין ניט קיין אומגליק וואָס זי שוואַנגערט. אַדרבה, דאָס שוואַנגערען איז דוקא אַ גוטער מיטעל געגען דזשאָו'ן.

ס'איז איהר אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק צו מופען קיין ניו יאָרק. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דזשאָו האָט איהר געזאָגט, דאָס אין ניו יאָרק, דאַון טאַון, וואָהנט זיין ווייב'ס ברודער. ווייטער ווי דאַון טאַון האָט זי ניט געוואָלט מופען, ווייל דזשאָו'ס דזשאָבס זיינען אַלע אין ברוק־לין. איז איהר טאַקע איינגעפאַלען צו מופען אין וויליאַמסבורג, ערגעץ ווייט, אָן אַ זייט פון וויליאַמסבורג.

זי איז אַוועק זוכען רומס. זי איז געגאַנגען ווייט אין וויליאַמסבורג, ערגעץ וואו וויליאַמסבורג ענדיגט זיך, און זי איז פאַרקראָכען אַזש אין גרינפּאָינט. יע, טאַקע אין גרינפּאָינט — גרינפּאָינט איז נאָך בעסער.

זי האָט געקראָגען רומס אין אַן אַלטער הויז, און די הויז האָט אויך געהאַט אַ יאַרד. טאַקע גוט צו האַלטען אַ וואָגען. דזשאָו האָט אימער געהאַט אַ קוואָרטיר וואָס האָט אַ יאַרד פאַר'ן וואָגען.

אַזוי האָט עס פּאַסירט. מאַלי האָט גענומען איהר קינד פון דעם ערשטען מאַן, גענומען דזשאָו'ן און אַריינגעקליבען זיך אין גרינפּאָינט. אַ שפּאָגעל־נייע מאַן און ווייב מיט אַ קינד. מיסטער און מיסיס צוועט־קין, האָבען זיך באַזעצט אין גרינפּאָינט.

מאַלי האָט שוין מעהר קיין פראַנקפורטערס ניט פאַרקויפט. זי איז געזעסען אין הויז, געהאַט צו טאָן מיט איהר קינד פון ערשטען מאַן, געקאָכט וועטשערעס און געריכט זיך אויפ'ן קינפּעט. דזשאָו האָט איהר געבראַכט די „פיידע" און עס האָט אויסגעזעהן, אַז איהר גליק האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען.

ווער קען איהר איצט עפּעס טאָן? ווער קען איהר איצט עפּעס זאָגען? עס האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אַז זי איז פאַרזיכערט פון אַלעמען און פון אַלע זייטען.

מיסעס צוועטקין און מיסעס צוועטקין, אַלע זיינען מיט איהר גאָר אדרבה ואדרבה. אין גראָסערי סטאָר איז זי אַ גוטער קאַסטאָמער: אין בוטשער־שאָפּ איז זי גאָר אַ טייערער קאַסטאָמער.

אַז דער בוטשער פלעגט האַלטען אין שניידען פאַר איהר אַ חלק פליישׁ, פלעגט די בוטשערקע אַרויסקומען פון די רומס אין סטאָר אַריין און זאָגען מיט אַ צוקערדיגע מינעלע:

— מיסעס צוועטקין, מעגען מיר זיך ריכטען אויף אַ ברית?

מאַלי, מיט איהר שטענדיגען „וואָס אַרט עס מיך", פלעגט אַ קיצעל־דיגען שמייכעל טאָן מיט געמאַכטער פאַרשעמקייט און ענטפערען:

— מען וועט שוין אָנזאָגען.

— נו, וואָס זשע, — פלעגט דער בוטשער, מיסטער יעלקין, אַרויסזאָגען חכמה'דיג, זעגענדיג אַ גרויסען ביין — וואָס זשע, אַ ברית איז אַ ברית.

אין גראָסערי סטאָר פלעגען ווייבערישע אויגען אָפּמעסטען מאַלי'ן און אַ זאָג געטאָן הויך אויפ'ן קול, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— עס וועט זיין שמחות אויפ'ן בלאָק.

און מאַלי האָט זיך געפיהלט גוט, גוט און צופרידען, ניט טראַכטענדיג מיט קיין שום ערגערניש וועגען דער אמת'ער לאַגע, ווי אַ גנב טראַכט ניט מיט ערגערניש ווען ער טראָגט זיך אַרום מיט גע'גנב'עטע צעהן דאָלאַר בילס, ווי דער גנב וואָס נעמט געזען פון סטאָר־קיפּער דעם „טענק יו" באַצאָהלענדיג מיט געלד וואָס ער האָט אויסגערויבט פון אַ פרעמדער הויז.

מאַלי איז אין גרינפּאָינט ערשט געקומען צום לעבען. דזשאָו האָט זיך איינגעוואוינט אין זיין ראָלע אַלס דער מאַן. דער בעל מפרנס. און מאַלי'ן איז געווען פרעהליך אויפ'ן האַרצען.

אין איינינע מאָנאַטען אַרום איז מאַלי געלעגען געוואָרען, געהאַט אַ מיידעלע, און אַ נאָמען געגעבען איהר — לילי.

אין צייט פון קינפּעט זיינען אָריינגעקומען שכנות, אינטערעסירט זיך מיט דער מיסעס צוועטקין, אַרויסגעהאָלפן איהר, אַרויפגעטראָגען איהר זאַכען פון גראָסערי סטאָר און פון מילך סטאָר, וואָס די סטאָר קיפּערס האָבען פאַרגעסען אַרויפשיקען.

נאָכ'ן קינפּעט, ווען מאָלי איז אַרויס אין גאַס מיט איהר נייער בייבי, אין דעם נייעם קערעדזש, האָט איהר דער בלאָק איבערגענומען מיט אַ מזל טוב. יעדע פרוי האָט זיך איינגעקוקט אין דער בייבי און עפּעס באַמערקט:

— אַ שעהנע בייבי, קיין עין הרע, זאָל זיין מיט לאַנגע יאָהר.

אַן אַנדערע האָט נביאות געזאָגט, אַז עס וועט אויסוואַקסען אַ שעהנע מויד.

אַ דריטע האָט זיך איינגעקוקט און געזאָגט:

— געראָטען אין טאַטען, דער טאַטע מיט די ביינער.

אַ פערטע האָט זיך איינגעשטעלט, אַז די בייבי איז דוקא געראָטען אין דער מאַמען, אין גאַנצען די מאַמע.

דורך דער צייט פון קינפּעט און אין די פּאָר וואָכען נאָכ'ן קינפּעט, האָט דער בוטשער, די גראָסערי סטאָר, די מילך־סטאָר אַרויפגעשיקט די אָרדערס. און מאָלי, ווען זי איז אַרויס צום ערשטען מאָל אין גאַס, איז אַוועק איבער די סטאָרס אויסרעכענען זיך און באַצאָהלען.

— איך בין שוין אייך שולדיג אַ סך געלד, — האָט זי געזאָגט אין יעדער סטאָר, וואו זי איז אַריינגעקומען.

— נישקשה, נישקשה, ס'איז גוטע געלד, — האָט איהר יעדער בעל־פּרנסה גע'חנפה'ט.

— איהר האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט איך זאָל אַנטלויפען מיט'ן חוב? — האָט מאָלי זיך אין שפּאַס געררייצט און געצויגען אַלץ קאָמ־פּלימענטען פאַר זיך.

— אַזעלכע קאַסטימערס ווי איהר — האָט דער סטאָר קיפּער גע־זאָגט — זאָל איך כאָטש האָבען אַ פּאָר הונדערט.

און מאָלי האָט זיך געפיהלט שטאַרק, זעהר שטאַרק. זי האָט זיך געפיהלט איינגעפונדעוועט און באַשיצט אַלס מיסעס צוועטקין אין גריב־פּאָינט.

דזשאָ האָט זיך אויך געענדערט צום גוטען, און ער איז כסדר געקומען צו איהר, ווי אַ מאַן קומט צו דער ווייב אַהיים.

צייטענווייז פלעגט איהם דאָך אַרויפקומען אַ וועהטאָגדיגער געדאַנק:

„געוואַלד, געוואַלד, וואָס וועט דאָס זיין? אַ ממזר!” דער געדאַנק וועגן ממזה האָט איהם געשניטען מיט יסורים.

אָבער זייט דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען, האָט ער זיך ביסלעכ־ווייז ווי איבערגעקליבען אין אַן אַנדער לאַנד. ער איז געוואָרען ווייט ווייט פון זאַטשינע, אזש זאַטשינע האָט זיך כמעט ווי ניט אַנגעזעהן. דאָס קינד, די מיידעלע, לילי, האָט ער ליב געקראָגען, און מאַלי האָט איהם אין גאַנצען געוואונען.

עס זיינען אַריבער עטליכע מאָנאַטען און עס האָט פּלוצלינג פּאַ־סירט אַזוינס, וואָס האָט אונטערגעשניטען מאַלי׳ס גליק. אימעצער האָט ווי אונטערגעלעגט אַ פייער אונטער דעם פאַמיליע־נעסט פון דער נייער פּאַר־פאָלק, מיסטער און מיסעס צוועטקין.

גאַנץ ניו יאָרק און ברוקלין זיינען פאַרפּלייצט מיט לאַנדסלייט פון אַלערליי שטעט און שטעטלאַך. די לאַנדסלייט געהען אַרום איבער די גאַ־סען, איבער די הייזער, קלאַפּען אין די טירען אַלס אינשורענס אַגענטען קאָלעקטאָרס, פּעדלערס, גלעזערס, און איינער פון אַט די אַרומגעהענדע לאַנדסלייט האָט פאַרבלאָנדזשעט צו די צוועטקינס אין דעם געשטאַלט פון אַ גלעזער.

מאַלי׳ס אינגעל האָט צעבראָכען אַ שויב פון אַ פענסטער. אַ פּאָר וואָ־כען צייט איז די שויב געווען פאַרשטעקט מיט אַ שמאַטע און קיין גלע־זער האָט זיך ניט באַוויזען.

איין מאָל, אַ פאַרנאַכט, האָט מאַלי דערזעהן אַ איד מיט אַ קעסטעל שויבען — אַ גלעזער. האָט זי איהם אַריינגערופען אַריינצושטעלען די שויב. איז דער איד אַרויפגעקומען און אַריינגעשטעלט די שויב.

אַ שטילער אידעל איז דאָס געווען. אַ נידעריג געוואַקסענער אידעל, מיט אַ שוואַרץ־גרויליכער בערדעל, מיט אַ ביסעל אַן אויסגעבויגענעם רוקען. ער האָט גערעדט פריינדליך מיט מאַלי׳ן, אויסדערצעהלט ווי לאַנג ער איז אין אַמעריקע, וויפיל קינדער ער האָט שוין פאַרהייראַטע. און — געה ווייס, אַז אַט דער אידעל איז אַ מין מלאך־המות.

אַז דער גלעזער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שויב אַריינ־שטעלען, איז דזשאָו אַרויפגעפאָהרען מיט זיין פערד און וואָגען אויפ׳ן יאַרד.

מאַלי האָט דערהערט דזשאָו׳ן אַרויפפאָהרען אויפ׳ן יאַרד. האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט מיט דער בייבעלע אין דעם פענסטער, וואָס איז

אַרויסגעקומען צום יאַרד, געהוידעלט דאָס קינד ביים פענסטער, געקלאַפּט צו דזשאָו'ן אין שויב און געזונגען צו דער בייבי:

— אַט איז דער פּאַפּאַ, אַט קומט דער פּאַפּאַ.

פון יאַרד האָט דזשאָו אַרויפגעקוקט צום פענסטער, אויסגעשצירעט זיינע ציינער מיט אַ שמייכעלע און אַרויפגעשריען:

— לילקע, לילקע מיין, מיין בייבי!

דער גלעזער איז געבליבן שטעהן מיט זיין קעסטעל גלאָז און אַ זאָג געטאָן:

— נו, מיסעס, שוין פאַרטיג.

— געהט אַרונטער אין יאַרד, מיסטער, — האָט מאַלי געזאָגט צום גלעזער, — מיין מאַן וועט אייך באַצאָהלען.

זי האָט געהאַט ביי זיך געלד, נאָר זי האָט מאָדנע הנאה געהאַט צו זאָגען: „מיין מאַן וועט אייך באַצאָהלען". דעם וואָרט „מיין מאַן", האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ספּעציעלער גרויסקייט.

דער גלעזער איז אַרונטער אין יאַרד, צוגעגאַנגען צום עקספּרעסמאַן און געזאָגט:

— פערציג סענט, מיסטער.

דזשאָו האָט אַריינגעשטעקט די הענד אין קעשענע נאָך קליינגעלד, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפ'ן גלעזער, דער גלעזער — אויף איהם.

זיי זיינען ביידע געבליבן שטיין געפּלעפּטע.

דער גלעזער, דאָס איז טאַקע געווען אַ זאַטשינער, חיים דוד דער גלעזער, חיים דוד לייבע'ס. ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט צווישען די לאַנדסלייט וועגען יאָשע דעם פורמאַן, אַז ער איז נעלם געוואָרען ערגעץ מיט אַ אידענע. ביים מיטינג פון דער זאַטשינער חברה האָט מען שוין וועגען דעם עטליכע מאָל גערעדט. יאָשע'ס ווייב'ס ברודער האָט איין מאָל פאַרגעלעזען אַ בריף פון יאָשע'ס ווייב, פון דער היים, אַז זי הערט ניט פון איהר מאַן און אַז זי האָט ניט פון וואַנען צו לעבען: ער שיקט איהר ניט קיין געלד. די לאַנדסלייט האָבען אַרומגעזוכט יאָשע'ן, און פּלוצלונג האָט ער, חיים דוד לייבע'ס, געפונען יאָשע'ן.

חיים דוד דער גלעזער האָט זיך דאָ עפּעס מעהר דערשראָקען ווי דזשאָו.

— יאָשע? — האָט דער גלעזער אויסגעשריען מיט אַ פראַגע.

נו, יאָשע, — האָט דזשאָו געענפערט בייזליך, ווי חיים דוד וואָלט דאָ געווען דער שולדיגער.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, יאָשע? — האָט איהם חיים דוד גענומען פרעגען, כדי צו פאַרשלאָגען די איבערראַשונג און אונאַנגענעהמליכקייט.

דזשאָו האָט שוין געהאַט אַריינגערוקט די פערציג סענט אין דעם גלעזער׳ס האַנד און ער האָט זיך געפּאַרקעט אַרום וואָגען, פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין וואָגען אַריין, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סגולה, אַז דער לאַנדסמאַן זאָל ניט וויסען אַז ער איז יאָשע.

חיים דוד האָט געכאַפּט אַ קוק צום פענסטער פון הויז, וואו ער האָט געזעהן די רויטע אידענע מיט׳ן קינד, און אין האַרצען האָט זיך איהם געמורמעלט: „אַזוי גאָר? יאָשע? אַזוי גאָר״.

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו דזשאָו׳ן און געוואָלט עפּעס פאַר־בעסערען די לאַגע, ס׳הייסט זיין אייגענע לאַגע, וואָס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט דאָ אונגערען אַן עפען געטאָן אַ פאַרשלאָסענע טיר, וואו ער האָט געטראָפען אַ מאַן מיט אַ פרוי.

— יאָשע, — האָט זיך אָפּגערופען דער גלעזער מיט אַ גוט־ברודער־שען טאָן, — פאַר מיר דאַרפסטו קיין מורא ניט האָבען, ס׳איז ניט מיין עסק.

דזשאָו האָט געוואָלט, אַז חיים דוד זאָל שוין אַוועקגעהן, פּטור ווע־רען פון איהם. ער האָט אָבער עפּעס געמוזט ענטפערען איהם, ווייל ער רעדט ווי אַ מאַן. ער האָט אַ קעהר געטאָן דעם פּנים און געזאָגט:

— אָלראַיט. נו, יאָשע, טאַקע יאָשע: נו איז וואָס?

חיים דוד האָט געזעהן, אַז יאָשע איז נאָך ניט אויסגעטשוכעט, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ בלאַטען אידעל, און מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— אַי, יאָשע, דאָט׳ס אָלראַיט; ביזט אָלראַיט, יאָשע; ביזט אַ מאַן; פאַר מיר דאַרפסטו קיין מורא ניט האָבען.

חיים דוד איז געווען אַ אידעל וואָס האָט ליב געהאַט צו נעמען אַ שנאַפּס ווען עס האָט זיך געלאָזען, ס׳הייסט, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט. ער איז געווען גרייט צו מאַכען אַ שנאַפּס מיט יאָשע׳ן, ווען יאָשע וואָלט איהם גערופען אין הויז אַריין. אָבער יאָשע איז גע־ווען קאַלט און אומגעדולדיג.

חיים דוד איז געשטאַנען אַ ווײַלע, דזשאָו האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַן אומרוהיגען בליק אויף איהם, און אַ מורמעל געטאָן:

— נו, יאָשע, אַז יאָשע איז וואָס?

חיים דוד האָט זיך גענומען שרעקען פאַר יאָשע׳ס בליקען. ער האָט

איהם געגעבען די האַנד, ווידער פאַרזיכערט אַז פאַר איהם דאַרף ער קיין מורא ניט האָבען, און איז אַוועק.

ער איז אַרויס פון יאַרד און ערשט באַטראַכט וואָס פאַר אַ טייערען אוצר ער האָט דאָ ענטדעקט. ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן ביי די לאַנדסלייט, ווען ער וועט ברענגען די וויכטיגע נייעס וועגען יאַשע דעם פורמאַן.

דזשאָו איז אַריין מיט קולות אין הויז אַריין.

— שאַ, שאַ, — האָט מאַלי איהם גענומען טרייסטען, — מען האָט איהם אין דער ערד, דעם גלעזער. וואָס ביסטו איהם שולדיג? וואָס קען ער אונז טאָן?

דער גלעזער איז אַרויס איבער'ן גאַס, געקוקט אַלץ צו דער הויז, וואו ער האָט אַריינגעשטעלט די שויב, גערעדט צו זיך אַליין:

— אַזוי גאַר, יאַשע! הייסט עס, דאָס איז ער, און זי איז די ווייב. און דאָס קינד?

און ער האָט זיך אַליין פאַרענטפערט, מאַכענדיג צו זיך אַליין מיט די הענד:

— נו, יאָ, דאָס קינד. אַ קינד איז אַ קינד.

חיים דוד דער גלעזער, דער זאַטשינער לאַנדסמאַן, האָט זיך ניט געקענט אָוועקרייסען פון דעם בלאָק, וואו ער האָט געטראָפען אַזאַ טייערען געפינס. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז דאָ עפּעס אויפטאָן אויפ'ן בלאָק.

אַ גלעזער איז אַזאַ סאָרט מענש, וואָס געהט אַרום פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, און צעטראָגט געשיכטעס און גע־שיכטעלעך פון איין טיר אין דער אַנדערער. אַ גלעזער וואַרט ניט ביז אימעצער וועט איהם אָפּשטעלען. ער האָט מיט זיך זיין קעסטעל גלאָז, און די קעסטעל גלאָז מאַכט איהם היימיש מיט יעדען.

צו דער געשיכטע מיט דזשאָו'ן איז חיים דוד געווען ניט סתם אַ גלעזער, נאָר טאַקע אַ גלאַזונער מחותן, און איידער ער האָט פאַרלאָזען דעם בלאָק, האָט ער זיין גרויסע ענטדעקונג איבערגעלאָזען אין אַ פּאָר גראָסערי סטאָרס, אין אַ קענדי סטאָר און אין דעם בוטשער שאָפּ. ער האָט די סענסאַציע פאַרזייעט צווישען די שכנים.

— אַזוי גאָר? — האָט זיך גענומען רעדען און טומלען אויפ'ן בלאָק, — גאָר ניט זיין ווייב?

און ווען מאַלי איז אין אַוועגד אַרונטער אין גאַס, האָט זי געטראָ־

פען רעדלעך פרויען און מענער. זי האָט דערזעהן, אַז עפּעס באַהאַלט מען פון איהר, אַז וואו נאָר זי גיט אַ קוק כאַפּט מען אַרונטער פון איהר די בליקען.

אויף מאָרגען, ווען זי איז אַריינגעקומען אין גראָסערי סטאָר, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער בלאַק געהט אויף רעדלאַך, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר, אַז עפּעס טוט זיך דאָ. אַלע די, וועלכע זיינען צו איהר ערשט נעכ־טען געווען פריינדליך, מיט גוטע רייד, מיט חניפה'לעך, שטעהען איצט צו איהר מיט די פּלייצעס.

אין וועלכער סטאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט זי געהערט אימעצען אַ זאָג טאָן, אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַמעריקע, מען ווייסט דען מיט וועמען מען וואוינט דאָ?

אין דעם בלאַק האָט זיך געשאַפען אַ באַוועגונג, אַראָפּצובריינגען דעם עקספּרעסמאַנ'ס ווייב פון יוראָפּ. וויבער האָבען זיך אַרויסגעלאָזען איבער די הייזער און סטאָרס צו מאַכען אַ קאָלעקשאָן פאַר אַ שיפס־קאַרטע פאַר דער ווייב פון יוראָפּ. דער מאַן פון דער קרעקערי סטאָר, אַ באַקאַנטער קאַרגער איד אויפ'ן בלאַק, פון וועמען מען קען ניט אַרויס־רייסען אַ נדבה, האָט געגעבען די ערשטע פינף דאָלאַר, און זיין ווייב האָט דערלאַנגט נאָך אַ דאָלאַר.

דער בוטשער, וועלכער איז געווען דער נאָהענטסטער צו מאַלי'ן, וועלכער האָט איהר מעהר חניפה'לעך געגעבען ווי אַנדערע, האָט גע־געבען אַ פאָר דאלאר צו „באַגראָבען דער עקספּרעסמאַניכע”, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

די פרוי פון גראָסערי סטאָר, וועלכע האָט מאַלי'ן אַט ערשט גע־לויבט אין הימעל אַריין, איז געווען פון די סאַמע אָנפיהרערקעס פון דעם קאָלעקשאָן.

מיט אַ מאָדנעם חשק האָט דער עולם גענומען טראָגען פינף דאָ־לערדיגע, איינציגע דאָלערדיגע.

מען האָט גענומען אויפפּרעסען די געלע מיסעס צוועטקין מיט די בליקען. עס האָט געשמעקט מיט פּולווער. עס האָט זיך געפיהלט, אַז ווען די עקספּרעסמאַניכע וואָלט אויסרעדען עפּעס איין וואָרט געגען דער קאָלעקשאָן־חברה פונ'ם בלאַק, וואָלט מען זי צעריסען ווי אַ הערינג.

דער בלאַק האָט אַרונטערגעבראַכט פון ניו יאָרק דעם ברודער פון דעם עקספּרעסמאַנ'ס יוראָפּשער ווייב. עס איז געפּלאָנעוועט געוואָרען,

אַז דער ברודער, אונטער דער פּראָטעקציע פון בלאָק, זאָל אַרויפגעהן אַ שמועס טאָן מיט׳ן עקספּרעסמאַן.

עס איז אָבער דערצו ניט געקומען. עס איז פּלוצלינג ענטדעקט געוואָרען, אַז דורך דער נאַכט איז פון די צוועטקינס גאָר ניט געוואָרען. ניטאָ. זיי האָבען אַרויסגעמופּט, אַרויסגע׳גנב׳עט זיך אין מיטען נאַכט, אָדער אין אַ פּאַרטאָג.

דער בלאָק אָבער איז אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבייט. מען האָט געמאַכט דעם קאָלעקשאָן. די זאַטשינער חברה האָט אויך עפּעס געגעבען צושטייער, און ס׳איז געוואָרען אויף רייזע־הוצאות פּאַר דער יוראָפּשער ווייב.

די פּראָגע איז אָבער געווען וועגען אַן אַפּידייווויט פון דעם מאַן, אַז די ווייב זאָל קענען קריגען אַ וויזע. פּאַר דעם מוז מען אָנקומען צו איהם, צום מאַן.

דער עקספּרעסמאַן איז אָבער ניט געוואָרען, און וועלוועל, דער ברודער פון דזשאָו׳ס יוראָפּשער ווייב, האָט זיך פּאַרנומען צו כאַפּען דזשאָו׳ן און אַרויסקריגען פון איהם אַן אויפשריפט אויפ׳ן אַפּידייוויט.

.4

אין דער שטעטעל בושוויל

מאַלי איז מיט איהר דזשאָו׳ן אַנטלאָפען פון דעם צאָרן פון בלאָק. זי האָט אויסגעפונען די שטעטעל בושוויל.

בושוויל, אַ שטעטעל וואָס איז אַ פּאָר שטונדען רייזע פון נויאָרק, האָט דאַן ערשט געהאַלטען אין ווערען. דאָרטען זיינען דאַן ערשט געווען אַ פופציג אידישע פאַמיליעס מיט אַ פּאָר קליינע שניידער שעפּער.

ס׳איז געווען אַ שניידער־סטרייק אין נויאָרק, און איינער פון די באָסעס האָט זיך אויסבאַהאַלטען פון דער יוניאָן און געמאַכט אַ סקעב־שאַפּקעלע אין בושוויל.

נאָכ׳ן סטרייק איז שוין דער שניידער שאַפּ פּאַרבליבען אין בושוויל. עס איז צוגעקומען נאָך אַ פּאָר קליינע שניידער שעפּער.

מאַלי האָט געוואוסט פון בושוויל, און זי האָט זיך אַהין אַריבער־געקליבען מיט איהר מיסטער דזשאָו. זי האָט איהם אויפגעמונטערט, און אָט אַזוי זיינען זיי פּאַרבליבען אין שטעטעל.

אויף דאָס ניי האָבען זיי אויפגעבויט אַ נעסט, אויף דאָס ניי מר. און מרס. צוועטקין.

אין בושוויל איז דזשאָו געווען דער זעלבער עקספּרעסמאַן. ער האָט געפירט וואָרע פון ניו־יאָרק אין די בושווילער קליינע שאַפּקעלעך און געפיהרט פּאַרטיגע אויפגענייהטע קליידער פון בושוויל קיין ניו יאָרק.

בושוויל האָט שנעל גענומען וואַקסען אַלס אידישע שטעטעל. אויף דעם שטיק בלאָטיגען פעלד, וואו דער ערשטער שניידער־שאָפּ און די ערשטע פּאָר הייזער זיינען אויפגעבויט געוואָרען, האָט גענומען צוקומען אַ הויז נאָך אַ הויז. אויף די ניט געפלאַסטערטע געסלעך האָבען זיך גענומען בויען הייזער אָהן אַ פּלאַן, אָהן אַ סדר.

דער ערשטער שניידער־באָס, וואָס האָט זיך פּאַרקליבען אין בושוויל, איז געווען אַ לאַנדסמאַן פון הארעלקע, און אַזוי האָט בושוויל גענומען אויסוואַקסען אַלס אַ לאַנדסמאַנשאַפט־שטעטעל — כמעט אַלע אימיגראַנטען פון האָרעלקע.

אייך לאַנדסמאַן האָט צוגעצויגען דעם צווייטען, איין קרוב דעם צווייטען. אַן אַרבייטער פון דעם ערשטען הארעלקער שניידער־באָס אין בושוויל האָט געמאַכט אַן אייגענע שאָפּקעלע. ער האָט צוגעצויגען זיינע קרובים און באַקאַנטע — לאַנדסלייט פון האָרעלקע. ווען מען האָט גענומען בויען הייזער און סטאָרס, זיינען געקומען די לאַנדסלייט — סטאָליאַרעס, בלעכער, מוליאַרעס. ס'איז געוואָרען די שטעטעל בושוויל אַ ישוב פון האָרעלקער לאַנדסלייט.

דאָ און דאָרט איז געווען אַ פאַמיליע פון אַן אַנדער שטעטעל, פון רוסלאַנד, פון פּוילען און פון גאַליציע; אָבער אויך די דאָזיגע פאַמיליעס זיינען פאַרקניפּט געווען און פאַרבונדען דורך הייראַט מיט די לאַנדסלייט פון האָרעלקע.

די אידישע בושוויל איז זיך געוואָקסען. עס זיינען צוגעקומען נייע הייזער, נייע סטאָרס; עס זיינען שוין געוואָרען אַ פּאָר גבירים; עס זיינען שוין געווען אַ פּאָר מחלוקות צוליב אַ שוחט, און עס האָט זיך געענדיגט מיט אַ שפּאַלטונג אין דער שוהל, און עס זיינען גע־וואָרען צוויי שוהלען מיט צוויי שוחטים. אַן „אַרבייטער־רינג" ברענטש איז געגרינדעט געוואָרען. שפּעטער זיינען די מיטינגען פון „אַרבייטער רינג" געוואָרען טומעלדיג צוליב דעם איין לינקען מיטגליד, וועלכער האָט גענומען שטורמען מיט „פּאָינט אָוו אָרדערס".

אַ סך פאַמיליעס אין בושוויל האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף זייערע אייגענע אַטאָמאָבילס. אָרים און רייך האָבן גענומען אַרומ־פאָהרען מיט אַטאָמאָבילס איבער בושווילער בלאָטעס. איניגע האָבן נאָך געהאַט זייערע ציגען, וועלכע האָבן זיך פריי געפּאַשעט אויף די ניט פאַרבויטע פּלעצער.

אַזוי האָט זיך בושוויל געלעבט איהר נאַטירליכען אַמעריקאַנישען לעבען, און צווישען אַלע בושווילער־האַרעלקער לאַנדסלייט האָט אויך געלעבט דזשאָו, דער לאַנדסמאַן פון זאַטשינע, דזשאָו צוועטקין, מיט זיין ווייב און צוויי קינדער.

5.

דזשאָו און דזשאָ׳איכע — ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט

די ערשטע צייט וואָס מאַלי האָט מיט איהר דזשאָו׳ן אַריינגעקליבען זיך אין בושוויל, האָט זי זיך געפיהלט ווי אַ חיה וואָס איז ערגעץ פאַריאָגט געוואָרען אויף אַ בייזען אופן. די פאַריאָגער איהרע זיינען מענשען, שכנים, ווייבער. זי האָט שוין אויף מענשען געקוקט מיט אונצוטרויען, זי האָט זיי פיינט געהאַט. שפּעטער, אַז זי האָט זיך פעסט איינגעלעבט אין בושוויל, האָט זי נאָך אַלץ פיינט געהאַט מענשען, אָבער געשראָקען זיך פאַר זיי האָט זי ניט. זי האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. זי איז שטענדיג גרייט געווען צו עפענען אַ גרויסען מויל, אַז יענער זאָל פאַר איהר מורא האָבען. מיט דעם גאַנג פון די רוהיגע גוטע יאָהרען האָט זי דערפילט אַ זיכערקייט, און זי האָט אַלעמען געקענט געבען אַן ארגומענט און אַ קללה, און אַז מען האָט געדאַרפט האָט זי געקענט פאַרקאַשערען די אַרבעל און סטראַשען מיט פעטש.

זי האָט זיך איינגעגלויבט, אַז בושוויל איז ערגעץ אַן עק וועלט, אַז אין בושוויל, וואו זי איז געוואָרען אַ בעל־הבית׳טע, און דזשאָו פאַרדינט אַ סך געלד, איז זי זעהר שטאַרק. איהר וועלט קען זיך בשום אופן ניט אַ טרייסעל טאָן.

צייט דזשאָו און מאַלי האָבן זיך באַזעצט אין בושוויל האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַמעריקאַנער געשיכטע מיט אַטאָמאָבילס און מיט אַטאָ־טראָקס.

יעדער עקספּרעסמאַן האָט גענומען אויסבייטען זיין פערד און

וואָגען אויף אַן אָטאָ־טראָק, און דזשאָ האָט עס אויך געמוזט טאָן. אַנטקעגען די עקספּרעסלייט, וואָס האָבען שוין געהאָט אָטאָ־טראָקס, האָט דזשאָ מיט זיין פערד און וואָגען גאָרניט געקענט אויפטאָן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּח, און ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ טראָק. ער האָט זיך געלערענט טרייבען דעם טראָק, ער האָט געטראַכט פון דעם טראָק, ער איז כּסדר געווען פאַרנומען מיט דער נייעס, מיט זיין טראָק.

דאָס אַריבערגעהן פון אַ פערד און וואָגען צו אַן אָטאָ־טראָק, איז ביי דזשאָ'ען געווען אַ גרעסערע איבערקערעניש אין לעבען ווי דאָס אַריבערגעהן פון דעם אַמאָליגען יאָשע, אַ מאַן פון אַ פאַמיליע אין זאַטשינא, צו ווערען אַ פאַמיליען־מאַן פון אַ פרוי מיט קינדער אין אַמעריקע. פון אַ פרוי, וואָס ער האָט ניט געקענט, וואָס אַט ערשט, דאַכט זיך, האָט זי צו איהם געשריען: „מיסטער, וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר?"

דעם גאַנצען לעבען האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ פערד און וואָגען. דער פערד, ווי אויך דער וואָגען, האָבען צו איהם ווי גערעדט, ווי אַפּעלירט:

— פאַרלאָז אונז ניט.

דזשאָ האָט גוט געדענקט יעדען פערד, וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט זיי אַלעמען געזעהן אין זיין געדאַנק. אייניגע פערד, וואָס ער האָט אויף זיין לעבען געטריבען, זיינען מיט זייערע געשטאַלטען געווען איינגעקריצט אין זיין מוח ווי אַלטע גוטע פריינד, ווי איבערגע־בענע חברים, ווי ברידער.

דער איבערגאַנג צום אָטאָ־טראָק האָט דזשאָ'ען אין גאַנצען פאַר־כאַפּט אַזוי, אַז ער האָט אַ פּאָר יאָהר צייט ניט געקענט באַמערקען ווי זיין לעבען איז איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער ווייב, צו אַן אַנדער פאַמיליע.

איידער דער אָטאָ־טראָק איז געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך אין דזשאָ'ס לעבען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געשיכטע מיט קויפען אַ הויז, מיט האָבען אַן אייגענעם גאַראַדזש פאַר'ן טראָק, אַן אייגענע היים פאַר זיך.

מען האָט געקויפט אַן אַלטע הילצערנע הייזעל אין בושוויל, אַ הייזעל מיט אַ יאַרד, און אין יאַרד האָט מען אויפגעקלאַפּט אַ גאַראַדזש פאַר'ן טראָק.

מאַלי האָט שׂכל געהאַט צו האָבען די הויז אויף איהר נאָמען.

פאַר פרעמדע מענשען האָט דזשאָו דער עקספרעסמאַן, מיט זיינע שאַרפע, שוואַרצע, געדיכטע ברעמען, מיט זיין כאַפּען זיך שלאָגען פאַר יעדע קלייניגקייט, אויסגעזעהן אַ בייזער, אַ גזלן. אָבער מאַלי האָט איהם געקענט אַלס אַ גוטען.

ווען מאַלי האָט זיך איינגעשטעלט, אַז די הויז זאָל זיין אויף איהר נאָמען, האָט ער מיט איהר קיין סך ניט גע'טענה'ט. ער האָט איהר בלויז אָנגעכאַפּט פאַר די געדיכטע, געקרויזטע, געלע האָר, אַ ציה געטאָן איהר דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָב דיך אין דער ערד, זאָל זיין אויף דיין נאָמען.

זי האָט צו איהם אַ בליץ געטאָן מיט איהרע אויגען און אַ שמייכעל געטאָן מיט דאַנקבאַרקייט און פרייד, ווי זי וואָלט געזאָגט: „ניטאָ קיין סך אַזעלכע דזשאָוס אויף דער וועלט".

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָהר אין האַוועניסען, אין צוטראָגענ־קייט, און מען האָט געקענט זאָגען, צופרידענעם לעבען.

מאַלי'ס צופרידענקייט האָט אין דזשאָו'ן אַריינגעגעבען צופרידענ־קייט און זיכערהייט.

זיין רוהיגקייט האָט אָבער גענומען איבערגעריסען ווערען פון אַ באַגעגעניש מיט „וועווערוקען". ווי ער פלעגט רופען זיין זאַטשינער ווייב'ס ברודער, וועלוועל.

וועלוועל האָט זיך אָפּגעיאַוועט. דעם ערשטען מאָל האָט איהם דזשאָו אין מאָל באַגעגענט לעבען דער פערי, וואָס פיהרט אַריבער פאַסאַזשירען און פורען איבער'ן טייך קיין ניו דזשוירזי. אויף דער פערי פלעגט דזשאָו אַ פאָר מאָל אַ וואָך איבערפאָהרען מיט זיין וואָגען סחורה קיין ניו יאָרק.

ס'איז גאָר דזשאָו'ן ניט איינגעפאַלען, אַז לעבען דער פערי זאָל איהם וועווערוק אָפּוואַרטען.

ווי אַזוי וועלוועל האָט אויסגעפונען, אַז דזשאָו פאָהרט דורך דער פערי, איז ער קיינמאָל ניט דערגאַנגען. ער ווייסט נאָר, אַז ווען ער איז איינמאָל אין דער פריה אַרויסגעפאָרען פון דער פערי, האָט ער דערזעהן וועלוולען, אַ נכפה זאָל איהם כאַפּען.

— דזשאָו! — האָט וועלוועל אויסגעשריען.

דזשאָו האָט אַ טרייב געטאָן זיין טראָק, אַריינגעדרעהט זיך אין די ענגע ניו יאָרקער גאַסען, און נעלם געוואָרען פון וועלוולען.

עס זיינען ניט אַריבער קיין צוויי וואָכען, און דזשאָו האָט ווידער

דערזעהן וועלוולען. דעם מאָל האָט זיך וועלוועל אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן טראָק.

— דזשאָו, דזשאָו, וואָס וועט זיין? — האָט וועלוועל גע׳טענה׳ט.

— איכ׳ל זעהן, — האָט דזשאָו איהם גענומען פאַרמולירען די ציינער, אום פּטור צו ווערען פון איהם, — איכ׳ל זעהן.

— מען דאַרף אונטערשרייבען אַפּידייוויטס, דזשאָו, אַפּידייוויטס. קום צו מיר אַהיים, אויף אַ ווייל, — האָט וועלוועל איהם געוואָלט פאַרנאַרען.

דזשאָו האָט זיך ניט געלאָזען. ער האָט אַלץ גע׳טענה׳ט.

— איכ׳ל זעהן, — אַרומגעפירט וועלוולען אויף זיין טראַק, און ניט געוואָלט צופאָהרען מיט איהם צום פּלאַץ, כדי וועלוועל זאָל ניט וויסען וואו ער פאַרפאָהרט, ווען ער קומט קיין ניו יאָרק.

ער האָט זיך מיט וועלוולען אַרומגעטריבען אויפ׳ן טראַק אַ פּאָר שטונדען איבער די ניו יאָרקער גאַסען, פאַרשפּראָכען, אַז ער וועט זעהן, און איז פּטור געוואָרען דערוויילע פון איהם.

פון דאַן אָן האָט דזשאָו גענומען פאָהרען מיט אַן אַנדער פּערי, וואָס קומט אַריין אין אַן אַנדער גאַס פון ניו יאָרק.

די דאָזיגע חכמה איז געווען מאַלי׳ס. אַזוי שנעל ווי דזשאָו האָט דערצעהלט מאַלי׳ן וועמען ער האָט געזעהן און וואָס מען וויל פון איהם, האָט מאַלי געזאָגט מיט אַ פרעהליכען קוויטש:

— האָב איהם אין דער ערד! פאָהר מיט אַן אַנדער פּערי. און שוין, ניטאָ דזשאָו. ס׳איז דאָך אַמעריקע!

דזשאָו האָט גלייך דערפיהלט בעסער פון מאַלי׳ס אויפמונטערען. מאַלי האָט אָבער אין גאַנצען ניט געקענט אַרויסרייסען די אומרוהיגקייט פון זיין האַרצען. ביינאַכט פלעגט זיך איהם חלומ׳ען, אַז ער איז אין זאַטשינא, און מען יאָגט איהם. ער לויפט פון זאַטשינא קיין בושוויל, און די פיס זיינען ביי איהם ווי אונטערגעהאַקטע; ער קען ניט לויפען; אָט־אָט דעריאָגט מען איהם.

די באַגעגענישען מיט וועלוולען האָבען דוקא פּאַסירט ווען דזשאָו׳ס לעבען האָט זיך גענומען איינשטילען פון די טומלענישען פון דעם טראָק. דער טראַק, די הויז, דער גאַראַדזש זיינען געוואָרען געוועהנליכע זאַכען, און דאָ איז אויסגעוואַקסען וועלוועל.

עס זיינען ניט אַריבער קיין גאַנצע דריי מאָנאַטען, און וועלוועל איז איינמאָל אויסגעוואָקסען לעבען דער צווייטער פּערי. דזשאָו האָט

איהם דערזעהן פון ווייטען, ער האט ווידער געמאכט זיין „טריק" — א טרייב געטאן זיין טראק אביסעל שנעלער, און פארלארען ווענלוולען פון אויג.

ווענלוועל אבער איז דאן געקומען צו דער פערי שוין ניט ווי א גוטער פריינד, צו רעדען מיט דזשאו'ן, נאר ווי א שפיאן. מען האט איהם אין ניו יארק אנגעלערענט, אז ער זאל זיך איינקוקען אויפ'ן טראק, אויף די לייסענס פונ'ם טראק, וועט ער וויסען וואו דזשאו וואוינט.

ווען ווענלוועל האט גענומען באקוקען דעם נומער פון די לייסענס פון דזשאו'ס טראק, האט ער דערזעהן אויף דעם טראק גאר א פשוט'ע זאך: ער האט דערזעהן אנגעשריבען דעם גאנצען אדרעס: „דזשאו צוועטקין, בושוויל, ניו דזשוירזי".

מעהר האט ווענלוועל ניט באדארפט.

איינמאל, א שבת פארנאכט, איז דזשאו אריינגעפאהרען אין יארד (הויף) אוועקצושטעלען זיין טראק אויף איבער זונטאג. ער האט דאן געפיהלט גאר גוט אויפ'ן הארצען, און ער האט פון ווייטען דערזעהן דעם פאסקודנעם וועווריק, ווענלוועל'ן, דער ברודער פון זיין זאַ־טשינער ווייב. יע, ווענלוועל האט איהם אויסגעפונען.

ווענלוועל איז געווען ווייט פון הויז. דזשאו האט זיך געמאכט, אז ער זעהט איהם ניט, אבער אויפ'ן הארצען איז איהם געווארען שווער. ער איז אריינגעפאהרען אין יארד, אפגעשטעלט דעם מאטאר פון זיין טראק, און ער האט זיך אלץ געדרעהט ארום טראק. עס האט זיך איהם גענומען מישען אין קאפ: זאטשינא, בושוויל, יאשע דער פור־מאן, דזשאו מיט'ן טראק אין בושוויל. ס'איז אמאל געווען איינער א יאשע דער פורמאן אין זאטשינא. ער האט געהאט א פערד און וואגען; געהאט א ווייב חיה, א דארע, א בלאסע; ער האט געהאט דריי קינ־דער; שמואל'קע, העניע און יאכקע; ער פלעגט קומען פרייטאג אהיים, אריינגעפארען אין הויף, ווי איצטער שבת. יענער יאשע איז ניטא. ער איז איצט אן אנדערער, אין אן אנדער לאנד; אן אנדער געשפאן, מיט וועלכען ער פארדינט זיין ברויט. אן אנדער שבת — שבת אנשטאט פרייטאג, זונטאג אנשטאט שבת — אן אנדער ווייב, אנדערע קינדער.

ער האט ניט געוואלט טראכטען. עס איז געווען א שאד יענער יאשע, יענע ווייב, יענע קינדער, יענער פרייטאג פארנאכט.

אָבער װעלװעל איז דאָ; „װעװערוק" איז דאָ; ער זאָל ברעכען ביידע פיס; ער איז איהם געקומען דערמאָנען זיינע צרות.

דזשאָו האָט אַרױסגענומען די פלעשעל שנאַפּס, װאָס ער האָט געהאַט אונטער׳ן סיט פון זיין טראַק, האָט אַ זופּ געטאָן מיט כעס צװישען זיינע שװאַרצע װאָנצעס, װאָס זיינען שטעכיג אַריבערגעװאַקסען איבער זיין מויל, און האָט אַ שליידער געטאָן דאָס ליידיגע פלעשעל אָן דער ערד.

װעלװעל מיט זיין אומעטיגען, בלאַסען פּנים איז צוגעקומען. ער האָט געקוקט דערשראָקען אויף דזשאָו׳ן.

— קום אַהער, קום שוין אַהער, — האָט דזשאָו צו איהם אויסגעשריען.

װעלװעל איז צוגעקומען און גענומען ריידען:

— װאָס װעט זיין, דזשאָו?

— נו, איכ׳ל דיר געבען אַ פּאָר טאָלער, — האָט דזשאָו צאָרענדיג געזאָגט, — װאָס װילסטו פון מיין לעבען? װאָס קען איך העלפען?

מאַלי איז אַרויסגעלאָפען פון הויז — מאַלי מיט איהר שבת׳דיגער פריזירטער געלער קאָפּ, מיט איהר ביסטרען רויטען פּנים, האַלטענדיג איהר מיידעלע אויף די הענט האָט זי געשריען:

— דזשאָו, קום אין הויז אַריין; קום אין הויז אַריין, דזשאָו.

— לאָז אַ װיילע, לאָז אַ װיילע! — האָט דזשאָו צו איהר געשריען.

זי איז צוגעלאָפען צו איהם, אַ כאַפּ געטאָן איהם פּאַר׳ן אַרבעל און מיט געװאַלד אַריינגעשלעפּט איהם אין הויז אַריין. צו װעלװעל׳ן האָט זי געזאָגט:

— אַז איהר װילט עפּעס זאָגען מיין מאַן, קומט אַריין אין הויז.

די װערטער „מיין מאַן" האָט זי אַרויסגערעדט מאָדנע באַטאָנט, װי זי װאָלט זיך געריצט מיט דער גאַנצער װעלט, װי זי װאָלט „געטשאַ־לענדזשט" די װעלט.

װעלװעל איז זיי נאָכגעגאַנגען אין הויז אַריין.

אין הויז האָט זיך דזשאָו אַװעקגעזעצט אין אַ װינקעל, און מאַלי האָט שוין גענומען דאָס װאָרט.

— ס׳איז אַרױסגעװאָרפען איירע גאַנגען, מיסטער, — האָט זי געזאָגט צו װעלװעל׳ן, — מיין מאַן װעט ניט אונטערשרייבען קיין אַפּידײװיטס פּאַר זיין גע׳גט׳ער װייב.

— װאָס מיינט איהר „גע׳גט׳ער װייב?" — האָט װעלװעל גע׳טענה׳ט, מיין שװעסטער איז זיין װייב. זי געהט דאַרטען אויס פון הונגער.

— זאָל ער שיקען אַ פּאָר דאָלער, איך קער ניט, — און װענדענדיג זיך צו דזשאָו׳ן, האָט זי געזאָגט:

— דזשאָו, שיק איהר אַ פּאָר דאָלער.

— זי איז דאָך אָבער זיין ווייב! — האָט וועלוועל גע'טענה'ט, — וואָס האָט איהר זיך אַריינגעדרעהט צו צעשטערען אַ לעבען?

פון מאַלי'ס רויטליכען פּנים האָט געגומען שפּריצען מיט פונקען. די טונקעל־געלע פריזור אויפ'ן קאָפּ האָט ווי געפלאַמט, ווען זי האָט גענו־מען טרייסלען דעם קאָפּ, האַלטענדיג מיט גאוה ביידע הענט אין טאַליע:

— איך צושטער אַ לעבען? איהר, איהר קומט צושטערען אַ לעבען!

זי האָט אָנגעוויזען אויף איהר לילי'ן, איהר מיידעלע, וואָס איז אַרומ־געגאַנגען איבער'ן הויז:

— ער איז דער טאַטע פון מיין קינד — און מיט אַ ספּעציעלען חן'דעל האָט זי אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַ טרייסעל געטאָן איהר פּעטען, כוואַט־סקען גוף, און מיט אַ געלעכטערעל אַרויסגערעדט:

— וואָס קען איך העלפען, אַז ער האָט מיך ליב? יע, — האָט זי פאַר־ענדיגט שוין מיט אַן ערנסטען, כמעט אַ וויינענדיגען טאָן, ער האָט מיך ליב.

וועלוועל איז געשטאַנען נאָהענט צום טיר, האָט געפילט, אַז ווען ער האָט קיין מורא ניט פאַר קלעפּ פון דזשאָו'ן, וואָלט ער איהר איהרע רויטע פּעטע באַקען אויסגעפּראַסקעט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דזשאָו'ן, וועלכער איז געזעסען שווער אין אַן אַלטען, ווייכען שטול, מיט אַן אַרונטער־געלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ דער'הרג'עטער אָקס. וועלוועלען האָט זיך אָפּגעַ־דוכט, אַז דזשאָו האַלט מיט איהם, און ער האָט דרייסט אַ געשריי געטאָן צו מאַלי'ן:

— דו האָסט איהם פאַרפירט, דו פּאַסקודנע איינע!

מאַלי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום בעזים און האָט זיך געוואָרפען אויף וועלוועל'ן.

וועלוועל איז אַנטלאָפען.

זי האָט איהם ניט נאָכגעיאָגט אין דרויסען, זי האָט אַנידערגעשטעלט דעם בעזים און גע'טענה'ט:

— אַזאַ פּאַסקודניאַק! ער פאַרפינסטערט מיר מיין לעבען.

זי האָט זיך צעוויינט און גע'טענה'ט:

— אַפּידיקוויטס וויל ער; מען וואַרט דאָ אין אַמעריקע אויף זיין שוועסטער, די אַלטע פּאַטשורע.

„די אַלטע פּאַטשורע" — מיט דעם וואָרט האָט זי געוואָלט אָפּעלירען צו דזשאָו'ן, ווי גוט איהם איז, וואָס ער האָט איהר, איהר, מאַלי'ן, אַזאַ ווייבעל. געוואָלט האָט זי אָפּעלירען דערמיט, וואָס זי האָט אַ קינד מיט איהם, אָבער זי האָט איהר צונג גלייך פאַרקירעוועט אויף איהר בלוטיגען

שונא, די ווייב אין זאַטשינאַ. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ווען זי זאָל דער־מאַנען קינדער, וועט זיך דזשאָו דערמאַנען, אַז יענע האָט אויך קינדער.

דזשאָו איז אַלץ געזעסען מיט זיין קאָפּ געבויגען אַרונטער. דער קאָפּ זיינער האָט זיך אומגעוויגט, די הענט אַרונטערגעלאָזען. ער איז געווען באַטרונקען פון צרות און פון שנאַפּס, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אין יאַרד לעבען דעם טראַק.

מאַלי איז צו איהם צוגעגאַנגען, אַוועקגעשטעלט זיך האַרט לעבען איהם, מיט איהר בוזים איבער זיין פּנים.

ער האָט אויפגעהויבען זיין פאַר׳שכור׳טען פּנים, אַ קוק געטאָן צו איהר מיט זיינע גלאַנציג־פאַרגאָסענע אויגען, פאַרקריצט מיט די צייהנער, און האָט מיט די פינגער פון זיין האַנט זיך אַריינגעשטשעמעט אין איהרע פריי־זירטע געלע האָר. ער האָט איהר אַ פּאָר מאָל אַ ריס געטאָן די האָר, אַ וויג־געטאָן דעם קאָפּ און אויסגעשריען:

— אַ כאָלערע זאָל דיך כאַפּען, דו... — און ער האָט פאַרענדיגט מיט אַ באַרימטען שענדליכען וואָרט.

צייט דזשאָו איז מיט מאַלי׳ן אין בושוויל אַלס מאַן און ווייב האָט ער זיין בעל־עגלה׳שען צונג פאַרנאַנדערגעלאָזען אין די דאָזיגע מיאוס׳ע ווער־טער, וועלכע ער האָט פאַר לאַנגע יאָהרען ניט געברויכט, סיידען ווען ניט ווען ביי דער אַרבייט, צווישען זיינע קאָלעגען עקספּרעסלייט.

באַלד ווי ער האָט חתונה געהאַט אין זאַטשינאַ, האָט איהם זיין חיה גענומען אָפּגעוואוינען פון די מיאוס׳ע רייד. שפּעטער, אין אַמעריקע אונטער דעם איינפלוס פון זיין ליבע מיט מאַלי׳ן, האָט ער כמעט אינגאַנ־צען אויפגעהערט די מיאוס׳ע ווערטער צו ריידען.

צייט ער איז אַריין אין בושוויל, איבערגעטראַגען געוואָרען אין אַן אַנדער לעבען, און ווען די חלומות בייניאַכט וועגען זאַטשינאַ האָבען איהם געמוטשעט, האָט ער אַרויפגעצויגען אויף זיך די האַמעטנע הויט פון דעם עקספּרעסמאַן. דערצו האָט ער שוין לאַנג אויפגעהערט דאַוונען. ער האָט זיך גענומען האַלטען פאַר אַ פאַרפאַלענעם מענשען: ער האָט זיך געפיהלט וויט פון גאָט און פון לייט.

די מיאוס׳ע בעל־עגלה׳שע ווערטער זיינען פון איהם אַרויסגעקו־מען אַלס אַ טייל פון זיין אויפטו מיט אַ נייער ווייב, אַן אויפטו, וואָס האָט געדריקט זיין שוואַכען, צושראָקענעם מח. די שמוציגע זידעל־ווערטער זיינען ביי איהם געוואָרען ניט אויסצודריקען זיין כעס, נאָר זיין פאַרצווייפ־לונג.

די גראָבע ווערטער האָבען איהם ווי געעפענט אַ וועג צום פאַרגעסען

זיך, צו דעם אַרונטערזינקען אין דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך גע־פונען. זיי האָבען איהם געהאָלפען צום זינדיגען, צום פאַר׳שכור׳ן זיין גע־וויסען, ווי די פלעשעל בראַנפען האָט עס געטאָן, און ווי מאַלי׳ס פלאַמיגע באַקען, פלאַמיגע פריזירטע האָר און חוצפה׳דיגער בוזים האָבען עס געטאָן.

מאַלי׳ן זיינען גוט באַקאַנט געווען אָט די דאָזיגע ווערטער זיינע. ווען ער האָט זיי אַרויסגערעדט, האָט זי דערפיהלט, אַז זי איז שטאַרק אין דער גאַנצער סיטואַציע.

זי האָט זיך נאָך נעהנטער צוגעשאַרט צו איהם. ער האָט ווידערהאָלט עטליכע מאָל די גראָבע ווערטער, און זי האָט געוואונען איבער איהם איהר פאָלשטענדיגען קאָנטראָל.

זי איז שטאָלץ געווען, וואָס זיין ווייב אין יוראָפּ, צום ביישפּיל, קען פון איהם אַזוינע ווערטער ניט אַרויסרופען...

דזשאָו איז אַרויס אין יאַרד און דערזעהן ווי הערי, מאַלי׳ס פערצעהן־יאָהריגער אינגעל, קאָמאַנדעוועט ביים רעדעל פון דעם אָטאָ־טראָק.

דזשאָו האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכנונג, פאַרוואָס ער האָט פיינט מאַלי׳ס אינגעל. ער האָט איהם ניט געקענט אָנזעהן. ער פלעגט דעם אינגעל שלאָגען, ממית׳ן.

ער האָט דערזעהן הערי׳ן קאָמאַנדעווען מיט דער רעדעל; ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין שמואל, זיין זוהן דאָרטען אין זאַטשיבאַ, איז אומגע־פעהר אַזוי אַלט ווי הערי. אַ רציחה האָט אויפגעפלאַמט אין דזשאָו׳ן, וואָס אָט דער הערי האָט דאָ אַלעס, וואָס עס באַלאַנגט צו זיין שמואל׳ן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף הערי׳ן, גענומען איהם שלאָגען אָהן רחמנות.

דער אינגעל האָט געשריען:

מאַמע! מאַמע!

מאַלי איז אַרויסגעלאָפען פון הויז מיט צושויבערטע האָר, מיט גוואַל־דען:

— דזשאָו, דזשאָו, לאָז אָפּ דאָס קינד!

דזשאָו האָט מיט רציחה זיך נוקם געווען אָן הערי׳ן און געברומט ווי אַ צורייצטער טיגער:

— דער ממזר איינער, ער מאַכט אַ תל פון דעם טראָק, אַזאַ באָמער,

— און ער האָט גענומען וואָרפען מיט שמוציגע ווערטער אין רוסיש און ענגליש.

מאַלי האָט קוים אַרויסגעריסען דעם אינגעל אַ לעבעדיגען פון זיינע הענט.

— איך וועל איהם דער׳הרג׳ענען! — האָט דזשאָו נאָכגעשריהען צו מאַלי׳ן, וועלכע האָט דעם צוממית׳טען אינגעל אַריינגעשלעפּט אַ גע׳חלש׳טען אין הויז.

6.

די שרפה אין בושוויל

באַלד ווי וועלוועל איז אַוועק, האָט זיך דזשאָו אינגאַנצען באַרוהיגט. מאַלי האָט איהם שוין באַרוהיגט, און אַ שנאַפּס האָט ער אויך געמאַכט.

מאַלי האָט דזשאָו׳ען באַרוהיגט, און אַליין האָט זי געפיהלט אַ פּאָר וואָכען אַפּט אַ טיאַכקע אין האַרצען.

אַז אימיצער קען ביי איהר צונעמען דזשאָו׳ן, דאָס האָט זיך איהר בשום אופן ניט געגלויבט. די הויז, דער יאַרד, דער טראַק, לילי, די איינגע־לעבטקייט אין בושוויל האָט איהר אין אַ מאָדנער זיכערהייט געהאַלטען. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דער שלים מזל, אַט דער וועלוועל, וועט ווידער קומען. זי וויל איהם ניט זעהן, זי וויל ניט קיין טראָבעל.

אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ מאָנאַט נאָך אַ מאָנאַט, ווידער אַ מאָנאַט, אַ האַלב יאָהר און וועלוועל איז ניטאָ, איז זי זיכער געווען, אַז מיט וועלוו־לען איז זי שוין פּאַרטיג. ער וועט מורא האָבען צו קומען נאָך אַמאָל צו איהר.

און עס האָט איר דוקא הנאה געטאָן, וואָס ער איז דאָ געווען און ער האָט געזעהן, אַז ער קען דאָ גאָרניט מאַכען.

טאָמער איז ביי מאַלי׳ן פריהער געווען עפּעס אַ קלער פון טראָבעל, וואָס זי האָט אין דער ווירקליכקייט ניט געטראַכט דערפון, איז עס פאַר־שוואונדען מיט דעם, וואָס זי איז שוין אַריבערגעקומען וועלוולען און אַ סוף, אַן עק...

וועלוועל האָט אָבער געלייגט קנייטלאַך שטילערהייד אַרום מאַלי׳ס פאַמיליען־נעסט. ער איז געוואָרען אַן אמת׳ער דעטעקטיוו.

די צייט איז געקומען. עס זיינען אַריבער אַ פּאָר יאָהר פון דאַן אָן, וואָס וועלוועל איז געווען, און מאַלי׳ן איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז ער האָט שוין די אַפידייוויטס פאַר דער פרוי און קינד פון זאַטשינא לאַנג אַרויסגעקראָגען פון דזשאָו׳ען.

וועלוועל האָט דערהיט דזשאָו׳ען אין ניו יאָרק ביי דער פערי, ווען ער, דזשאָו, האָט געבראַכט אַ טראַק מיט הויזען קיין ניו יאָרק, ער האָט ביי איהם אַרויסגעקראָגען דעם אונטערשריפט. דזשאָו האָט עס מאַלי׳ן קיינ־מאָל ניט דערצעהלט.

עס איז געווען אַ סוף זומער. דער זומער איז אַריבער שטיל אין בושוויל, אין דער שטעטעל פון די האַרעלקער לאַנדסלייט. עס האָט שוין לאַנג ניט פּאַסירט אַזוינס, וואָס זאָל איבעררייסען דעם מאָנאָטאָנעם לעבען פון דער שטיל פאַרשלאָפענער שטעטעל, וועלכע איז אינגאַנצען זיבעציג מייל פון דעם קאָכיגען ניו יאָרק.

אַמעריקע האָט פאַרשלאָסען די טויערען פון אימיגראַציע; מען קומט ניט מעהר פון האַרעלקע ווי אַ מאָל. עס איז שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט, אַז קיין נייער אימיגראַנט האָט זיך ניט באַוויזען, און בושוויל האָט זיך געלעבט אויף איהר געוועהנליכען שטילען אופן.

אין אַ זוניגען אָקטאָבער־טאָג האָט זיך אין בושוויל באַוויזען אַ דאַרער, פאַר׳חושך׳טער יונגערמאַן פון ניו יאָרק, און ס׳איז געוואָרען אַ גרויסע בורענינע אין שטעטעל.

דער דאַרער, פאַר׳חושכ׳טער יונגערמאַן איז געווען וועלוועל, דער ברודער פון דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן׳ס געזעצליכער ווייב, וועלכע דזשאָו האָט פאַרלאָזען אין זאַטשינא מיט פערצעהן יאָהר צוריק. ער איז שוין ניט געקומען צו דזשאָו׳ען אין הויז. ער איז געקומען אַלס גאַסט צו בושוויל, צו דער שטאָט.

גאַנץ בושוויל האָט זיך פּלוצלונג דערוואוסט, אַז דזשאָו דער עקספּרעסמאַן האָט אַ ווייב מיט קינדער אין יוראָפּ, אַז מאַלי, זיין פרוי, איז ניט זיין פרוי, און עס האָט זיך אין בושוויל אָנגעפאַנגען די זעלבע חתונה, וואָס אין גרינפּוינט, נאָר מיט מעהר פייער, מיט מעהר קאָך ווי בושוויל קען.

דער דאַרער, פאַר׳חושכ׳טער יונגערמאַן, וועלוועל, וועלכער האָט אונטערגעצונדען די שטעטעל מיט דער דאָזיגער סענסאַציע, איז אַרונטערגעקומען פון ניו יאָרק אין בושוויל אויף אַ געהיימען אופן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטען פון זיין שוואָגער דזשאָו, ווייל ער האָט געדאַרפט קריגען די באַפעלקערונג פון בושוויל אויף זיין זייט געגען דזשאָו׳ן.

חיה, דזשאָו׳ס געזעצליכע פרוי פון זאַטשינא, האָט מאָרגען בעדאַרפט אָנקומען מיט דער שיף קיין אַמעריקע: מ׳האָט געדאַרפט אַריינקריגען דזשאָו׳ן קיין ניו יאָרק, ער זאָל געהן אין קעסעל־גאַרדען אַרונטערנעמען זיין ווייב און קינד. אָט צוליב דעם איז וועלוועל געקומען אין בושוויל.

וועלוועל האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזען פאַר דזשאָו׳ן. הויפּטזעכליך פאַר מאַלי׳ן, זיין ליובאָוניצע. ער איז אַרונטערגעקומען קיין בושוויל מיט אַ פּלאַן צו זעהן זיך מיט די באַלעבאַטים.

וואו וואוינט דער רב? — האָט וועלוועל געפרעגט דעם ערשטען אידען וואָס ער האָט דאָ באַגעגענט.

— קיין רב האָבען מיר ניט — האָט דער איד געענטפערט — מיר האָבען אַ שוחט.

— וואו וואוינט דער שוחט?

— אַט געהט אַריין דאָ אין דער דראַי־גודס סטאָרקע — האָט דער איד איהם אַנגעוויזען — דאָרטען איז איצט דער שוחט.

ראָבינסאָן׳ס דראַי־גודס סטאָרקע איז לעצטענס געוואָרען די בירזשע פון בושווילער קהל׳שע אינטריגעס.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, איידער בושוויל האָט געהאַט אַ שטענדיגען אייגענעם שוחט, איז ראָבינסאָן׳ס דראַי־גודס סטאָרקע געווען די בירזשע פון סתם רכילות.

ראָבינסאָן אַליין איז עפּעס אַ תמ׳עוואַטער אידעל, ניט קיין געראָטע־נער. זי, די מיסעס ראָבינסאָן, איז די בריה, די ביזנעס־ליידי. דעם מאַן שיקט זי גאַנגען, און זי איז אין סטאָר. אין סטאָר האָט זי אַ סך צייט. אין שטעטעל האַלט מען איהר פאַר אַ קלוגער פרוי. איהר טאַטע איז געווען אַ שמש, און זי האָט זיך געהאָדעוועט אַרום אַ שוהל, וואו אידען, לערנער, זיינען געקומען. שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעדרעהט אַרום די פּראָגרע־סיסטען און אַרבייטער פון האַרעלקאַ. זי האָט אויפגעכאַפּט ווערטלאך פון ביכלאך; זי האָט געהאַט אויפגעכאַפּט משלים פון די אידען אַרום שוהל, וואו זי האָט זיך געהאָדעוועט. אַן אַנגענעמע פרויקע איז זי געווען: רכי־לות׳לעך האָט זי ליב געהאַט; רעדען האָט זי גערעדט מיט אַ פרומען און מיט אַ ליטעראַרישען פּנים, אַזוי צו זאָגען. זי איז געווען אַ אידענע דע־לוקס. אַזוי האָבען זיך אַריינגעקליבען צו איהר אין דראַי־גודס סטאָרקע אַלע בושווילער רכילות׳ן. צייט מר. סימכאָוויטש איז געקומען אין בושוויל אַלס דער שוחט פון שטעטעל, איז מיסעס ראָבינסאָן׳ס דראַי־גודס סטאָרקע געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון קהל׳שע אינטריגעס, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אַרום דעם פּרעזידענט פון שוהל און אַרום דער שחיטה.

לואיס סימכאָוויטש, דער שוחט. אַ יונגער באַלעבעסיל מיט אַ ביי־כעלע, מיט אַ פּאָר רויט־עפּעלדיגע בעקעלאך, און מיט אַ פּיפּטשיק אויפ׳ן מאָרדע, זכר לבערדעל, האָט דערפיהלט, אַז זיין שטעלע אין שטע־טעל קען ניט זיין זיכער. עס זיינען דאָ שוחטים, וואָס זוכען שטעטלאך. און זיין יונגע, שעהנע ווייבעל, האָבען זיך באַפריינדעט מיט מיסעס ראָבינ־סאָן׳ס עולם, אום צו באַפעסטיגען זיך אין בושוויל. מיסעס ראָבינ־סאָן׳ס סטאָרקע האָט געשאַפען די שטימונג אין בושוויל, און דאָס האָט זיך אָפּגערופען אויף די מיטינגען פון דער קאָנגרעגעישאָן.

אין יענער צייט, ווען דער דאַרער, פאַר'חושכ'טער וועלוועל, דזשאָ דעם עקספּרעסמאַן'ס שוואָגער, איז געקומען קיין בושוויל, איז נאָר וואָס געמאַכט געוואָרען אַ פאַרזוך פון אַ קליקע אין דער קאָנגרעגעישאָן אָפּ־צושפּאַלטען זיך און ברענגען נאָך אַ שוחט. גאַנצע טעג האָט מען געטאָל־קעוועט אין ראָבינסאָן'ס דראַי־גודס סטאָרקע וועגען דעם.

וועלוועל איז אַריינגעקומען אין סטאָרקע און געפרעגט:

— איז דער שוחט דאָ?

סימכאָוויטש איז צו איהם צוגעגאַנגען.

וועלוועל האָט איהם אָפּגערופען אין אַ זייט, גענומען אַריינשושקען איהם דעם סוד אין אויער, און דער שוחט האָט צוגערופען מיסעס ראָ־בינסאָן. מיסעס ראָבינסאָן האָט צוגערופען די שוחט'קע. מיסעס פּינקוס, דעם שעריף'ס פרוי, איז שוין אַליין צוגעגאַנגען, און אַזוי האָט זיך דער גאַנצער עולם אַרומגעשטעלט אַרום וועלוועלען.

— אַזוי גאָר? — האָט סימכאָוויטש אַנגענומען זיין מאָרדע, ווי ער וואָלט געהאַט אַן אמת'ע באָרד — אַזוי גאָר, דזשאָ דער עקספּרעסמאַן!

אין דראַי־גודס סטאָרקע האָט גענומען בושעווען און שטורמען וועגען דזשאָ דעם עקספּרעסמאַן, און וועלוועל האָט געפונען פאַר נויטיג אַביסעל צו זוכען אַ זכות אויף זיין שוואָגער.

— דזשאָ אַליין — האָט וועלוועל געזאָגט צו דער רעדעל וויבער — דזשאָ אַליין האָט אַ גוטען כאַראַקטער. ער וואָלט שוין לאַנג געבראַכט מיין שוועסטער אין אַמעריקע, אָבער זי, זיין ליובאָוויצע, זי לאָזט ניט.

ביי דעם וואָרט „ליובאָוויצע” האָבען זיך עטליכע וויבלאך צולאַכט ביז חוזק.

— אוי, מען קען שטאַרבען פון געלעכטער — האָט מיסעס ראָבינ־סאָן געזאָגט קאָקעטיש; די רויטע עקספּרעסמאַניכע אַ ליובאָוויצע!

— וואָס זאָגט איהר ווער עס איז אַ ליובאָוויצע? — האָט די יונגע שוחט'קע אונטערגעכאַפּט מיט איהר קלינגענדיגען קול'כעל.

— די דזשאָאיכע אַ ליובאָוויצע! — האָט נאָך איינע אויסגע־שריען.

— און דזשאָ אַ ליובאָוויק! — האָבען זיך געהערט קוויטשע־רייען.

— ער באַהאַלט זיך אויס פאַר מיר — האָט וועלוועל גע'טענה'ט — ער באַהאַלט זיך אויס, ווייל ער האָט מורא פאַר איהר, פאַר זיין ליובאָוויצע.

דאָס רעדעל ווייבער האָט שוין כמעט וועלוולען גאָרניט געהערט. יעדע האָט אויסגעטייטשט די גרויסע סענסאַציע. די טיר האָט זיך גע־עפענט יעדע ווײלע: נאָך אימיצער איז אַריינגעקומען, נאָך אימיצער. די פריהערדיגע האָבען איבערדערצעהלט פאַר די נייע אַריינגעקומע־נע: ס'איז געוואָרען פול די סטאָר, און עס האָט גע'רעש'ט.

— שאַ, זאָל זיין שטיל! — האָט אויסגעשריען מיסעס גרינטרי (אין האָרעלקע איז איהר נאָמען געווען גרינבוים), די פרוי פון סעם גרינטרי, דער רייכסטער מאַן פון שטעטעל, דער ערשטער לענדלאָרד פון דער אידישער בושוויל — זאָל זיין שטיל! — האָט זיך מיסעס גרינטרי געבייזערט — דזשאָו קען נאָך אָנפאַהרען מיט זיין טראָק; ער וועט זיך דערוויסען, און פון אַלע אייערע רייד וועט זיך גאָרניט אויסלאָזען.

— ש־ש־ש! ער קען נאָך אַנטלויפען! — האָבען אַלע צוגעגעבען.

מיסעס גרינטרי, די „ערשטע ליידי” פון בושוויל, האָט וועלוולען גענומען אויף אַ פאָרהער מיט פראַקטישע פראַגען:

— ווער האָט געשיקט נאָך דער פרוי פון יוראָפּ? ווער האָט גע־געבען געלט? וואו און ווי אַזוי האָט מען געקראָגען די אַפידייוויטס פון אַמעריקע צו ברענגען די גרינע?

וועלוועל האָט אַלעס גענוי דערצעהלט וועגען גרינפאָינט, וועגען דעם גלעזער, וועגען קאָלעקשאָן.

— וואָס רעדט איהר! — האָט וועלוועל גערעדט באַהאַרצט — די רויטע מכשפה האָט דאָך איהם ניט געלאָזען געבען אַ פעני צושטייער. מיט אַ פאָר יאָהר צוריק האָב איך איהם געכאַפּט אין ניו יאָרק און ער האָט מיר געסאַינט אַפידייוויטס צו שיקען נאָך איהר.

אַלע אין סטאָר האָבען מיט אַמאָל אַ זיפץ געטאָן, און וועלוועל, נאָכ־דעם ווי ער האָט אַ זיפץ אַרויסגעיאָמערט, האָט צוגעגעבען:

— וואָס ווייסט איהר וואָס מיין שוועסטער האָט דורכגעלעבט צרות אין דער מלחמה! צוויי קינדער זיינען ביי איהר געשטאָרבען.

— וואָס האָט איהר געשוויגען ביז איצט? — האָט דער שוחט געפרעגט.

— איך בין דאָ געווען פאַר צוויי יאָהרען, ווען איך האָב אויסגע־פונען, אַז ער וואוינט דאָ אין בושוויל.

— נו?

— איך בין געקומען וועגען אפידייוויט — האט זי מיר געוואלט שלאגען.

— פארוואס האט איהר דאן ניט געמאכט קיין טומעל? — האט דער שוחט געפרעגט.

— די לאיערס האבען געזאגט, אז ביז מיין שוועסטער קריגט ניט קיין וויזע, מוז מען מיט איהם געהן מיט גוטען.

— האט ער געסאינט דעם אפידייוויט, הייסט עס? — האט ער שוחט אלץ איבערגעפרעגט.

— זי האט ניט געוואוסט דערפון, זי, זיין ליובאוויצע. איך האב איהם געכאפט אין ניו יארק.

— אזוי, אזוי איז די מעשה! — האבען אלע אונטערגעכאפט.

אין ראבינסאן׳ס דריי־גודס סטארקע איז באשלאסען געווארען, אז אין אווענט זאל מען זיך צוזאמענקלייבען און זעהן וואס מען קען טאן, אז דזשאו זאל מארגען געהן אראפנעמען זיין ווייב פון שיף.

די סענסאציאנעלע נייעס וועגען דזשאו דעם עקספרעסמאן און וועגען דעם מיטינג אין אווענט האט זיך פארשפרייט איבער׳ן שטעטעל, געגאנגען פון מויל צו מויל, און יעדער האט געשעפטשעט.

— ש־ש־ש... זאל זיין שטיל. ער קען נאך אנטלויפען.

עס האט אויסגעזעהן ווי עפעס א געהיימער בונט גרייט זיך אין שטעטעל, א געהיימער בונט געגען איינעם וואס איז ביז איצט געווען דער אום־וויכטיגסטער מענש אין בושוויל, און פלוצלונג איז ער געווארען ביי אלע־מען ווי א געפעהרליכע מאכט, געגען וועלכער א גאנץ פאלק האט זיך אין געהיים געמוזט ארגאניזירען.

די גאנצע שטאט האט זיך ארגאניזירט געגען דזשאו דעם עקספרעס־מאן. יעדענ׳ס הארץ האט גענומען שטורמען מיט נייגעריקייט, מיט טע־טיגקייט.

ווי נאר ס׳איז געווארען אווענט, האט זיך דער עולם גענומען ציהען שטילערהייט צו גרינטריי׳ס הויז. מיסעס גרינטריי איז געווארען די הויפט ארגאניזאטארקע פון דעם „אנטי דזשאו" מיטינג. מיסעס גרינטריי איז אלע מאל געווען די „טשאריטי ליידי" אין שטעטעל, און דא האט זיך געהאנדעלט וועגען העלפען א גרינער, אומגליקליכער, פארלאזענער פרוי, וועלכע דארף מארגען אנקומען מיט דער שיף און טרעפען נעבאך איהר מאן מיט אן אנדער ווייב.

מאלי צוועטקין, די „אפיניטי" (געליבטע) פון דזשאו דעם עקספרעס־

מאַן, האָט אין שטעטעל געגוג שונאים געהאַט צווישען די ווייבער. זי האָט זיי אַלעמען פיינט געהאַט און פלעגט זיי אָפּזידלען. זי האָט געגען זיי געהאַט אַ גרויס מויל.

ביים מיטינג האָבען מאַלי'ס שונאים געשטורעמט און האָבען שוין געוואָלט לויפען פּאַטשען איהר.

מען האָט זיי אָפּגעהאַלטען.

איינער, סעם ראַבינאָוויטש. דער גאַראַדזשמאַן, אַ געוועזענער שמיד, אַ געזונטער און גוטמוטיגער חברה־מאַן, האָט זיך אָנגעבאָטען צו ברענגען דשאָו'ן צושלעפּען פאַר די האָר צום מיטינג, אָבער די רוהיגע מענשען האָבען זיך געבעטען ביי סעם'ען, אַז ער זאָל ניט צושטערען די פּלענער, ווייל דזשאָו קען נאָך נעמען זיין מאַלי'ן מיט די קינדער אויפ'ן טראַק און אַנטלויפען ערגעץ מיט זיי.

גרינטרי'ס הויז איז געווען פול מיט מענשען. דאָס גאַנצע שטעטעל האָט זיך צוזאַמענגעקליבען. בושוויל האָט נאָך אַזאַ פאַרזאַמלונג ניט גע־זעהן. עס זיינען געקומען מענשען פון אַלערליי קלאַסען. ס'איז געווען הײמי פּינקוס, דער שעריף פון בושוויל, און מיסטער און מיסעס קעלערמאַן, די איינציגע קאָמוניסטישע פּאָר'ל פון שטעטעל (קעלערמאַן איז עס דער לינ־קער „אַרבייטער רינג" מעמבער). ווען מען זאָל זאָגען די קעלערמאַנס מיט אַ טאָג צוריק, אַז זיי וועלען קומען צו אַ מיטינג אין דער הויז פון דעם לענדלאָרד מר. גרינטרי, וואָלטען זיי זיך אויסגעלאַכט. זיי וואָלטען ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אַז עס וועט קומען צו אַזאַ זאַך, ביי וועלכער זיי וועלען זיך קענען פאַראייניגען מיט דער „בורזשואַזי" פון בושוויל.

מיסעס קעלערמאַן האָט זיך ביים מיטינג געקאַכט שטאַרקער ווי אַלע פרויען. זי האָט כמעט ווי אַ גאַנצע רעדע געהאַלטען. ביי איהר איז עס אויס־געקומען, אַז זי האָט דאָ די געלעגענהייט צו קעמפען פאַר גערעכטיגקייט.

זי און איהר מאַן סעם זיינען אין גאַנץ שטעטעל געווען די איינציגע צוויי לינקע, דאָס הייסט, די איינציגע צוויי מענשען, וואָס האָבען געקעמפט געגען די בורזשוקעס. יע, די בורזשוקעס — אַזוי האָבען געהייסען די פּראָסטאָקעס אין האַרעלקע. אין אַמעריקע האָט מיסעס קעלערמאַן צוזאַ־מענגעפּלאָנטערט בורדזשוקעס מיט בורזשועס. בושוויל איז ביי איהר גע־ווען צוטיילט אין צוויען: זי און איהר מאַן סעם, די קעמפער פאַר גע־רעכטיקייט, און די איבעריגע מענשען פון שטעטעל זיינען ביי איהר גע־ווען פאַררעכענט אַלס די בורדזשוקעס, אַריינגערעכענט דעם בורדזשוק דזשאָו דער עקספּרעסמאַן.

ביי מיסעס קעלערמאַן איז געווען אַ גרויסער וואונדער וואָס די פּשוט'ע ווייבער, די פּשוט'ע „בורזשואַזנע" ווייבער פון שניידערס און סטאָליאַרעס, די רעכטע, זאָלען גאַר צושטעהן צום „קאַמף". זי האָט עס טאַקע אויסגע־דריקט אין איהרע רייד, וואָס זי האָט געזאָגט אין דעם טאָן פון אַ דרשה.

— ענדליך זעהען אַלע איין — האָט זי געזאָגט — אַז מען מוז קעמ־פען פאַר גערעכטיגקייט געגען די בלוט־צאַפּערס. זי האָט געמיינט דזשאָו'ן. אין קאָפּ האָט זיך ביי איהר געפּלאָנטערט די פראַגע פון פרייע ליבע. די פרייע ליבע האָט פון איהר עפּעס געמאָנט אַן אַלטען אַן אַלטען וועקסעל פון די אַגי־טאַטאָרען פון איהרע יונגע יאָהרען. אָבער דאָס איז געווען אַן אַלטער פאַר־לעגענער וועקסעל. זי האָט דאָס פאַרשטיקט אין זיך. דער קאַמף איז געגען דזשאָו'ן געווען אינטערעסאַנטער.

צום מיטינג איז אַפּילו אויך געקומען אַ פּוילישע גוי'ע, יאַדוויגאַ זשעלאָווסקי, אַ לאַנדספרוי פון האַרעלקע, אַן אלמנה, אַ פּינישערין אין גרינטרי'ס שניידער־שאָפּ.

ס'איז געבליבען, אַז אַ פּאָר מענער זאָלען געהן ברענגען אַהער דזשאָו'ן, און ער זאָל דאָ צוזאָגען פאַר אַלעמען פאַר אַלעמען אין די אויגען, אַז ער וועט מאָרגען געהן אין קעסעל־גאַרדען, אַראָפּנעמען זיין פרוי און קינד, מאַכען פאַר זיי אַ היים, און מאָלי'ן זאָל ער ערגעץ אָוועקשיקען.

— איך וועל איהם נעמען אין קעסעל־גאַרדען! — האָט זיך סעם ראַבינאָוויטש געקאָכט.

סעם האָט זעהר געוואָלט זיין אין דער קאָמיטע צו געהן נאָך דזשאָו'ן. אין דער קאָמיטע זיינען אָבער געגאַנגען מיסטער גרינטרי און היימי פּינקוס, דער שעריף.

ווען די קאָמיטע האָט זיך אָוועקגעלאָזען נאָך דזשאָו'ען, אין זיין שטי־בעל אין עק שטאָט, האָט מען געבעטען דעם עולם צו צוגעהן זיך. יעדער האָט געשריען, אַז מען זאָל זיך צוגעהן, און קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. קיין איינער האָט ניט געקענט פאַרלאָזען די הויז איידער מען וועט ברענגען דעם „מחותן" (ווי לואיס סימכאָוויטש, דער שוחט, האָט דזשאָו'ען אָנגערופען ביים מיטינג).

ווען די קאָמיטע איז אָוועק צו דזשאָו'ן, האָבען זיך די ווייבער אָרגאַ־ניזירט אין אַ הילף־קאָמיטע פאַר דער גרינער, וועלכע מען האָט ערוואַר־טעט. עס איז אָפּגערעדט געוואָרען, אַז מאָרגען זאָלען זיך אַלע פרויען טרע־פען אין ראַבינסאָן'ס סטאָר און זעהן צוצוגרייטען זיך איבערצונעמען די גרינע, אומגליקליכע פרוי, דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן'ס „יוראָפּשע" וויב.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָבען מיסטער גרינטרי און פינקוס דער שעריף אַריינגעפיהרט אַ פאַרהאַרעוועטען, מיטעל־געוויקסיגען אידען, מיט אַ טונקעלען פּנים, וואָס האָט געהאַט פעך־שוואַרצע גרויסע ברעמען, שווערע שוואַרצע וואָנצעס און אַ שטעכיגע באָרד, וואָס איז שוין אַ פּאָר וואָכען ניט ראַזירט־געווען. זיינע ברייטע פאַרהאַרעוועטע פּליצעס זיינען געווען געדריקטע פון שלעפּען שווערע משאות.

ווען ער איז אַריין אין הויז און דערזעהן דעם גרויסען עולם, האָט ער צושראָקען געמומען טרייסלען מיט׳ן קאָפּ און עפּעס מורמלען מיט אַ שווערען קול, ווי דאָס רעווען פון אַן אָקס.

אין הויז האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. די שטילקייט איז אָבער געווען בלויז אויף איין מאָמענט. די פרויען, פון אַ גאַנצען טאָג שטיקען אין זיך דעם סוד, האָבען לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען און האָבען זיך צושריען, צוקוויטשעט, און געוואָרפען זיך מיט רציחה צו דזשאָ׳ן.

שטאַרקער פון אַלעמען האָט זיך געקאָכט די מוטיגסטע — מיסעס קעלערמאַן.

די פרויען און די מענער האָבען געשריען איינע צו די אַנדערע עס זאָל זיין שטיל, און פון איינשטילען איינע די אַנדערע איז דער טומעל נאָך גרעסער געוואָרען.

דזשאָ, אַ צוטומעלטער, דערזעהענדיג פּלוצלונג זיין שוואָגער פון ניו יאָרק, איז געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל, מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם, און האָט באַלד אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

דער געוויין פון דעם שווערען, האָמעטנעם מאַנסביל, דזשאָ דעם עקספּרעסמאַן, האָט אין איין אויגענבליק אַלעמען איינגעשטילט. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט פון איהם; אַ בית־עולם שטילקייט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, און איינציגע פרויען האָבען געווישט זייערע אויגען.

מיסעס קעלערמאַן, די בראָווסטע פון אַלע פרויען, איז געווען די ערשטע, וועמען עס האָט פאַרכאַפּט ביים האַרצען צום וויינען. נאָך איהר האָט די יונגע שוחט׳קע גענומען ווישען די אויגען.

— ס׳איז אַזאַ רחמנות דאָרטען אויף דער אומגליקליכער פאַרלאָזענער פרוי — האָט די שוחט׳קע געזאָגט שטיל צו דער מיסעס קעלערמאַן, אַז מען זאָל ניט חושד זיין, אַז זי וויינט צוליב דזשאָ׳ס טרערען.

דזשאָ האָט געגאָסען מיט טרערען און געווישט זיינע באַקען מיט די אַרבעל פון זיין ברודיגען סוועטער.

סעם ראַבינאָוויטש, מורא האָבענדיג פאַר זיך אַליין, אַז ער וועט זיך

צואויינען, האָט געגומען אַרומלויפען איבער'ן צימער און צו יעדען געמורמעלט:

— טשעפּעט איהם ניט. מען דאַרף איהם ניט שלאָגען.

אין דער שטילקייט האָט דער ניו יאָרקער יונגערמאַן פּלוצלונג אויסגעשריען צו דזשאָו'ן:

— מערדער! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין שוועסטער?

דזשאָו האָט זיך ערשט צואויינט הויך אויפ'ן קול און געיאָמערט:

— זאָגט מיר וואָס איך זאָל טאָן, וועל איך טאָן.

פון דרויסען האָט זיך געהערט מאַלי'ס קוויטשעדיגער קול:

— דזשאָו, קום אַ היים.

איהר קול האָט געקוויטשעט אַלץ נעהנטער און נעהנטער:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, דזשאָו, דו זאָלסט ניט געהן.

זי האָט אָן עפען געטאָן די טיר און דערזעהן דעם גרויסען עולם מיט דזשאָו'ן אינמיטען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן צושראָקען אויף צוריק, און די פרויען זיינען איהר באַפאַלען.

זי איז אָפּגעשפּרונגען אין דרויסען אַרויס, און אַ פּאָר פרויען האָבען שוין געהאַט שטעקענס אין די הענט.

דאָ האָט זיך היימי פּינקוס דערמאָנט, אַז ער איז דער שעריף. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישען מאַלי'ן און די ווייבער און האָט איהר געראָטעוועט פון דעם צורייצטען „פאָלק". ער האָט איהר אָפּגעפירט אַהיים.

— דזשאָו, האָט מיסטער גרינטרי אַ זאָג געטאָן, — די גאַנצע שטאָט ווייסט אַלעס. מאָרגען קומט דיין ווייב פון יוראָפּ, און דו זאָלסט געהן אַרונטערנעמען זי פון שיף.

גלייך האָבען אַלע גענומען שרייען:

— מ'וועט דיך אין לייעכער אַוועקטראָגען, געדענק, דזשאָו!

סעם ראַבינאָוויטש איז צוגעקומען גאַר נאָהענט צו דזשאָו'ען, און אין אַ ווייכען און פעסטען טאָן אַ זאָג געטאָן, אַ קלאַפּ טוענדיג זיך אַליין מיט'ן קולאַק אין הארצען:

— דו וועסט האָבען צו טאָן מיט מיר, דזשאָו, געדענק!

אין אַ געוועהנליכער פריהערדיגער צייט, ווען סעם וואָלט דאָס אַ זאָג געטאָן צו דזשאָו'ן, וואָלט דזשאָו איהם אַ האַנט איבערגעבראָכען. דזשאָו האָט זיך צו יעדער צייט געהאַלטען פאַר אַ שטאַרקערען פון סעם'ען. איצט, אין דער לאַגע, אין דער צוטומעלטקייט, פאַר דעם גרויסען עולם, איז דזשאָו געשטאַנען מיט אַ פאַרבלוטיגטען פּנים פון די שטויב וואָס האָט זיך צוזאַמענגעווייקט מיט די טרערען. זיינע גרויסע הענט זיינען געהאַנגען פון

זיינע שווער־פאַרהאַרעוועטע פּלייצעס ווי די צוויי פאַדערשטע לאַפּעס פון אַ בער, וואָס שטעהט אויף די הינטערשטע פיס, און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער געזאָגט מיט זיין כריפּענדען באַס:

— איך וועל טאָן וואָס מען וועט מיר הייסען.

— נו, געדענק־זשע, — האָט מיסטער גרינטרי געזאָגט; — די שטאָט וועט דיר העלפען. מאָרגען גאַנץ פריה זאָלסטו פאָהרען אין ניו יאָרק און אַראָפּנעמען דיין ווייב מיט דיין קינד.

דזשאָו האָט געווישט מיט׳ן אַרבעל זיינע טרערען, וואָס האָבען גערונען איבער זיין ברודיגען פּנים אין גרויסע טראָפּענס. געוויינט האָט ער ניט, אָבער טרערען זיינען גערונען.

ער איז אַרויס פון הויז.

סעם ראַבינאָוויטש מיט עטליכע געזונטע אידען, וועלכע האָבען ניט געטרויט מאַלי׳ן אַז זי וועט איהם לאָזען מאָרגען געהן אין קעסעל־גאַרדען, זיינען אין דרויסען געווען צוגעגרייט מיט אַן אויטאָמאָביל. זיי האָבען אַ כאַפּ געטאָן דזשאָו׳ן און זיין שוואָגער און האָבען זיך מיט זיי אָוועקגעטראָגען קיין ניו יאָרק.

אויפ׳ן וועג האָט זיי דזשאָו פאַרזיכערט, אַז ער וועט האַלטען וואָרט.

זיי האָבען איהם אויף איבערנאַכט איבערגעלאָזען אין ניו יאָרק און אָנגעזאָגט איהם, אַז אויב ער וועט מאָרגען קומען אָהן זיין יוראָפּשער ווייב, איז זיין לעבען קיין לעבען ניט.

אויפ׳ן וועג פון בושוויל קיין ניו יאָרק האָט דזשאָו, צואוואָרימט פון תשובה־געפיהלען, געהאַלטען אין איין טענה׳ן צו זיין שוואָגער וועלוועל און צו סעם ראַבינאָוויטש, אַז ער וואָלט סיי־ווי־סיי געגאַנגען אַרונטערנע־מען זיין ווייב און קינד פון שיף.

— וואָס איז מיט מיר יענע, אָט די מאַלי? — האָט דזשאָו גע׳טענה׳ט;

— זי איז מיט מיר גאָרניט מיט גאָרניט. וואָס קען זי מיר טאָן?

— זי קען דיר גאָרניט טאָן, דזשאָו, — האָט סעם ראַבינאָוויטש איהם געטרייסט.

— זי איז דאָך אַ פאַסקודע! — האָט דער שוואָגער אונטערגעכאַפּט.

— זי איז... — האָט דזשאָו זיך אַליין געטרייסט, אַרויסריידענדיג אויף איהר אַ מיאוס׳ען נאָמען, מיט וועלכע גראָבע יונגען רופען אַ גאַסען־פרוי.

ער האָט וועגען מאַלי׳ן געטראַכט אַלערליי מיאוס׳ע ווערטער. די מיאוס׳ע ווערטער האָט ער וועגען איהר געטראַכט ניט אויס שנאה צו איהר, נאָר אויס מיטלייד צו זיך אַליין. ער האָט גערעדט שלעכטס אויף מאַלי׳ן,

אָבער ער האָט געפּיהלט ווי אַ הוהן, וועלכע איז אַרונטערגעשלעפּט געוואָרען פון איהר ווארימער „סיעדעלע" (געזעס), וואו זי האָט געהאַט אונטער זיך די איינגעוואָרימטע ציפּליאַנקעלעך איהרע.

עס האָט איהם געצויגען, ער וואָלט אייניגעס אין דער וועלט געטאָן, ווען ער וואָלט געקענט צוריק זיין אין זיין היים מיט דער פעטליכער, געלער מאַלי, מיט דעם קינד, און די פעטליכע, רויט־באַקענדיגע מאַלי זאָל צו דער זעלבער צייט אויך זיין חיה, זיין ווייב, אויף וועמען עס איז אַ רחמנות.

און אַזוי פּיהלענדיג האָט ער אַלץ גע'טענה'ט:

— איך וואָלט סיי־ווי־סיי געגאַנגען צום שיף אַרונטערצונעמען איהר מיט'ן קינד.

ער האָט ווירקליך דאָס געמיינט. ער האָט מיט אַן אמת געוואָלט, אַז אַלעמען זאָל זיין גוט. ווען עס וואָלט זיך געווענדעט אַן איהם, וואָלט ער קיינעם ניט וועלען אומגליקליך מאַכען.

מען איז פאַרפאָהרען צו וועלוולען, אין אַ פלעט אויף זעקסטע סטריט, לעבען עווענױ „בי".

ביי וועלוולען אין הויז זיינען געווען אַ פּאָר קרובים, — קרובים פון דער ווייב'ס צד און טאַקע אויך קרובים פון דזשאָו'ס צד.

די ווייבער האָבען זיך אַ נעם געטאָן צו דזשאָו'ן.

— אַזעלכע דריי יאָהר זאָל דיר זיין, יאָשע, — האָט זיינע אַ קוזינע אויסגעשריען באַלד ווי זי האָט איהם דערזעהן.

די פרויען, די קרובים, האָבען זיך גענומען אויסצוקיהלען זייערע צאָרנדיגע הערצער אויף יאָשע'ן פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט זיך פון זיי אויסבאַהאַלטען.

דאָ אָבער האָט איהם סעם ראַבינאָוויטש פאַרטיידיגט און פאַרזאָגט אַלעמען, אַז מען זאָל ניט וואַגען אַנצורירען דזשאָו'ן.

— דזשאָו איז אַ מאַן! — האָט סעם ראַבינאָוויטש געשריען; — ער איז אַ מאַן!

סעם ראַבינאָוויטש האָט דזשאָו'ן איבערגעלאָזען אין די הענט פון די קרובים, און אַליין איז ער צוריק אַוועק קיין בושוויל.

ביי וועלוולען אין הויז האָבען זיך די קרובים פאַנאַנדערגערעדט. מען האָט אויסדערצעהלט און איבערדערצעהלט וואָס חיה האָט דורכגעמאַכט די צעהן יאָהר אין יוראָפּ; מען האָט דערצעהלט ווי די צוויי מיידלאַך איהרע זיינען געשטאָרבען. איינע איז געשטאָרבען פון טיפוס אין צייט פון מלחמה, אַ צווייטע, די אינגערע, איז געשטאָרבען אויפ'ן וועג קיין אַמעריקע — אַ

וועג וואָס האָט גענומען דריי־און־אַ־האַלב יאָהר, ווייל זי האָט געוואַרט אויף געלט און אויף די אַפידייוויטס.

דזשאָו איז געזעסען און האָט געגאָסען מיט טייכען טרערען. אַלע האָבען אויף איהם רחמנות געקראַגען, און מען האָט איהם געטרייסט און מיטגעוויינט מיט איהם אויף חיה׳ס ביטערען מזל.

— איך בין ווערט מען זאָל פון מיר מיין פעל שינדען פאַסענווייז, — האָט דזשאָו גערעוועט מיט געוויין.

אַן אמת׳ן יום־כפור האָט דזשאָו דורכגעלעבט. ער איז אינגאַנצען געווען צונומען מיט די טיפסטע געפיהלען פאַר חיה׳ען, פאַר זיינע קינדער, וואָס זיינען נעבאַך פריה פון דער וועלט אַוועק, פאַר זיין זוהן, פאַר זיין שמואל׳ן, וועלכער וואַרט אויף איהם, אויף זיין טאַטען, דאָ אין ניו יאָרק. די שיף איז שוין יענעם אַוועגט געשטאַנען אין האַפען.

דזשאָו האָט זיך געלייגט שלאָפען ביי וועלוולען אין קיך, אויף אַן אויפ־געלייגטער בעטעל. ער איז אַ לאַנגע צייט געלעגען, און זיינע רעיונות האָבען איהם געטראָגען אַהער און אַהין. דאָ האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט חיה׳ן, ווי ער האָט זיך מיט איהר און מיט די קינדער געזעגענט ביים אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקע. אָט האָבען זיך זיינע רעיונות אַוועקגעטראָגען אין אַמעריקע צו דער געלער מאַלי, די פראַנקפורטערס פאַרקויפערין לעבען שאָפּ. זי איז צו איהם געקראָכען.

— אַ כאָלעריע זאָל איהר כאַפּען! — האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגע־ריסען.

ער איז איצט געווען גרייט צו כאַפּען מאַלי׳ן פאַר די האָר און אויס־שלעפען איהר אַזוי איבער אַלע גאַסען.

ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם קינד, וואָס ער האָט מיט מאַלי׳ן, אַן לילי׳ן.

זיין האַרץ איז אָבער צופיל געווען צוואוויטאַגט פאַר זיינע פאַרשטאָר־בענע צוויי קינדער, און פאַר שמואל׳ן, וועלכער וואַרט אויפ׳ן שיף, און ער האָט אַרויסגעמורמעלט :

— זאָל זי דער׳הרג׳עט ווערען, די געלע צויג, מיט איהרע ממזרים אינאיינעם !

אויף מאָרגען אין דער פרי האָט דזשאָו׳ס קוזינע געבראַכט פאַר איהם אַ ווייסע אויבערהעמד און אַ סוט, איהר מאַנ׳ס אַ סוט.

דזשאָו האָט זיך אָנגעטאָן, אָפּגעראַזירט זיך, און אַוועק מיט וועלוולען אויף עליס־איילענד.

.7

דזשאָו דערקענט זיין ווייב

אין עליס־איילענד, וואו דזשאָו האָט געוואַרט אַ פּאָר שטונדען ביז מען האָט איהם אויסגערופען, איז ער געזעסען פאַרזונקען אין געדאַנקען וועגען חיה'ען, וועגען זיין זוהן, וועלכען זי פיהרט מיט זיך, און הויפּט־זעכליך וועגען זיינע צוויי פאַרשטאָרבענע קינדער, די טעכטער וואָס האָבען נעבאך ניט דערלעבט צו זעהן איהם אין אַמעריקע.

פון מאַלי דער געלער מיט איהר זוהן, מיט דער שותפות'דיגער קינד זייערע, איז ער געוואָרען ווייט, ווייט; ער האָט גאָר וועגען איהר ניט גע־טראַכט. זי איז איהם אויפ'ן זינען ניט געקומען. דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהם דורך דער לעצטער נאַכט, האָט איהם אינגאַנצען אָפּגעטיילט פון די יאָהרען וואָס ער איז אָפּגעווען אין אַמעריקע. אַלע פּאַסירונגען זיינען ווי אָפּגעשניטען געוואָרען פון איהם. ער איז יאָשע פון זאַטשינא, און ער איז געקומען באַגעגענען זיין ווייב און קינד.

— דזשאָזעף צוועטקין! — האָט מען אויסגערופען.

דאָס וואָרט צוועטקין האָט דזשאָו דערהערט, און ער האָט זיך אויפ־געשטעלט.

מען האָט איהם צוגעפיהרט צו אַ פינסטערער, גרויער אַלטער אידענע, וועלכע איז געשטאַנען מיט אַ אינגעל אַרומגערינגעלט מיט פּעקלאַך. לעבען דער אידענע זיינען געשטאַנען נאָך אַ פּאָר ווייבער און אַ פּאָר על־טערע אידן. דזשאָו האָט געוואַרט ביז מען וועט צופיהרען חיה'ן צו איהם.

ער האָט ניט געהערט, נאָר געזעהן ווי דער בעאַמטער פרעגט עפּעס דער אַלטער, פינסטערער אידענע, און יענע דרעהט מיט'ן קאָפּ אויף יע, און מאַכט מיט די הענט צו איהם, צו דזשאָו'ן.

— איז דאָס אייער ווייב? — האָט מען דזשאָו'ן געפרעגט, אָנצייי־גענדיג אויף דער אַלטער אידענע.

— ניין, — האָט דזשאָו געענטפערט.

— יאָשע! — האָט די אַלטע אויסגעשריען; — געה, שמואל'קע, אָן איז דיין טאַטע, — האָט זי געזאָגט צום אינגעל.

דער עליס־איילענד באַאמטער, וועלכער איז געוואוינט צו די באַגע־געגנישען פון די אַמעריקאַנער מענער מיט זייערע אייראָפּעאישע פריה־

פאַרעלטערטע ווייבער פון נאָך־די־מלחמה־יאָהרען, האָט צו דזשאָ׳ן געזאָגט:

— קוקט זיך גוט איין, מיסטער; קוק זיך גוט איין, צי דאָס איז אייער ווייב.

חיה און שמואל זיינען בעהנטער צוגעגאַנגען צו איהם. חיה האָט ערשט טאַקע דערזעהן, אַז דאָס איז יאָשע, דער זעלבער יאָשע, וועלכען זי האָט ניט דערקענט ביים ערשטען בליק. ער איז שוואַרצער געוואָרען; ער איז האַמעטנער ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, כאָטש ער האָט קיין באָרד ניט געהאָט.

דזשאָו האָט אַפילו ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אָט די אידענע איז זיין ווייב, אָבער ער האָט געענטפערט:

— יע, דאָס איז מיין ווייב.

געזאָגט האָט ער עס אַזוי אָפּהענטיג, אַזוי ניט־גלויבענדיג נאָר אונ־טערטעניג, ווי ער האָט געזאָגט אין בושוויל, ביי מיסטער גרינטרי אין הויז, אַז ער וועט טאָן אַלעס, וואָס מען וועט איהם הייסען.

דער אינגעל האָט געקושט דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט בלויז אַ שטאָך געטאָן דעם אינגעל׳ס פּנים מיט זיינע האַרטע וואָנצעס.

חיה האָט געוויינט; עס האָבען זיך איהר געגאָסען גרויסע טראָפּענס פון די אויגען, און זי האָט שוואַך אַרויסגערעדט:

— וואָס מאַכסטו, יאָשע?

דזשאָו איז אַרויס מיט דער אידענע און מיט דעם אינגעל און מיט די פּעקלאָך, און איהם האָט זיך עפּעס די גאַנצע געשיכטע ניט געגלויבט. ער האָט בלויז מיט׳ן שכל פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז טאַקע חיה, זיין חיה.

דעם גאַנצען וועג פון עליס־איילענד, אויף דער פערי, אויף דער קאַר, האָט וועלוועל גערעדט מיט דער שוועסטער. די שוועסטער האָט גערעדט, און אויף וועלוועל׳ס מויל איז געלעגען אַ שמייכעל פון פריידע, און מיט די אויגען האָט ער געוויינט; געוויינט און ניט געקענט איינהאַלטען זיך.

דזשאָו איז געזעסען פאַרזונקען, געהאַלטען זיין אינגעל פאַר אַ האַנט, געקוקט מיט׳ן פּנים אַרונטער, און אינווייניג האָט זיך ביי איהם געמורמעלט:

— איכ׳ל טאָן וואָס מען וועט מיר הייסען.

אויף זעקסטע סטריט ביי וועלוועלען, האָבען שוין געוואַרט קרובים, און אויך אַ קאָמיטע פון צוויי פרויען פון דער בושווילער לידיס אָקזי־לערי טשאַריטי סאָסייעטי — מיסעס גרינטרי און די שוחט׳קע, מיסעס סימכאָוויטש.

די ליידיס אָקזילערי קאָמיטע פון בושוויל האָט געבראַכט אַ פּאָר קליידער פון פאַרשידענע סייזעס (נומערען). מען האָט דער גרינער מיסעס צוועטקין אָביסעל פאַרפוצט. זי האָט זיך געדונגען ניט אָנצוטאָן די קלייד, וואָס מען האָט איהר אָנגעפּאַסט, ווייל זי האָט גע׳טענה׳ט אַז זי איז ניט קיין שלעפּערקע, אָבער זי האָט זיך געלאָזען איבעררײדען.

די אויסגעגרינטע פרויען וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אין הויז, זיינען נתפעל געוואָרען פון דער גרינער, וואָס פאַר אַ קלוגע פרוי זי איז, ווי זי רעדט, עפּעס גאָר ניט ווי אַ גרינע.

— שי איז ען אינטעלידזשענט ליידי, — האָט מיסעס גרינטרי געזאָגט.

אַז מען האָט דער גרינער פאַרפוצט, האָט מען איהר געלאָזען אין פראָנט־רום, אַ צימער, וואָס איז דער ווייטסטער פון קיך, און מיסעס גרינטרי האָט אַ זאָג געטאָן צו דזשאָו׳ן:

— מיסטער דזשאָו, געהט אַריין אין פראָנט־רום; רעדט זיך דורך מיט אייער וויב.

— וואָס האָב איך צו ריידען? — האָט דזשאָו געזאָגט, און האָט געפאָלגט.

ער איז אַריין אין פראָנט־רום, וואו זיין וויב, חיה, איז געזעסען מיט׳ן אינגעל, מיט שמואל׳ן.

אין קיך האָט דער עולם זיך צורעדט וועגען דער גרינער.

— סאָטש ען אינטעלידזשענט לעידי, — האָט מרס. גרינטרי אַלץ גע׳טענה׳ט.

— אַן אײדעלע פרוי, — האָט די שוחט׳קע צוגעגעבען, — אַ רחמנות ווי זי קוקט אויס.

— איהר׳ט געדאַרפט קענען מיין שוועסטער אַמאָל, — האָט וועל־וועל געוויינט; — זי איז געווען אַ שענהייט.

— ס׳איז ניט פון נחת, — האָבען אַ פּאָר צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

— זי רעדט גאָרניט ווי אַ גרינע, — האָט מיסעס גרינטרי זיך אַלץ ניט געקענט אָפּוואונדערען.

— היינטיגע גרינע זיינען גאָר קיין גרינע ניט, — האָט אַ זייטיגע אידענע, אַ שכנה, געזאָגט.

— צרות האָבען איהר געמאַכט קלוג, — האָט די שוחט׳קע פון בושוויל געזאָגט.

— זי איז אַמאָל געווען אַ קלוגע פרוי, — האָט די שוועגערין, וועלוועל׳ס וויב, געזאָגט; — זי פלעגט אַלע מאָל לייענען ביכלאַך.

— און אזא פרוי, — האט א קוזינע געזאגט, ווישענדיג די אויגען,
— האט געדארפט ארייַנפאלען צו אזא כאם ווי דזשאו.
— ער זאל איהר כאטש גלייכען, — האט מיסעס גרינטרי פרום געזאגט.
— אז יענע פאסקודסטווע זאל זיך אפטשעפען פון איהם, ווענט אלעס זיין אלרייט, — האט וועלוועל געזאגט.
— ש־ש־ש... — האט די שוחט'קע א מאך געטאן מיט'ן פינגער צו וועלוולען.
— זי ווייסט, זי ווייסט, זי ווייסט אלעס, — האט וועלוועל'ס ווייב געזאגט.
אין פראנט־רום איז דזשאו אריין, געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און געשוויגען...
— נו, יאשע, — האט חיה געזאגט מיט א פארטיגען געוויין, — פארוואס פרעגסטו ניט אויף העגעלען און אויף יאכקען?
— איך ווייס, איך ווייס, — און ער האט גענומען ווישען די אויגען מיט די ארבעל פון זיין ראק.
זי האט געוויינט און געוויינט, ניט געקענט איינהאלטען זיך פון געוויין.
דזשאו'ן האט פארנומען ביים הארצען. ער האט א גלעט געטאן שמואל'ן איבער'ן קעפעל, און ער האט געוואלט טרייסטען חיה'לען, האט ער געזאגט:
— דו וועסט זיך דא דארפען א ביסעל פאפראוועז.
— נו, — האט זי געזאגט וויינענדיג און א ביסעל מיט כעס, — אז איך האב געדארפט אריינלייגען אין דער ערד אזעלכע צוויי שעהנע קינדער, בין איך געווארען אן אלטע אידענע.
נאך א פויזע האט זי צוגעגעבען:
— מסתמא וואלט גלייכער געווען, אז איך וואלט מיט זיי מיטגע־גאנגען אין קבר אריין.
דזשאו האט עפעס געוואלט זאגען א גוטען ווארט, אבער ער האט ניט געוואוסט וואס, ער האט עפעס ווי מיט ניט קיין מענשליכער שטי־מע א בורטשע געטאן אין זיך, און ווידער א גלעט געטאן שמואל'ן איבער'ן קעפעל.
א היבשע צייט איז אריבער אין שוויגען. דער אינגעל האט גע־קוקט צוטומעלט אויף זיין מאמען, אויף דעם אידען וואס איז זיין טאטע, און דזשאו'ן האט זיך געוואלט עפעס זאגען, אז ער קערט ניט פאר יע־

נער, פאַר מאַלי׳ן, הייסט עס. ער האָט אָבער מורא געהאַט אָנצופאַנגען, און ער האָט געזאָגט:

— נו, איך וועל טאָן אַלץ וואָס מען וועט מיך הייסן.

אויף חיה׳ס פאַרוויינטען פנים האָט זיך באַוויזן עטוואָס אַ שיין פון אַ ליכטיגקייט.

8.

די שטאָט נעמט אויף דער גרינער

אין דער פריה, אין דעם טאָג וואָס דזשאָו איז געוועז אין קעסעל־גאַרדען, איז בושוויל געווען אויף די פיס מיט אַ פאַר שטונדען פריהער ווי אַלע טאָג.

ראָבינסאָן׳ס דראַי־גודס סטאָרקע האָט זיך געעפענט פריהער ווי אַלע טאָג, און ווען מיסעס ראָבינסאָן האָט געעפענט די טיר פון איהר סטאָר, האָבען שוין פרויען געוואַרט אין דרויסען. צווישען די פרויען איז אויך געווען מיסעס קעלערמאַן. מיסעס קעלערמאַן איז געווען די ערשטע. די שוחט׳קע און מיסעס גרינטרי שלאָפען אַלע מאָל שפּעט. זיי זיינען נאָך ניט געווען, און דער עולם האָט דערווייל גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— נו, געהערט עפּעס פון ניו יאָרק? — איז געווען מיסעס ראָבינ־סאָן׳ס גוט־מאָרגען צו די באַלעבאָסטעס.

— אַזוי פריה ווילט איהר שוין הערען נייעס? — האָט געזאָגט די בוטשערקע, אַ קניידעלדיגע, נידעריגע אידענע פון אַ יאָהר פופציג.

— איך האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג — האָט זיך באַקלאָגט מיסעס קעלערמאַן — איך האָב ניט געקענט איינשלאָ־פען פון ערגערניש, פון פאַרדרוס אויף דעם כאַמולע, אויף דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן.

— אָ! — האָט זיך אָפּגערופען די בוטשערקע — ניט דערהאַרען וועט דער עקספּרעסמאַן, אַז צוליב איהם זאָל איך זיך אָפּעסען דאָס האַרץ.

— צוליב איהם? — האָט זיך מיסעס קעלערמאַן ווי פאַרענטפערט. און מיט אַ טאָן פון פיל צערטליכקייט און מיטגעפיהל האָט זי פאַרטגע־זעצט: — ס׳איז דאָך צוליב איהר, צוליב דער גרינער פרוי, נעבאך, וואָס האָט זיך דאָרטען אין יוראָפּ אָנגעפּלאָגט.

דער געשפּרעך איז אַלץ פאַרגעקומען האַלב אין סטאָר האַלב אין דרויסען.

— וואס וועט איצט זיין ? — האט מיסעס ראבינסאן געפרעגט — מ׳דארף דאך זעהן רומס פאר דער גרינער. אדער, איך ווייס, אפשר זאל מען זעהן, אז די געלע מכשפה (זי האט געמיינט מאלי׳ן) זאל אפליידיגען די הויז ?

מיסעס קעלערמאן האט גענומען געהן אין סטאר אריין און האט מיט א געהיימניספולען טאן געזאגט :

— איהר הערט, מיסעס ראבינסאן, אט דאס טאקע האב איך מיט אייך געוואלט רעדען.

מיסעס קעלערמאן האט געמאכט דעם אנשטעל ווי צו זאגען א סוד, אבער די בוטשערקע האט זיך געמאכט ניט־וויסענדיג, און זי איז אויך אריין אין סטאר און צוגעלעגט דעם אויער. עס זיינען שוין אריין די אנדערע ווייבער, און מיסעס קעלערמאן האט שוין איהר סוד געמוזט זאגען פאר אלעמען.

— איך געה איצט פון יענער, פון דארטען, פון דער דזשאו׳איכע — האט מיסעס קעלערמאן געזאגט.

— נו ? — האבען אלע אויסגעשריען.

— איך בין געגאנגען איהר פשוט זאגען, אז זי זאל זיך ניט מא־כען נאריש און אפטרעטען די הויז פאר דזשאו׳ס אמת׳ער ווייב.

— נו ?

— קיינער ניטא אין הויז. אויפ׳ן טיר הענגט א גרויסער שלאס.

— איז ווי־זשע וועט זיין ?

— יע, כאפט זיך ניט — האט מיסעס קעלערמאן פארטגעזעצט — איך האב באגעגענט פינקוס דעם שעריף, האב איך איהם געפרעגט ווי עס דארף זיין נאך דער לאו, האט ער מיר געזאגט, אז מען טאר גארניט טאן. דאס הייסט, אז עס הענגט א שלאס אויפ׳ן טיר, טאר מען זיך ניט צוריהרען צו דער הויז.

— ס׳איז דאך אבער דזשאו׳ס הויז — האט זיך געבייזערט מיסעס ראבינסאן.

— שא, — האט די בוטשערקע אויסגערופען — א געהט מיסעס גרינטרי.

דער מיסעס גרינטרי האט זיך אויך ניט געשלאפען. די טשאריטי־לעידי אין איהר האט איהר ניט געלאזען רוהען.

— איהר׳ט שוין געהערט, מיסעס גרינטרי ? — האט צו איהר געשריען פון ווייטען מיסעס ראבינסאן.

— וואס ?

מען האָט פאַר דער מיסעס גרינטרי איבערדערצעהלט דעם גאַנצען סוד וואָס מיסעס קעלערמאַן האָט דאָ פאַרגעבראַכט, און זי, מיסעס גרינטרי, האָט געענטפערט:

— ס'איז אַרויסגעוואָרפען אייערע רייד; מען קען די הויז ניט ריהרען. מיין סעם האָט מיר ערשט געזאָגט, אַז די הויז איז דער דזשאָו'איכע'ס. די הויז איז אויף איהר נאָמען.

— אַזוי? — האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסען מיט אַ זיפץ, וואָס אַ גרויסער געשמאַקער קאַמף איז צו'פטר'ט געוואָרען.

— אַה, פאַרלאָזט זיך אויף דער דזשאָו'איכע — האָט מיסעס ראַבינסאָן געזאָגט, פאַרלייגענדיג די הענט אויף דער ברוסט.

דער עולם האָט זיך אַלץ פאַרמעהרט אַרום ראַבינסאָן'ס דראַי־גודס סטאָרקע, און יעדער נייער פאַרשוין, וואָס איז צוגעקומען, איז אַנטוישט געוואָרען, דערהערענדיג אַז מאַלי האָט גענומען די קינדער און איז ערגעץ אַוועק, און די הויז איז פאַרשלאָסען.

די שטעטעל איז אויפגעשטאַנען מיט אַ מלחמה שטימונג. יעדער האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסען קאַמפּס־ספּעקטאַקעל. מיט מלחמה דורשט איז יעדערער געלאָפען צו דער בירזשע, צו ראַבינסאָן'ס סטאָרקע, און ס'האָט זיך גאַר אויסגעלאָזען, אַז דזשאָו'ס הויז איז פאַרשלאָסען: די דזשאָו'איכע איז ניטאָ.

די טעטיגע באַלעבאָסטעס פון בושוויל, וועלכע האָבען גענומען די געשיכטע אויף אַן ערענסטען אופן, האָבען זיך גרופּירט אַרום מיסעס גרינטרי און מיסעס קעלערמאַן, און מען האָט גענומען אויסשטאַטען דעם קבלת פּנים פאַר דער גרינער.

קיין אָרימאַן איז דזשאָו דער עקספּרעסמאַן ניט געווען, און מען האָט געוואוסט, אַז ער וועט שוין פאַר אַלעס באַצאָהלען. און מען איז אַוועק און גענומען אַ פלעט פון פיר רומס אין גרינטרי'ס אַ הויז אין עק שטאָט, ווייט פון מאַלי'ס הויז. מען האָט געקויפט אַ טיש, אַ פּאָר שטולען, אַ פּאָר בעטען. דער עולם ווייבער האָט צוזאַמענגעטראָגען טעפּלאַך, טעלער, אַ טישטוך, אַ קישען. מען האָט צוגעפּוצט די רומס מיט ראָפּעלאַך, מיט פאָרהאַנגען; ס'איז געוואָרען אַ וואוינונג פאַר דזשאָו'ען מיט זיין ווייב.

אַ גאַנצען טאָג איז די באַפּעלקערונג פון בושוויל געווען פאַרהאָוועט. ס'האָט אויסגעזעהן ווי די שטאָט ריכט זיך אויפצונעמען אַ וויכטיגען נאַטשאַלניק. די באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ווען אימעצען וואָלט איינגעפאַלען צו מאַכען אַ פאַרשלאָג אויסצושיטען די גאַסען מיט

שטיקלאָך סכך, וואָלט מען עס זיכער דורכגעפיהרט. נאָר בושוויל, אין דער שטעטעל פון בלאָטעס, פאַלען ניט איין אַזעלכע סענטימענטען.

נאָך מיטאָג איז אַרויסגעפאָהרען קיין ניו יאָרק די אָפיציעלע רע־סעפּשאָן קאָמיטע פון שטעטעל צו דזשאָו'ס גרינער ווייב. מיסעס גרינ־טרי און די שוחט'קע זיינען געווען די קאָמיטע.

פאַרנאַכט איז אין שטעטעל אַריינגעפאָהרען אין גרינטרי'ס אויטאָ־מאָביל די קאָמיטע און די דזשאָו פאַמיליע — דזשאָו אַליין, זיין גרינע ווייב און דער אייגעל, שמואל'קע.

אַרום דער הויז, וואו מען האָט געבראַכט די גרינע, איז געווען די גאַנצע שטאָט. מען איז געשטאַנען אין דרויסען, אין האָל און אין די רומס.

קינדער האָבען זיך געהאָנגען אויף די פייער־עסקעיפּס און אויף די טעלעגראַף סלופּעס. ווייבער און מענער זיינען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ די שטיגען. יעדערער האָט געוואָלט כאַפּען אַ קוק אויף דזשאָו'ס אמת'ער ווייב, און טאָקע אויף דזשאָו'ען, ווי ער זעהט אויס.

די גרינע מיסעס דזשאָו, אויף אַן אמת גרין און געל און צומוטשעט, איז געשטאַנען אין הויז אַ צוטומעלטע, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. שמואל'קע האָט זיך געטוליעט אַרום איהר, און די ווייבער האָבען איהר געטרייסט, וואָס דאָס איז אייגענטליך געווען זאַלץ אויף איהרע וואונדען.

דזשאָו האָט זיך פאַרקליבען אין אַ ווינקעל, אַוועקגעזעצט זיך שווער אויף אַ שטול, און געהאַלטען דעם קאָפּ אויף זיינע הענט, וועלכע ער האָט אָנגעשפּאַרט אויף די קניע. ער האָט געפיהלט ווי פּטור צו ווערען פון אַלעמען, אַנצו'שיכור'ן זיך, איינשלאָפען און ניט וויסען ווער ער איז, און וואָס מיט איהם טוט זיך.

יעדע ווילע האָט מען צו איהם צוגעשיקט היימי פּינקוס דעם שעריף, ער זאָל איהם אָנזאָגען צו זיין אַ מענש; וואָרים אַז ניט, וועט ער פאַרשוואַרצט ווערען אין פריזאָן. פּינקוס האָט געטאָן דעם ווילען פון פאָלק. אַליין איז ער אויך אַ בושווילער איד, און ער האָט דזשאָו'ן גוט געסטראָשעט:

די פעטע בוטשערקע האָט, אין דעם גרויסען טומעל, געגעבען דער גרינער אַ לעסאָן וועגען אָפּדרעהען, אָנצינדען און פאַרדרעהען דעם געז־אויוועז.

דער עולם איז דערוויל אַרומגעגאַנגען, אַרויסגעגאַנגען און אַריינ־געגאַנגען אין די צימערען, געקוקט, טאָקע גוט איינגעקוקט זיך אויף דער גרינער ווייב, און געשאָלטען דזשאָו'ען — אַ כאָלערע זאָל איהם כאַפּען.

וואָס ערגער די גרינע פרוי האָט אויסגעקוקט אין די אויגען פון אַ בושווילער באַלעבאָסטע, אַלץ אַ גיפטיגערע קללה האָט זיך אַרויס־געריסען אויף דזשאָ׳ען, למאי איהם האָט זיך געוואָלט אַ נייע ווייב אין אַמעריקע.

— זאָל עס איהם באַקאָם אַרויס, דעם כאָמולע — האָט די שוחט׳קע געזאָגט מיט אַ געלעכטערל.

פון די מענער זיינען געווען איניגע, וואָס האָבען געהאַט אַביסעל רחמנות אויף דזשאָ׳ען איבערהויפט קעלערמאַן, ווען ער האָט דערזעהן די חרוב׳ע גרינע פרוי, ער האָט געפיהלט ווי צו זאָגען אַ פּאָר טרייסט־ווערטער צו דזשאָ׳ען. ער האָט עס אָבער ניט געוואַגט. זיין פרוי, מיסעס קעלערמאַן, איז געווען איינע פון די אָנפיהרערינס פון דעם קאַמף געגען דזשאָ׳ען און געגען מאַלי׳ן.

עס איז געווען אַ מורא אַרויסצורייידען אַ וואָרט מיט סימפּאַטיע פאַר דזשאָ׳ען און מאַלי׳ן. ס׳איז געווען אַ מלחמה שטימונג, און אין אַ מלחמה־צייט מוזען די ליבעראַלע מענשען האַלטען זייערע מיילער געשלאָסען.

ס׳איז געווען אַ פרעהליכער אָווענד אין בושוויל. די שטילע, פאַר־וואָרפענע שטעטעל האָט געהאַט אַ „גוט טאַים״. די שמחה איז אַביסעל געשטערט געווען דורך דעם, וואָס מאַלי איז ניט געווען. איהר הויז איז געווען פאַרשלאָסען, און דער בושווילער עולם האָט ניט געהאַט דעם פולען עקסאַיטמענט, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

ווען דער עולם איז ביסלעכווייז זיך צוגאַנגען פון דער חתונה, האָט יעדערען געצויגען צו זעהן, וואָס עס טוט זיך אַרום דער הויז, וואו ערשט נעכטען איז דזשאָ דער עקספּרעסמאַן געווען דער בעל־הבית מיט זיין מאַלי׳ן.

כאָטש מאַלי׳ס הויז איז געווען גאַנץ ווייט פון די רומס, וואו מען האָט באַזעצט דזשאָ׳ען מיט זיין גרינער געזעצליכער ווייב, כמעט אין דעם אַנדער עק שטעטעל, האָט יעדען געצויגען דורכצוגעהן פאַרביי דער הויז.

ס׳איז געווען אַ מיטוואָך אָוונט. ווען ס׳וואָלט געווען שבת אָוונט, וואָלט דער עולם אפשר אָפּגעשטאַנען אַ גאנצע נאַכט לעבען מאַלי דער געלער׳ס הויז. יעדערער האָט געוואוסט, אַז מאַלי איז ניטאָ אין הויז, אָבער אַ כשוף האָט געוואונקען פון הויז, און ס׳האָט יעדען געצויגען פאַרבייצוגעהן.

פון מאַלי׳ס הויז האָט אַ שטילער שיין פון אַ פייער׳ל אַרויסגע־לויכטען.

.9

מאַלי די געלע

אין דעם אָוונט, ווען דזשאָו איז צוגעכאַפּט געוואָרען קיין ניו־יאָרק, ווען דער עולם פון גרינטרי'ס הויז האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מאַלי'ן, איז זי אַוועק מיט גרויס געוויין צו זיך אַהיים. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט זי זיך געדרעהט דורך די פינסטערע, בלאָטיגע געסלאַך און האָט געוויינט, געוויינט, געגאָסען טייכען טרערען.

זי האָט געוויינט פאַר זיך אַליין. זי האָט געוואוסט, אַז אין גאַנץ בושוויל איז ניטאָ קיינער, אויסער דזשאָו'ען, וואָס זאָל וועלען צוהערען זיך צו איהר געוויין; און פאַר דעם האָט זי אַזוי ביטער געוויינט פאַר זיך אַליין. זי האָט אויף זיך רחמנות געהאַט; זי איז ביי זיך גערעכט געווען; זי האָט פאַר זיך געגאָסען מיט טרערען.

זי האָט געפיהלט פון הינטען אויף איהרע פּלייצעס דעם געלאַף פון דעם עולם, וואָס האָט זיך מיט ווילדער רציחה אַרויסגעלאָזען פון גרינטרי'ס הויז נאָך איהר. זי האָט ניט געפיהלט קיין דאַנקבאַרקייט צו היימי פינקוס, דעם שעריף, דערפאַר וואָס ער האָט איהר פאַרטיידיגט.

— ניכאַי וואָלטען זיי מיך געשלאָגען — האָט זי צו זיך אַליין גע'טענה'ט אין גרויסען געוויין — ניכאַי וואָלטען זיי מיר געשלאָגען.

אין דעם פינסטערען דרויסען האָט זי קיין מענשען ניט געזעהן, און זי האָט זיך פריי פאַנאַנדערגעלאָזען מיט איהר יאָמערען הויך אויפ'ן קול.

אַ קליין קעצעלע האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איהר און זיך געפּלאָנ־טערט אין די פיס. זי האָט איהר עטליכע מאָל אַוועקגעטריבען, און די קעצעלע איז ווייטער אויסגעוואַקסען אַרום איהר. מיט גרויס כעס האָט זי מיט אַ פיס אַ שטויס געטאָן די נודנע קעצעלע. די קעצעלע האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעדרעהט פון דעם שטויס; זי איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס, און איז ניט געוואָרען אין דער פינסטערניש.

איידער מאַלי איז אַריין צו זיך אין הויז, האָט זי גוט אויסגעווישט די אויגען, אַז די קינדער זאָלען ניט זעהן איהר געוויין. אַז זי האָט אויס־געווישט די אויגען, האָט זיך אַ נייער שטראָם טרערען אַרויסגעגאָסען. זי איז געשטאַנען ביים טיר, געווישט די אויגען און געוויינט, און אַריינגעקומען אין הויז.

אין שלאָף־צימער, ביי איהר אין בעט, איז געזעסען איהר הערי און געשפּילט זיך מיט דער בייבי, מיט לילינקען.

— מאַ? — האָט פון שלאָף־צימער אויסגעשריען הערי.

— מאַ? — האָט לילי איבערגעשריען.

— יאַ, קינדער, יאַ, — האָט מאַלי געענטפערט — שפּילט זיך, שפּילט זיך, קינדער.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אין פראָנט־רום, און ס׳האָט זיך איהר מעהר ניט געוויינט. זי האָט זיך צוגעהערט צום פינסטערען דרויסען. דאָרטען, אין דרויסען, אין דער שטעטעל, האָט זיך דער עולם געקאָכט מיט רציחה, און זי איז געזעסען אַ פאַריאָגטע מיט איהרע קינדער אין איהר באַהעלטעניש, אין איהר אַרומגעמאַכטען ווינקעל.

ווי אַ בראָדיאַזשנע צויג, וואָס ווערט געכאַפּט אַרונטערשלעפּענדיג אַ לעבער פון אַ יאַטקע, ליגט שטיל באַהאַלטען אונטער אַ גאַניק איבער איהרע זויג־הינטלאַך, אַזוי איז מאַלי אָפּגעלעגען אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפענע, נערוועזע אויגען, לעבען איהרע קינדער.

זי איז געלעגען לעבען איהרע קינדער און געשפּירט דעם דרויסען. זי האָט זיך צוגעהערט צו דזשאָו׳ס טריט. ניין, ס׳איז ניט דזשאָו׳ס טריט.

זי האָט געהערט טריט און געלעכטערס. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס לאַכט מען פון איהר, אַז דאָס געהט מען פון גרינטרי׳ס הויז.

אַ נאַכט ווי אַ יאָהר האָט זיך געצויגען אין וואַרטענישען אויף דזשאָו׳ען. זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס דזשאָו איז ניט גע־קומען אַהיים נעכטיגען. זי האָט נעכטען אין אָוונט געוואוסט, אַז ס׳איז אַן ערנסטע זאַך. זי האָט גלייך נעכטען פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דזשאָו׳ס ווייב; אָבער פאַרוואָס איז ער ניט געקומען אַהיים?

אַז דאָס זאָל זיין די ענדע האָט זי ניט געגלויבט. זי האָט געפיהלט, אַז ס׳איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי איהר דוכט זיך.

עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, און זי איז אַרומגעגאַנגען איבערען הויז, געקוקט אין יאַרד אַריין. דער גאַראַדזש איז פאַרמאַכט.

אָט איז דער גאַראַדזש; אָט דאָ אין גאַראַדזש שטעהט דער טראָק. עס קען דאָך ניט זיין, אַז דזשאָו איז שוין ניטאָ, און זי בלייבט מיט די קינדער. עס קען דאָך ניט זיין.

די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט געלעבט מיט דזשאָו׳ען, האָט זי זיך געשראָקען פאַר דעם מאָמענט, ווען עס וועט קומען דער סוף. זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהר סוף, ווי איינער, וואָס האָט אַ געפעהרליכע קראַנק־הייט שרעקט זיך פאַר׳ן טויט. ווי דער קראַנקער, וואָס דערמאָנט זיך יעדען טאָג, אַז ס׳איז דאָ אַ מלאך המות, אַזוי האָט זיך מאַלי יעדען טאָג

דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ ערגעץ אַ ווייב, וואָס וועט סוף כל סוף קומען נאָך איהם און מאַכען אַ סוף צו איהר, צו מאַלי'ס לעבען, אַ סוף צו דעם לעבען פון איהרע קינדער.

און ווי דער קראַנקער, וואָס שרעקט זיך פאַר'ן סוף בלויז דערפאַר, וואָס ער טראַכט מיט'ן קאָפּ וועגען דעם און פיהלט ניט אין האַרצען, אַז דער סוף וועט קומען, אַזוי האָט מאַלי בלויז געטראַכט מיט'ן קאָפּ אָבער אין האַרצען האָט זי ניט געפיהלט אַזוי. אין האַרצען האָט זי גע־פיהלט, אַז ס'איז ניט דער סוף, אַז דער סוף וועט ניט קומען; ער קען ניט קומען.

אין דרויסען איז שוין געוועז גרוי. דזשאָו איז נאָך ניט געקומען אַהיים, און איהר האַרץ האָט שוין גענומען ציטערען, אַז דער סוף איז געקומען. זי האָט נאָך אָבער ניט געגלויבט אויף אַן אמת'ן.

זי איז אַרויס בעמען זעמעל אויף ברעקפעסט. די שטעטעל האָט נאָך געשלאָפען, און זי איז אַרונטער אין קעלער צום בעקער נאָך פרישע זעמעל.

די צוויי בעקער אַרבייטער האָבען זיך איבערגעוואונקען, און איי־נער, דער פעטער מיט'ן גרויסען בויך, זעצענדיג ברויטלעך אין אויוען, האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיט ליב אייך אייער גאַסט, מיסעס צוועטקין.

עס האָט זיך איהר עפּעס אָפּגעריסען אין האַרצען, און זי האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג.

— אָ, משה, הער אויף — האָט דער אַנדער בעקער, דער דאַרער, דער הויקער, געזאָגט צו זיין קאָלעגע.

— זי ווייסט, זי ווייסט — האָט דער בייכיגער משה געזאָגט, אַריינ־קוקענדיג אין אויוען — זי ווייסט, אַז דזשאָו איז אַוועקגעפאָהרען אין קעסעל־גאַרדען אַרונטערצונעהמען זיין יוראָפּשע ווייב פון שיף.

מאַלי האָט שוין די זעמעל ניט גענומען. זי האָט איבערגעלאָזען די זעמעל און איז אַרויסגעלאָפען פון קעלער. זי איז געלאָפען ניט מיט איהרע כוחות. ווי אַ געשאָסענע חיה איז זי געלאָפען אַהיים.

זי איז אַריין אין הויז, אַרומגעלאָפען הין און צוריק. איהר האַרץ האָט שוין געגלויבט, אַז דער סוף, דער סוף, פאַר וועלכען זי האָט זיך געשראָקען, איז געקומען. יאָ, ער איז געקומען.

— מיינע קינדערלעך! — האָט זיך ביי איהר געמורמעלט — מיינע קינדערלעך.

די קינדער זיינען געלעגען אין בעט, געשלאָפען געשמאַק, און זי האָט געפיהלט, אַז זי איז געשטאָרבען, און זי האָט באַוויינט איהרע קינדער.

— מיינע קינדערלעך, מיינע קינדערלעך.

אין דרויסען איז שוין געווען גוט ליכטיג. עס האָבען זיך גענומען באַווייזען מענשען אין די גאַסען. דאַכט זיך, אַז אַלע קוקען צו איהר הויז. ווער עס געהט פאַרביי, קוקט צו איהר הויז.

יאָ, באַלד וועט אויפשטעהן די גאַנצע שטעטעל. מען וועט אויפ־שטעהן מיט פויסטען, מיט געשרייען, מיט שטעקענס געגען מאַלי׳ן.

מיט יעדע צעהן מינוט, וואָס דער טאָג איז געקומען אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער, האָט מאַלי דערפיהלט אַלץ מעהרער פינסטערניש, אַלץ מעהר די געפאַר. זי האָט זיך געפונען ווי לעבען אַן אָנקומענדער פאַרפליי־צונג. אויב זי זאָל וואַרטען לאַנג, וועט זיין צו שפעט.

זי האָט אויפגעוועקט איהר הערי׳ן, האָט איהם אַ פאַרשלאָפענעם גע־שלעפט אָנטאָן זיך. זי האָט גענומען לילינקען, אַ שלאָפענדע, אויף די הענט, פאַרשלאָסען די הויז. הערי איז איהר נאָכגעגאַנגען.

זי איז אַוועק קיין ניו יאָרק.

ס׳איז איהר זייער שווער געווען צו קומען צו איהר שוועסטער אין בראָנזוויל. די שוועסטער האָט איהר שטענדיג געוואָרענט, אַז עס וועט זיין טראָבעל. צווישען מאַלי׳ן מיט איהר שוועסטער זיינען פאָרגעקומען גרוי־סע קריגערייען צוליב איהר פאַרפיהרען זיך מיט׳ן עקספּרעסמאַן. זי האָט ניט געהאַט ערגעץ אַנדערש וואו צו געהן: זי איז אַוועק צו דער שוועסטער אין בראָנזוויל.

אַ גאַנצען טאָג האָט זי גאָרניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טאָן, וואוהין זי זאָל געהן. אַז זי דאַרף אָנגרייטען ערגעץ רומס, אַז זי וועט מעהר ניט קענען זיין אין בושוויל, איז איהר אַפילו אַרויפגעקומען אויפ׳ן געדאַנק, אָבער זי האָט אין דעם ניט געגלויבט; זי האָט פון דעם ניט געקענט טראַכ־טען.

אַז ס׳איז צוגעפאַלען דער אָוועגט, האָט איהר געצויגען אין בושוויל. זי האָט געוואָלט זעהן וואָס דאָרטען איז געוואָרען. זי האָט זיך אויסגעמאַלען, אַז דזשאָו איז געקומען אין הויז; ער איז אַריין אין הויז דורך אַ פענסטער און ער וואַרט אויף איהר.

ס׳איז ביי איהר גאָר פאָרגעקומען, אַז דער בעקער האָט געמאַכט אַ שפּאַס, און זי, די בהמה, האָט זיך דערשראָקען. געמאַכט אַזאַ טרעוואָגע, און אַוועק פון דער היים.

זי האָט געוואָלט לאָזען די קינדער דערוויל ביי דער שוועסטער און אליין פאָהרען אין בושוויל.

ניין, אָהן די קינדער איז איהר אונהיימליך צו קומען אין בושוויל. טאָמער איז טאַקע אין בושוויל געפעהרליך, איז בעסער צו זיין מיט די קינדער. מיט די קינדער וועט זי זיך פיהלען שטאַרקער.

שפּעט אין אָוועגט, דורך פינסטערע געסלעך, איז מאַלי מיט די קינדער געגאַנגען פון דעם סטיישאַן צו איהר אין הויז, אין דער הויז, וואָס איז געשטאַנען אומעטיג, אַן אַ זייט, ביי דער שטעטעל בושוויל.

דזשאָו איז אין הויז ניט געווען. דורך אַ שפּאַלט פון אַ טיר פון גאַראַדזש האָט מאַלי געזעהן, אַז דער טראָק שטעהט דאָרטען.

אַזוי ווי דאָס האָרץ האָט איהר געזאָגט, אַז אין די בושווילער סטאָרס וועט זי ניט קענען אַריינקומען, און זי האָט מיטגעבראַכט פון ניו יאָרק צום עסען.

ווען אין דער דירה, וואָס מען האָט גענומען פאַר דער גרינער, איז געווען ליכטיג, און מענשען זיינען דאָרט אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער די רומס, ווי אויף אַ קהל׳שער חתונה, איז מאַלי, אַ פאַרשאָלטענע, אַ באַהאַלטענע געלעגען מיט איהרע קינדער אין בעט. אין האַרצען האָט איהר געדריקט. די קינדער האָבען זיך אין איהר איינגעשצעמעט מיט די הענטלאַך. זיי האָבען זיך געשראָקען און ניט געוואוסט פאַרוואָס.

אין פראָנט־רום האָט געברענט אַ קליינער עלעקטרישער לעמפּעל. מאַלי האָט געלאָזט ברענען אַ קליינעם פייער; זאָל ער זעהן, אַז זי איז דאָ מיט די קינדער. טאָמער איז ער דאָ געווען בייטאָג און געטראָפען די הויז פאַרשלאָסען, זאָל ער וויסען, אַז זי איז דאָ מיט די קינדער.

טאָמער וועט ער קומען; אפשר וועט ער קומען. ער מוז דאָך קומען — האָט זי געטראַכט.

זי האָט איבערגעטראַכט פאַרשידענע זאַכען וועגען דעם, וואָס עס האָט געקענט פּאַסירען, און וועגען דעם, וואו דזשאָו געפינט זיך. די גאַנצע געשיכטע מיט זיין ווייב פון יוראָפּ, אַז זי איז געקומען, אַז זי זאָל זיין דאָ, האָט איהר אויסגעזעהן אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אַז דזשאָו׳ס יוראָפּשע פאַמיליע איז דאָ אין בושוויל, דאָ עטליכע בלאָקס פון איהר, און אַז די גאַנצע שטעטעל קאָכט זיך דאָרטען איצט — דאָס איז איהר גאָר ניט איינגעפאַלען צו טראַכטען.

זי האָט אַריינגעזונקען אין אַ שלאָף, און האָט זיך דורך דער נאַכט עטליכע מאָל אויפגעכאַפּט.

די שווערינקייט פון שלאָף איז איהר געלעגען אויפ׳ן האַרצען. ביי יע־

דען מאָל וואָס זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי צוגעגאַנגען צום פּענסטער, און אַרויסגעקוקט אין דרויסען. ס'איז געווען אַ ווייסע לבנה־נאַכט; מען האָט אַ נפש ניט געזעהן; בושוויל איז געלעגען אין טיפען שלאָף.

איין מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אַז עס טאָגט שוין. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים פּענסטער, דער פּענסטער, וואָס קומט אויס צום הויף, און געוואַרט.

זי האָט געפּיהלט, אַז דזשאָו דאַרף דאָך קומען אַרויסנעהמען דעם טראָק צו דער אַרבייט.

זי איז געזעסען און געוואַרט, דערהיטען דזשאָו'ען ווי ער נעהמט אַרויס דעם טראָק.

יע, זי האָט זיך דערוואַרט. ס'איז געווען אַ זייגער זיבען, און זי האָט דערהערט טריט, זיינע טריט. זי האָט דערקענט דזשאָו'ס טריט.

עס האָט זיך איהר ווי עפּעס אָפּגעריסען אין האַרצען.

דאַכט זיך ס'האָט אַלעס ערשט פּאַסירט מיט אַ טאָג צוריק, און דזשאָו האָט איהר אויסגעקוקט אַזוי ווייט, אַזוי פרעמד.

דזשאָו איז אַרויף אויפן הויף, האָט אַ קוק געטאָן צו די פּענסטער פון הויז און דערזעהן מאַלי'ן. ער איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידעטער, זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

אין דרויסען זיינען שוין מענשען אַרומגעגאַנגען; מען איז געגאַנגען צו דער אַרבייט. נעכטען אָוונט האָט איהם היימאַן פּינקוס, דער שעריף, אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט איהם כאַפּען געהן צו מאַלי דער געלער, וועט ער פאַרשוואַרצט ווערען אין פּריזאָן.

ווען היימאַן פּינקוס האָט עס איהם אָנגעזאָגט אין דעם נאָמען פון דער גאַנצער שטאָט, האָט דערביי סעם ראַבינאָוויטש זיך געקלאַפּט מיט'ן פויסט אין האַרצען און געזאָגט:

— דזשאָו, געדענק! אויב דו וועסט דאָ פּראָווען „מאָנקי ביזנעס”, וועסטו האָבען מיט מיר צו טאָן.

דזשאָו האָט מורא געהאַט צוצוגעהן צו מאַלי'ן. ער איז געשטאַנען אַ מאָמענט, אָנגעקוקט זיך מיט איהר איינע די אַנדערע אין די אויגען אַריין, און איז אַוועק צום גאַראַדזש.

מאַלי האָט געכאַפּט איהר מיידעלע, אַ שלאָפענדע, איינגעוויקעלט איהר אין אַ בלענקעט און איז אַרויס אויפ'ן הויף צום גאַראַדזש.

דזשאָו איז געזעסען אין טראָק, אין גאַראַדזש, און האָט געהאַלטען אין אַרויספיהרען דעם טראָק.

— דזשאָו, וואָס וועט זיין? — האָט מאַלי געזאָגט.

— וואָס ווייס איך? — האָט דזשאָו ברוגז'דיג געענטפערט, זיצענדיג אין טראָק ביים רעדעל מיט'ן פּלייצע צו מאַלי'ן.

— דזשאָו, האָט זי געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

— וואָס בין איך שולדיג? — האָט ער גענומען טענה'ן, — דו זעהסט דאָך, אַז זי איז געקומען.

די ווערטער „זי איז געקומען" האָט מאַלי'ן אויפגעקאָכט מיט כעס, און זי האָט גענומען אַ הויכען טאָן:

— דזשאָו, זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך וועל דיר ניט לאָזען נעהמען דעם טראָק.

— וואָס בין איך שולדיג? — האָט דזשאָו געמורמעלט שטיל.

— דזשאָו, זאָל איך אַזוי לעבען! — האָט מאַלי גענומען קוויטשען אַלץ העכער און העכער — זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך לייג זיך דאָ אַוועק מיט'ן קינד ביי די רעדער פון טראָק. דו וועסט ניט נעהמען דעם טראָק.

עס איז געוואָרען אַ געזעמעל פון מענשען אויפ'ן הויף. דער געזעמעל איז געוואַקסען אַלץ גרעסער און גרעסער. דזשאָו איז אַרונטער פון טראָק, און מיט פּיענע אין מויל האָט ער אויסגעשריען:

— אַ! זאָלען זיי אַלע גע'הרג'עט ווערען!

איבער'ן שטעטעל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט גע־כאַפּט דזשאָו'ען ביי מאַלי דער געלער אין הויז.

ס'איז געוואָרען אַ געלאָף. גאַנץ בושוויל איז זיך צוזאַמענגעלאָפען. מיט געלעכטערען און מיט ווייבערשע קוויטשערייען האָט מען מאַלי'ן פאַרטריבען אין הויז אַריין.

סעם ראַבינאָוויטש איז געקומען און האָט אַ געשריי געטאָן:

— פיהר אַרויס דעם טראָק, דזשאָו, און דיין פוס זאָל דאָ מעהר ניט זיין!

אַזוי האָט בושוויל אָפּגעג'גט דזשאָו'ען מיט'ן טראָק פון מאַלי דער געלער.

.10
דער „סנהדרין" פון בושוויל

בושוויל האָט ניט געהאַט קיין רב. בושוויל איז שוין אפילו גרויס גע־ווען גענוג אויסצוהאַלטען אַ רב. ס'איז פיל מאָל גערעדט געוואָרען וועגען אַ רב, אָבער אַזוי איז געגאַנגען די צייט, און בושוויל האָט ניט געהאַט קיין רב.

ס'איז געווען אַ שמש אין שוהל. דער שמש איז אויך געווען דער מלמד פון דער היברו סקוהל, וועלכע האָט אײנגאַנצען געהאַט פופצעהן קינדער צום לערנען.

דער מלמד און שמש איז ניט געווען קיין געלערענטער איד, און איז אויך ניט געווען די פּערזענליכקייט, וואָס זאָל קענען זיין אַ גייסטיגער פיה־רער ביי אידען.

אַמאָל פלעגט דער שוחט זאָגען תורה־ווערטלאך, אָבער אויך ער איז ניט געווען קיין גייסטיגער בעל־דעה אין בושוויל.

צו ווענען די שטעטעל האָט זיך יע צוגעהערט וועגען גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע ענינים, איז געווען דער אַרבייטער־רינג. ניט דער גאַנצער אַרבייטער־רינג, נאָר די צוויי מיטגלידער, די לייטענדע גייסטער פון דעם בושווילער אַרבייטער־ריג ברענטש. דאָס זיינען געווען איזידאָר ווייס און נייטהען לעמקאָף.

די צוויי מענשען, אָבוואָהל אַלע האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען סאָציאַ־ליסטען, און געזאָגט האָט מען, אַז זיי זיינען אפילו גאַנצע אַנאַרכיסטען, זיינען אין בושוויל אַנערקענט געוואָרען אַלס די אינטעליגענטסטע מענשען, די געלערענטסטע. אויף מיסטער ווייס האָט מען געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט ניט געווען קיין סאָציאַליסט, וואָלט ער געקענט זיין אַ רב — אַזוי פיל האָט ער געקענט לערנען.

ווייס און לעמקאָף האָבען שוין אַ סך סכסוכים אין שטעטעל אויסגע־גליכען — סכסוכים צווישען מאַן און ווייב, צווישען ביזנעסלייט, און אפילו סכסוכים צווישען די פּאַליטישענס אין שול.

די געשיכטע מיט דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן און זיינע ווייבער איז געווען אַ צו גוואַלדיגע, אַז די שטעטעל זאָל זיך פאַרלאָזען אויף דעם אַרביי־טער־רינג, ס'הייסט אויף מיסטער ווייס אָדער אויף מיסטער לעמקאָף.

אין דער געשיכטע מיט מיסטער דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן און זיינע ווייבער האָט יעדערער אין בושוויל געהאַט די באַשטימטע מיינונג, אַז מען טאָר ניט דערלאָזען, אַז מאַלי די געלע זאָל פאַרבלייבען אין שטעטעל.

קיין רב איז ניט געווען, וואָס זאָל אַרויסגעבען אַ פּסק דין. ווייס און לעמקאָף האָבען אויסגעדריקט אַ געפעהרליכע מיינונג, אַז קיינער טאָר זיך ניט מישען. עס איז דערפאַר אויף אַ נאַטירליכען אופן אַריבער די מאַכט וועגען דער דאָזיגער פראַגע צו מיסטער גרינטרי, דער רייכסטער בעל־הבית פון שטעטעל, צו סעם ראַבינאָוויטש, דער שטאַרקסטער און קאָ־כיגסטער מענש, און צו היימאַן פינקוס, דער שעריף. די דריי האָבען צוזאַ־

מענגעשטעלט די העכסטע מאַכט פון דער אידישער קהלה אין בושוויל, דעם סנהדרין.

געגען דער מאַכט פון דעם סנהדרין פון די דריי מעכטיגע מענשען, האָט זיך קיינער ניט געוואַגט צו שטעלען אַנטקעגען. מאַלי די געלע האָט אָבער יע געוואַגט. מאַלי האָט געהאַפּט אוועקצוגעהן פון בושוויל מיט דזשאָו׳ען.

צייט מאַלי האָט געזעהן דזשאָו׳ס צודאַרטע, פאַרעלטערטע יוראַפּשע ווייב האָט זי זיך דערפיהלט זעהר שטאַרק ביי זיך. זי האָט געוואוסט, אַז דזשאָו וויל בעסער איהר, מאַלי׳ן.

זי האָט געפיהלט ווי אַן אַקטריסע, וואָס גלויבט אין איהר טאַלאַנט, זעהט ווי אַ שוואַכע, טאַלאַנטלאָזע אַקטריסע שפּילט אויף דער ביהנע. דאַן טראַכט די טאַלאַנטפולע: „אַך, ווען מען לאָזט עס מיך צו צו דער ביהנע !"

מאַלי האָט געוואוסט, אַז ווען זי קען זעהן דזשאָו׳ען אויג אויף אויג, געהט ער מיט איהר אַוועק, איז ער איהרער.

ס׳איז איהר הויז: זי איז אין איהר הויז, מיט איהרע קינדער. און מאַלי האָט באַשלאָסען צו זיין אין בושוויל, ביז זי וועט קענען זעהן דזשאָו׳ען אויג אויף אויג, ביז זי וועט אויספיהרען.

די שטאָט האָט זיך אָבער געגען מאַלי דער געלער אַנגעצונדען מיט אַ נייעם פלאַקער. יעדער אין בושוויל האָט געגלויבט, אַז דזשאָו וועט קומען צו מאַלי׳ן שטילנקערהייט. דאָס האָט די שטאָט בשום אופן ניט געקענט דערלאָזען.

פילע, וואָס האָבען פריהער ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער געשיכטע מיט ברענגען דזשאָו׳ס „יוראַפּשע" ווייב, זיינען איצט פאַרקאַכט געוואָרען אין פּטור צו ווערען פון מאַלי׳ן. עס האָט שוין אויך געברענט אַ מין ניט־פאַרגינערײ, אַ מין נייגעריגע ניט־פאַרגינערײ צו דזשאָו׳ען. גאָר צוויי ווייבער זאָל די שטאָט האַלטען פאַר איהם...

דער געדאַנק וועגען דער פלאַמיגער, געלער, פריזירטער מאַלי האָט דער שטעטעל קיין רוה ניט געגעבען.

אַ פּאָר וואָכען האָט זיך געטומעלט און געקאָכט. סעם ראַבינאָוויטש איז אַ פּאָר מאָל געווען ביי מאַלי׳ן צו פאַרהאַנדלען מיט איהר, זי זאָל ארויסמופען פון בושוויל; ווייבער האָבען איהר געמאַכט סצענעס אין גאַס; די אינגלאך פון שטעטעל האָבען געקראָגען אַ הכשר צו וואַרפען שטיינער אין די שויבען פון מאַלי׳ס פענסטער; און מאַלי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. זי איז פאַרבליבען אין איהר הויז, אין בושוויל.

ענדליך איז אַרונטערגעקומען די שטאַרקע קאַמיטע צו מאַלי׳ן. מיס־

טער גרינטרי און פינקוס דער שעריף זיינען אַריין צו מאַלי'ן און איהר געוואָרעגט, אַז אויב זי וועט ניט איינגעהן אויף אַ סעטעלמענט, וועט מען איהר אַרעסטירען.

מאַלי האָט געוואוסט, אַז מיט פינקוס דעם שעריף שפּילט מען זיך ניט. זי האָט געמוזט אָננעמען דעם סעטעלמענט.

מיסטער גרינטרי האָט זיך אונטערגענומען אַכטונג צו געבען אויף דער הויז, פאַרקויפען אָדער פאַרדונגען, און פינקוס האָט זיך אונטערגענו־מען צו ברענגען איהר אַלע וואָך צעהן דאָלאַר פאַר'ן קינד. דזשאָו וועט צאָהלען צעהן דאָלאַר אַ וואָך.

ווייט האָט מאַלי ניט געוואָלט אָוועקמופען. זי האָט זיך אַריבערגעקלי־בען אין אַ דערבייאיגע שטעטעל, אין לינדענטאון, וואו עס וואוינען כמעט גאָר קיין אידען ניט.

בושוויל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אַרויסגעפּראַוועט אַ טרפה שטי־קעל סחורה. מאַלי די געלע האָט אָוועקגעמופּט.

.11

חיה, די יוראָפּשע ווייב

דזשאָו האָט געהאַלטען וואָרט. ער האָט געטאָן דאָס וואָס מען האָט איהם געהייסען. ער איז געווען אַ מאַן צו זיין אמת'ער ווייב, צו חיה'ן. ער איז געווען אַ טאַטע צו זיין קינד, צו שמואל'ן. ער האָט אַלע וואָך געגעבען צעהן דאָלאַר פינקוס דעם שעריף, פאַר זיין קינד, דאָס הייסט, פאַר מאַליי'ן, און ער האָט זיך אַזוי אויפגעפיהרט, אַז די שטאָט האָט ניט געהאַט וואָס צו רעדען.

חיה, די ווייב, ווען זי איז געפאָהרען קיין אַמעריקע, האָט זי זיך נאָר געוואונשען, אַז ווען זי וועט קומען, זאָל איהר לעבען ניט פאַרשטערט ווע־רען פון יענער.

איהר וואונש איז מקוים געוואָרען, אָבער זי האָט זיך דערפיהלט אומ־גליקליך. זי האָט דזשאָו'ען ניט געקענט פאַרטראָגען.

אַמאָל דאָרטען אין זאַטשינא, איז זי געווען איידעלער פון דזשאָו'ען; איצט איז צווישען זיי געוואָרען גאָר אַ גרויסע וואַנד וואָס האָט זיי גייסטיג זעהר אָפּגעטיילט.

זי איז יאָהרען געווען אַליין, און זי האָט דורכגעלעבט די מלחמה, די רעוואָלוציע, די טומלענישען אַרום זאַטשינא. די צרות האָבען איהר עמפּ־

פינדליכער געמאַכט, נערוועז, איידעלער געמאַכט. די פּאָליטישע טומלע־נישען האָבען איהר ענטוויקעלטער געמאַכט. אין דער לופט דאָרטען האָבען זיך געטראָגען פּראַזען, דעמאָנסטראַציעס, האָוועגישען, בייעסען. זי איז געקומען קיין אַמעריקע מיט ווייניגער פלייש אויף איהרע ביינער און מיט מעהר פּרעטענזיעס אויף איידעלקייט.

דזשאָו איז דאָ אין אַמעריקע שרעקליך האַמעטנע געוואָרען. זי האָט צו איהם גערעדט אַ שפּראַך, אין וועלכער עס זיינען געווען אריינגעמישט די פראַזען פון דער נייער צייט אַרום זאַטשינא.

דזשאָו, ניט נאָר איז ער פאַרבליבען מיט זיינע אַמאָליגע בעל־עגלה׳־שע גאַנגען, נאָר ער איז דאָ טיף אַרונטערגעזונקען אין זיך אַליין, אין דעם בעל־עגלה וואָס איז אין איהם דאָ. היינט, זיין טרינקען, זיין טרינקען שנאַפּס. ווען ער פלעגט קומען אַהיים, האָט זיך פון איהם געפיהלט שנאַפּס. זי האָט געהאַט איידעלע געפיהלען, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסריידען פון האַרצען, און זי האָט עס ניט געקענט. ווען זי האָט אַמאָל גענומען צערטליך ריידען צו איהם, האָט ער געענטפערט בלויז:

— וואָס דו וועסט מיר זאָגען, דאָס וועל איך טאָן.

זיין קול איז שרעקליך פאַרגרעבט געוואָרען.

צום אינגעל, צו שמואל׳ן, איז ער ניט געווען צערטליך ווי אַ פאָטער דאַרף זיין. ער האָט זיך צו איהם פילע מאָל געכאַפּט שלאָגען. זי האָט אויסגעפיהרט, אַז ער זאָל ניט שלאָגען דאָס קינד, אָבער זי האָט איהם בשום אופן ניט געקענט געבען צו פאַרשטעהן דאָס קרענקעניש, וואָס ער איז ניט ליבליך געגוג צום קינד. ווען זי פלעגט אָנהויבען ריי־דען מיט איהם וועגען דעם קינד, פלעגט ער זאָגען:

— נו, נו, וואָס זאָל איך טאָן צו איהם ? זאָג מיר, וועל איך טאָן.

זי האָט ניט געוואוסט ווי צו געבען איהם צו פאַרשטעהן.

זי האָט געזעהן, אַז דזשאָו האָט ניט ליב דעם אינגעל.

ווען דער אינגעל איז פריי געווען פון סקול, האָט איהם דזשאָו גע־נומען צום טראָק העלפען שלעפּען די פּעק. ער האָט דעם אינגעל גע־געבען שלעפּען גרעסערע פּעק ווי ער אַליין, דזשאָו, האָט געשלעפּט.

דזשאָו איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען מיט אַ שנאה צו שמואל׳ן. ער איז איהם פרעמד געווען. ער האָט צו איהם ניט געפיהלט ווי אַ טאַטע צו אַ קינד.

חיה האָט געזעהן ווי שמואל׳קע דרעהט זיך אין דרייען מיט די שווערע פּעק, וואָס ער שלעפּט צום טראָק. שטיקער האַרץ האָט עס איהר

געקאָסט. שטיקער האָרץ האָט זיך פון איהר געריסען אויס מורא, אַז ער מאַכט דאָס קינד פאַר אַן עקספּרעסמאַן.

ס'איז איהר שוין דערעסען געוואָרען דאָס טענה'ן מיט איהם. זי האָט צו איהם גערעדט, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

דזשאָו האָט געוואָלט זיין גוט צו זיין ווייב. ער האָט צו איהר געוואָלט זיין ווי צו מאַלי'ן, כאָטש זי איז ניט געווען ווי מאַלי. זי פלעגט איהם אָפּשטויסען פון זיך.

איינמאָל, אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, איז ער געקומען מיט בלישצענדיגע אויגען פון שנאַפּס. אין הויז האָט געשמעקט דער ריח פון געפילטע פיש און פרישע חלה. חיה איז געזעסען אַ פאַרטרויערטע. דזשאָו האָט אויף איהר רחמנות געהאַט, און ער האָט צו איהר גענומען ריידען מיט אַ שמייכעל, ווי ער פלעגט ריידען צו מאַלי דער געלער:

— נו, קום אַהער, דו פּאַסקודע.

ער האָט איהר אָנגענומען פאַר די האָר.

זי האָט איהם געגעבען אַ שטויס. און ער איז שיער געפאַלען.

זי איז דערוויל אַרויסגעלאָפען אין גאַס. דאָס האַרץ האָט איהר פאַרקלעמט, און זי האָט זיך צוואויינט.

זי האָט מורא געהאַט, אַז מענשען וועלען זעהן ווי זי וויינט, און זי איז ווידער אַריין אין הויז.

אין הויז איז דזשאָו געזעסען אויף אַ שטול. די הענט זיינע זיינען אַרונטערגעהאַנגען ווי צוויי בערישע שווערע לאַפּעס; דער קאָפּ אַרונ־טערגעבויגען, און ער האָט גערעדט:

— יענע איז אַ פּאַסקודע. און דו ביזט נאָ גוד.

און ווען די ווייבער פון שטעטעל האָבען דערזעהן חיה'ן אין גאַס און געפרעגט:

— נו, איז ער צו אייך גוט?

— ער איז גוט; ער סטאַרעט זיך צו זיין — האָט זי געענטפערט.

— נו, דאַנקען גאָט — האָבען די ווייבער געזאָגט.

ווען אָבער מיסעס ראָבינסאָן האָט איהר איינמאָל אויג אויף אויג געפרעגט די פראַגע, — מיסעס ראָבינסאָן, צו וועלכער זי האָט זיך געפיהלט נעהענטער ווי צו אַנדערע — האָט חיה אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— סטייטש, פאַרוואָס רעדט איהר ניט? — האָט מיסעס ראָבינסאָן גענומען טענה'ן: — ער שלאָגט אייך אודאי?

— ניין, מיסעס ראָבינסאָן — האָט חיה געענטפערט, — איך האָב

צו איהם גאָר ניט, נאָר ער איז אַזוי פאַרגרעבט געוואָרען ביי איך אין אַמעריקע; ער איז אַזוי פאַרגרעבט געוואָרען.

און ווישענדיג די אויגען איז זי אַוועק אַהיים.

12

חיה אין בושוויל

ווען חיה איז געפאָהרען מיט איהר קינד קיין אַמעריקע, איז איהר געלעגען אויפ'ן קאָפּ די זאָרג, אַז יאָשע זאָל איהר כאָטש אויפנעמען; זי זאָל ניט ליידען קיין הונגער דאָרטען.

אין איהר הארצען איז געלעגען טיף באַהאַלטען דער וועהטאָג, וואָס איהר מאַן האָט דאָרטען אַן אַנדער פרוי. דער דאָזיגער וועהטאָג איז ווי געלעגען שטענדיג אַ וואַכעדיגער אין איהר הארץ, אָבער ער איז געווען באַדעקט מיט דער גרויסער זאָרג פון שרעק וועגען אַ לעבען צו מאַכען פאַר איהר מיט'ן קינד.

די שרעק פאַר איהר ניט זיכערער לאַגע, וואָס האָט איהר ער־וואַרטעט אין אַמעריקע, האָט קיין אַנדער זאַך ניט צוגעלאָזען אַלס אַ זאָרג. זי האָט דעריבער ניט געקענט פאַראויסזעהן נאָך אַנדערע זאָרגען און וועהטאָגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אַזוי שנעל ווי זי איז גע־קומען קיין בושוויל.

די פראַגע פון מאַכען אַ לעבען, פון האָבען אויף אַלעס פאַר איהר מיט'ן קינד, איז פאַרענטפערט געוואָרען גלייך ווי זי איז געקומען. זי איז אַריינגעפירט געוואָרען אין אַ הויז פון אַל דאָס גוטס, און יאָשע האָט איהר געגעבען געגוג געלט צו פיהרען די הוצאה. זייענדיג גע־וואוינט צו אַ שווערען לעבען די פריהערדיגע יאָהרען אין זאַטשינע, האָט זי זיך דאָ דערפיהלט ווי אַן אמת'ע גביר'טע.

אַז די מאַטעריעלע זאָרג איז פאַרשוואונדען, האָט זי גענומען ליידען פון דזשאָו'ס פאַרגרעבטקייט, פון זיין טרינקען, פון זיינע מיאוס'ע ווער־טער. אויף די דאָזיגע ליידען האָט זי זיך פריהער ניט גערעכנט. זי האָט ניט געקענט פאַרקלערען זיך אויף די זאַכען, ווען די זאָרג פון חיונה האָט פאַרשטעלט אַלעס. און צו דעם איז ערשט אַרויסגעוואַקסען אַט יענער וועהטאָג, וואָס איז כסדר געווען אין איהר הארצען באַ־האַלטען — זיין אַמעריקאַנער ווייב. דער וועהטאָג איז אַרויסגעוואַקסען גאָר אויף אַזאַ פיינליכען אופן, וואָס זי האָט פריהער אַזוינס ניט געפיהלט.

פריהער, איידער זי איז געקומען אין בושוויל, איז די דאָזיגע פּלאָגעניש געווען בלויז אַ טייל פון דעם גרויסען וועהטאָג און שרעק, וואָס זי האָט געדאַרפט קומען אין אַמעריקע אַלס ניט זיכערער פּאַסאַזשיר, אַלס ניט זיכער זיין מיט האָבען אַ דאַך איבער'ן קאָפּ פאַר זיך און פאַר'ן קינד.

אויך דאַן האָט זי זיך געפיהלט טיף געוועהטאָגט, וואָס איהר מאַן האָט אַן אַנדערע. ווען אָבער מען וואָלט איהר דאַן געזאָגט, אַז ווען זי וועט קומען קיין אַמעריקע וועט יאָשע מיט דער אַנדערער קיין געשעפטען ניט האָבען און ער וועט זיין מיט איהר, מיט איהר קינד און וועט אַרבייטען פאַר איהר מיט'ן קינד, וואָלט זי זיך געפיהלט העכסט גליקליך; זי וואָלט באַטראַכט איהרע צרות אַלס געענדיגט.

אַט איז זי שוין געקומען קיין בושוויל; אַלעס איז מקוים געוואָרען וואָס זי האָט זיך געוואונשען. און עס האָט איהר אַנגעהויבען נאָגען אַ טיפער וועהטאָג אין האַרצען, וואָס יאָשע האָט געהאַט אַן אַנדער פרוי, ווען זי איז דאָ ניט געווען.

באַלד ווי זי איז געקומען קיין בושוויל און עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איינאָרדענען, אַז יאָשע זאָל געבען יענער אויף צום לעבען, איז חיה געווען ווי אין הינהער־פּלעט. זי האָט קיין זאַך ניט געפיהלט אויסער דאָס וואָס מען וועט מוזען מאַכען אַ טאָלק אַז זי און איהר שמואל'יק זאָלען האָבען אויף אַלעס וואָס זיי דאַרפען און אַז איהר מאַן זאָל קענען פאַרבלייבען אין הויז אַלס אַ טאַטע צום קינד.

וואָס וויטער זי איז אָפּגעווען אין בושוויל, איז די זאָרג פון זיין פאַרזיכערט מיט'ן עסען, קליידער און אַ דירה, אַוועק וויט אין הינטערגרונד. די דאגה וועגען יאָשען, אַלס איהר מאַן, איז געוואָרען אויס דאגה, און גאָר בייע וועהטאָגען, אויף וועלכע זי האָט זיך ניט גערעכט, האָבען איהר גענומען מוטשען טיף אין דער נשמה.

חיה איז געווען אין דער לאַגע פון איינער וואָס האָט זיך געטרונקען אין ים, און געוואונשען בלויז צו ראַטעווען זיך פון דערטרונקען צו ווערען, זוכענדיג אַן אַנהאַלט. זי האָט זיך אַנגעהאַלטען אַן אַ שטיק האָלץ פון דער אונטערגעהענדער שיף, און נאָר געוואונשען, אַז די כוואַליעס זאָלען איהר צוטראָגען צו דער יבשה, צו אַ ברעג פון אַן אינזעל. מעהר ווי דעם אינזעל, די יבשה, האָט זי ניט געוואָלט. די כוואַליעס האָבען איהר צוגעטראָגען צו אַ ברעג פון אַן אינזעל. זי האָט געוויינט פאַר פרייד, ווען זי האָט דערפיהלט אַ באָדען אונטער איהרע

פיס. זי האָט דאָן זיך באַטראַכט אַלס די גליקליכסטע. באַלד אָבער זיינען געקומען די זאָרגען וועגן צוזאַמענרעדען זיך מיט מענשען, וועגן קומען צו אַ מענשליכען שטאַנד פון לעבען.

שווימענדיג און ראַנגלענדיג זיך מיט די כוואַליעס פון ים, האָט זי וועגען די אַלע זאַכען ניט געטראַכט. יבשה, אַ באָדען אונטער די פיס, איז געווען איהר גרעסטער און איינציגער וואונש. ווען דער באָדען איז געקומען, האָט זי ערשט דערפיהלט, אַז פון דורשט קען מען אויך שטאַרבען, אַז אין קעלט און אין עלענד איז מען אַזוי אומ־גליקליך ווי אין דעם ברויזענדען ים, וואו ס'איז ניטאָ קיין באָדען אונטער די פיס.

מיט יאָשען, מיט דער שעהנער דירה, מיט די סך דאָלאַרען, וואָס זי האָט געהאַט אַלע וואָך צו קויפען וואָס איהר האַרץ געלוסט, האָט זי זיך דערפיהלט אומגליקליך, און גענומען יאָדען זיך אַליין, יאָדען יאָשען, קריגען זיך, וואַרפען זיך, מאַהנען, כאָטש יאָשע איז איגענטליך געווען גוט צו איהר. זי האָט איהם גענומען יאָדען ביז אין ביין אַריין.

מיט אַנדערע ווערטער, חיה האָט זיך גענומען אַמעריקאַניזירען, מיט אַ כעס און מיט טענות, און דער כעס און די טענות זיינען שוין געווען געריכטעט ניט אויף דזשאָו'ן בלויז, נאָר אויף גאַנץ אַמעריקע.

דער גרויסער סוד פון אַמעריקאַניזירען זיך, איז דער פאַרלאַנג פון פאַרגעניגענס, פון דעם שטענדיגען האָבען אין זיבען פאַרגעניגען און גליק, גליק וואָס מעהר.

אין קיין אָרט אויף דער וועלט איז דער באַגעהר פון פערזענליכען גליק ניט אַזוי אַלגעמיין ענטוויקעלט ווי אין אַמעריקע. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס ווען איינער קומט קיין אַמעריקע ווערט ער די ערשטע וואָך איבעראַשט מיט צופרידענקייט, און גלייך נאָך דער ערשטער וואָך אָדער צוויי, פאַלט ער אַריין אין גרויסער ענטוישונג און אונ־צופרידענהייט.

דער ערשטער גלאַנץ פון דעם פערזענליכען גליק פון יעדען קרוב און לאַנדסמאַן, וואָס ער באַגעגענט דאָ, מאַכט אויף איהם דעם איינ־דרוק, אַז ער איז אריינגעפאַלען אין אַ גן־עדן. גלייך אָבער זעהט ער, אַז ער האָט עס ניט. ער הויבט אָן פאָדערען פאַר זיך אָט די אַלע פאַרגעניגענס, און ער זעהט ניט איין ווי אַזוי דאָס וועט קומען צו איהם. ער ווערט צאַרענדיג; ער קוקט מיט קנאה אויף אַלעמען וואָס האָבען דערגרייכט אַלע פאַרגעניגענס פאַר זיך, און עס דוכט זיך איהם,

אַז ער וועט עס ניט האָבען; מען האָט פאַר איהם גאָרניט איבערגע־לאָזען.

אין חיה'ן האָט גענומען ברענען דער נאַטירליכער אַמעריקאַנער פאַרלאַנג פון האָבען פאַרגעניגען. אַזוי שנעל ווי איין פאַרלאַנג איז ערפילט געוואָרען, האָט זי דערזעהן נאָך אַנדערע צעהן פאַרלאַנגען וואָס זיינען ניט ערפילט. און זי האָט זיך גענומען יאָגען נאָך זיי.

דער דאָזיגער פאַרלאַנג פון יאָגען זיך נאָך גליק, נאָך פאַרגעניגען, איז צו חיה'ן געקומען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער סאַי פון איהרע אייגענע באַגעהרען צו לעבען גוט, און סאַי פון איהר קומען אין באַ־ריהרונג מיט די פרויען פון בושוויל.

די ערשטע צייט האָט זי צו די בושווילער פרויען געפיהלט אַן אונצופרידענהייט, כאָטש זיי זיינען צו איהר געווען אויסערגעוועהנליך פריינדליך.

מאַנכעסמאָל האָט זי אפילו די בושווילער פרויען פיינט געהאַט. זי האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזען צו זיי. זי איז מיט זיי געווען אדרבא ואדרבא, אָבער זי האָט זיך צופיל צו זיי ניט צוגעלאָזען.

זי האָט די ערשטע צייט ניט פאַרשטאַנען אַקוראַט וואָס די בוש־ווילער אידישע ווייבער האָבען פאַר איהר געטאָן. זי האָט נאָר גע־וואוסט, אַז אַמעריקע האָט איהר געטאָן אַ גרויסען אומרעכט. אַמעריקע האָט געמאַכט פון יאָשען אַ גזלן צו איהר און צום קינד. אַן אַמערי־קאַנער ווייבעל האָט איהר יאָשען פאַרפירט, און בושוויל איז אַמעריקע; די בושווילער פרויען זיינען דאָס די אַמעריקע, וועלכע האָט איהר פאַר־פינסטערט דעם לעבען.

אַלע פריינדליכע ווערטער און וואַרימע באַציהונגען פון די בוש־ווילער צו איהר, האָט זי אָנגענומען ווי אַ פאַרענטפערונג וואָס מען האָט איהר שלעכטס געטאָן. זי איז געקומען מיט אַ ביטערער האַרץ אויף אַמעריקע, און די בושווילער ווייבער זיינען דאָס געווען די אַמעריקע. צו וועלכער חיה האָט געפיהלט אַ קאַלטקייט און עפּעס אַן אונצו־פרידענהייט.

זיי האָבען צו איהר אימער אַרויסגעוויזען פריינדליכע פנים'ער און זי, חיה, האָט צו זיי געשמייכעלט. זיי האָבען פאַר איהר עפּעס געטאָן, עפּעס אָנגעוויזען, האָט זי זיי באַדאַנקט. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אויסערליכע פריינדשאַפט. אין האַרצען האָט זי געפיהלט אַ פרעמדקייט צו זיי, אַ קאַלטקייט.

מיסעס גרינטרי און די שוחט'קע זיינען געווען פון די באַהענטסטע צו חיה'ן באַלד ווי זי איז געקומען קיין בושוויל.

מיסעס גרינטרי און די שוחט'קע זיינען געווען די צוויי ווייבער פון בושוויל, וועמען עס האָט זיך געלעבט בעסער ווי אַלע אַנדערע, און זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט „טשאַריטי".

מיסעס גרינטרי איז געווען רייך, האָט געהאַט ערוואַקסענע קינדער, און אַלע געראָטענע, ווי זי האָט זיך שטענדיג באַריהמט מיט זיי. די שוחט'קע איז געווען אַ יונגע און אַ שעהנע ווייבעל, וועלכע האָט געהאַט אַ יונגען מאַן, אויך אַ שעהנער בעל־הבית'ל, מיט אַ בייכעל, און אַ צופרידענעם, רוהיגען פנים, אויף וועלכען עס האָבען זיך שטענדיג געדרויטעלט די באַקען.

די שחיטה־ביזנעס איז געווען אין בושוויל אַ מין דזשענעראַל קאָנטראַקטינג ביזנעס. דער שוחט האָט געהאַט עטליכע שוחטים אונטער זיך, אַרבייטער, און ער איז געווען דער קאָנטראַקטאָר פון בושוויל און אומגעגענד. דאָס הייסט, אויך פון די אַרומיגע קליינע שטעטלעך, וועלכע האָבען באַלאַנגט צו דער בושווילער שחיטה.

פרנסה איז געווען צו־גענוג. קאָמפּלימענטען האָט די שוחט'קע געהאַט, ערשטענס, וואָס איהר מאַן איז דער וויכטיגסטער געלערענטער איד פון שטעטעל, און צווייטענס, וואָס זי איז געווען אַ שעהנע יונגע ווייבעל.

אָט פון די צוויי פרויען האָט געאָטעמט מיט בושוויל, ס'הייסט, מיט אַמעריקע; און וואָס מעהר די צוויי האָבען פאַרענטפערט אַמעריקע, אַלץ וועניגער ווירקונג האָבען זייערע רייד געהאַט אויף חיה'ן.

— כ'וועי, — האָט חיה געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווען זיי האָבען איהר געטרייסט, — ס'איז אַמעריקע; אין אַמעריקע איז אַלעס רעכט; אין אַמעריקע קען אַלעס פּאַסירען.

יאַשען אַליין האָט חיה געיאַדעט דערפאַר וואָס ער איז ביט קיין מענש, אָבער טיף אין איהר האַרצען האָט זי אַלעמען און אַלעס באַשולדיגט מעהר ווי איהר יאַשען. די הויפּט שולדיגע איז געווען אַמע־ריקע, די אַמעריקע, וואָס האָט אַזעלכע פרויען ווי די געלע מאַלי.

די שוחט'קע, וועלענדיג טרייסטען חיה'ן, פלעגט זאָגען צו דער מיסעס גרינטרי הויך, אַז חיה זאָל הערען:

— אַזוי איז מיט די גרינע; זיי מיינען אַז אַמעריקע איז שולדיג.

דער סאָרט טרייסטען האָט געווירקט אויף חיה'ן פּונקט פאַרקערט. דער שוחט'קעס פאַרענטפערען אַמעריקע איז געווען ווי אַ פאַרענט־

פערונג אויף מאָלי דער געלער, אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלץ וואָס עס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן אין אַמעריקע.

אום ניט אַרויסצואווייזן פאַר דער שוחטק׳ע אַז זי גלייבט ניט איהרע רייד, האָט חיה מיט אַ געמאַכטער חניפה געזאָגט:

— נו, ווען אַלע אַמעריקאַנער ווייבלעך וואָלטען געווען אַזוי ווי איהר, וואָלט שוין ניט אויסגעמאַכט.

דערמיט האָט חיה אי געגעבען אַ „נאָק״ אַמעריקע, אַז דאָ איז מיט די ווייבלעך גאָר ניט אַזוי פּרעהליך, און אי געגעבען אַ חניפה דער שוחט׳קע, אַז זי איז אַלראַיט.

מיסעס גרינטרי, וועלענדיג חיה׳ען אויסגרינען, אַז זי זאָל ניט וואַרפען די שולד אויף אַמעריקע, האָט כסדר „געגאַקט״ דזשאָו׳ן. זי פלעגט דערביי אַ זאָג טאָן, אַז דזשאָו איז אַ באָם, וועלענדיג דערמיט שוין אויך קאָמפּלימענטירען חיה׳ען, וואָס פאַר אַן אידעלע פרוי זי איז.

פאַר דעם האָט חיה ניט געקענט פאַרליידען דער מיסעס גרינטרי. זי אַליין, חיה, האָט יאָשען ניט געקענט פאַרטיידיגען. זי האָט אָבער אַלץ געוואָלט, אַז דער עולם זאָל יאָשען פאַרענטפערען. זי אַליין האָט געוואָלט ריידען שלעכטס אויף יאָשען, און פון דעם עולם האָט זי געוואָלט הערען טרייסט־ווערטער, אַז ס׳איז ניט אַזוי געפעהרליך, אַז יאָשע האָט נאָך אַ סך מעלות און אַז ער וועט נאָך זיין גוט.

אַזוי זיינען די בושווילער בעל־הבית׳טעס געווען גוט צו חיה׳ן: זי איז מיט זיי געווען פריינדליך; מען האָט איינע די אנדערע געגעבען קאָמפּלי־מענטען, חניפה׳לעך, אָבער חיה׳ס הארץ איז צו זיי ניט באַקעהרט געוואָרען.

מיט וועמען חיה האָט זיך אַלס גריבע אין בושוויל דערפיהלט גוט, איז געווען מיסעס קעלערמאַן, די קאָמוניסטקע פון שטעטעל.

מרס. קעלערמאַן, אַלס קאָמוניסטקע, האָט אין בושוויל ניט געהאַט קיין איין פרוי, מיט וועמען זי זאָל זיך פיהלען גוט. זי איז אין בושוויל געווען בלויז מיט׳ן גוף, אָבער איהר נשמה איז געווען אין רוסלאַנד. זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ גוטען כאַראַקטער; איהר האָט זיך געוואָלט טאָן גוטעס, טאָן מענשען טובות. אָבער אין בושוויל זיינען ניט געווען קיין מענשען וועלכע זאָלען ווערט זיין ביי מרס. קעלערמאַן אַז זי זאָל זיי טאָן טובות, אַז זי זאָל זיך טיילען מיט זיי מיט איהרע געפיהלען. רוסלאַנד, קאָמוניזם — דאָס איז געווען איהר יוגענד, וואָס האָט צו איהר אַרויסגעשיינט מיט די אַמאָליגע פאַרזאַמלונגען אין האַרעלקער וואַלד, מיט דעמאָנסטראַציעס. זי האָט אין דעם אַלעם גע־

גלויבט טיף, ערנסט, ווי דער רעליגיעזער איד גלויבט אין דעם אַמאָליגען אַלטען גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב.

דאָ אין בושוויל האָט זי קיינעם ניט געהאַט וואָס זאָל איהר אויסהערען, וואָס זאָל מיט איהר סימפּאַטיזירען, און מיט וועמען זי זאָל קענען סימפּאַטיזירען. דער קאָמוניזם ביי איהר איז עפּעס געווען איהרע אַ פּערזענליכע הייליגקייט, איהרע אַ טייערע זאַך, וואָס נאָר מיט רוסלאַנד קען זי זיך טיילען, וואָס נאָר רוסלאַנד איז ווערט צו האָבען עס. ווען, אַ שטייגער, בושוויל זאָל שוין וועלען ווערען קאָמוניסטיש, וואָלט מיסעס קעלערמאַן עס ניט דערלאָזען. זי וואָלט עס ניט דערלאָזען, ווי אַ איד קען ניט דערלאָזען, אַז אַ גוי זאָל האָבען ביי זיך אַ פּאָר תפילין.

וועמען קען זי דאָ אַנטרויען דעם אידעאַל איהרען? פאַר וועמען זאָל זי איהר הייליגקייט איינפּיהרען? פּאַר היימי פּינקוס? פּאַר דעם לענדלאָרד גרינטרי? פּאַר דעם פּראָסטאַק סעם ראַבינאָוויטש?

זי וואָלט זיי עס גאָרניט פאַרגינען.

אַז זי האָט געהאַט אַ געלעגענהייט און זיך געקענט אַמאָל אַרויסרייסען אין ניו יאָרק, ווען ס'איז עפּעס געווען דאָרטען אַ גרויסער קאָמוניסטישער באַל, אַ פאַרזאַמלונג, אַ קאָנצערט לכבוד לענין'ען, האָט זי אָפּגעלעבט. זי האָט זיך אויסגעקליבען קיין ניו יאָרק מיט אַזוי פיל ערנסט, ווי אַ פרומער ישובניק קלייבט זיך אין שטאָט אַריין פאַר די ימים נוראים. דאָרטען אין ניו יאָרק האָט זי געפונען איהר רוסלאַנד, איהר יוגענד.

אָבער זייער זעלטען פלעגט זי קענען אַרויסרייסען זיך קיין ניו יאָרק.

אַז חיה איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט מיסעס קעלערמאַן דערפיהלט, אַז דאָס איז איהר גאַסט, איהר פערזענליכער גאַסט, ווייל רוסלאַנד האָט באַלאַנגט צו איהר, צו מיסעס קעלערמאַן פערזענליך, און חיה איז ווי געקומען צו איהר אַלס אַ דעלעגאַטקע פון רוסלאַנד.

חיה איז געווען אַ ליידענדע, און מיסעס קעלערמאַן איז דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר איהר, פאַר איהר רוסישער חיה'ן.

אַז חיה האָט פאַר איהר אַרויסגעוועהטאָגט דעם ערשטען זיפץ געגען אַמעריקע:

— אָ, אַמעריקע! אַלעס איז רעכט אין אַמעריקע — האָט מיסעס קעלערמאַן זיך אָנגעכאַפּט ווי אַן אַ ווינש־פינגער'ל, און זי האָט גלייך פּאַטאַקעוועט:

— אַמעריקע, אַ לאַנד פון בורזשועס, אַ לאַנד פון עגאָאיסטען.

דאָס וואָרט בורזשועס איז חיה'ן געווען גוט באַקאַנט. אין זאַטשינא האָט זי דעם דאָזיגען וואָרט געהערט אויף יעדען טריט און שריט, און דאָס

דאָזיגע וואָרט האָט איהר אין זאַטשינא ניט נאָר ניט באַגייסטערט, נאָר אַ פּחד אויף איהר אַרויסגעוואָרפען.

צייט דאָס וואָרט בורזשוי איז אין זאַטשינא געוואָרען אין דער מאָדע אַלס זידעל־וואָרט, זיינען דאָרטען געוואָרען די טעג פינסטערע. דאָס וואָרט בורזשוי אין זאַטשינא איז געווען איינע פון די אורזאַכען וואָס האָט חיה׳ן שנעלער געטריבען קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע אָבער, ווען מיסעס קעלערמאַן האָט אַרויסגערעדט דעם דאָזיגען וואָרט, האָט זיך חיה אַן איהם אָנגעכאַפּט ווי אַן אַן אַלטען גוטען באַקאַנטען. דער וואָרט האָט איהר געבראַכט דעם טעם פון דער היים, וועל־כער מען האַסט ווען מען איז דאָרטען און מען ליבט ווען מען איז ווייט פון איהר. און דער וואָרט האָט איהר געדינט אויסצוקיהלען איהר האַרץ אויף אַמעריקע, אויף דזשאָו׳ס אַמעריקע, וואָס האָט איהר דאָס לעבען פאַר־פינסטערט.

— אַז ער איז עפּעס דאָ געוואָרען גאָר אויס מענש, — האָט חיה גע־טענה׳ט: — אַ ווייב איז קיין ווייב ניט, אַ קינד איז קיין קינד ניט.

— ער האָט דען געהאַט פון וועמען צו לערנען זיך איידעלקייט ? — האָט מיסעס קעלערמאַן געזאָגט. — ווער זיינען זיי דאָ אַלע ? בורזשועס, פּראָסטע בורזשועס.

די צוויי פרויען האָבען זיך איינע פאַר די אַנדערער אויסגערעדט די הערצער וועגען אַין געמיינזאַמען שונא — בושוויל, וואָס איז געווען פאַר ביידען דער צייכען פון אַמעריקע.

חיה האָט אַרויסגערעדט איהר ביטער האַרץ געגען אַמעריקע פון איהר פּערזענליכען וועהטאָג ; מיסעס קעלערמאַן האָט געלייגט אַמעריקע ניין איילען אין דער ערד פון איהר פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט.

— רוסישע מענשען קענען דאָס ניט טאָן, — האָט מיסעס קעלערמאַן מסכים געווען צו אַלעם וואָס חיה האָט גערעדט.

אַזוי האָבען זיךביידע פרויען דערפיהלט נאָהענט איינע צו די אַנדע־רע, און אונטערגעוואָרפען זיך איינע אונטער דער צווייטערס איינפלוס.

מיסעס קעלערמאַן האָט אויף דזשאָו׳ען גערעדט מעהר ווי די אַנדערע ווייבער, אָבער פון איהר האָט חיה דוקא געוואָלט הערען דאָס שלעכטס אויף דזשאָו׳ען. דאָס שלעכטס אויף דזשאָו׳ען האָט מיסעס קעלערמאַן גערעדט פון איהר, פון חיה׳ס שטאַנדפּונקט :

— אַמעריקע האָט פון איהם געמאַכט אויס מענש — האָט מיסעס קעלערמאַן געזאָגט, — ווען ניט אַמעריקע, וואָלט דזשאָו דען געוואָרען אַזאַ באָם ?

— אין דער היים איז ער געווען אַן ערליכער מאַן, — האָט חיה געזאָגט.

— וואָס גלייכט איהר רוסלאַנד צו אַמעריקע! — האָט אונטערגע־כאַפּט מיסעס קעלערמאַן מיט אַ פּאָר סענטימענטאַל־פאַרגלאָצטע אויגען.

אַזוי האָבען זיי גאַנצע טעג איבערגערעדט און איבערגעקאַיט דאָס זעלבע, און ווידער דאָס זעלבע, און חיה האָט זיך דערפיהלט גוט, וואָס זי האָט געפונען אַן אייגענעם מענשען אין אַמעריקע.

אַלס אַ קעמפּעריין פאַר גערעכטיגקייט, און האָבענדיג דעם איינפלוס אויף חיה'ן, און טאַקע פיהלענדיג באמת חיה'ס וועהטאָג, האָט מיסעס קע־לערמאַן געהאַלטען אין איין אונטערהעצען איהר אויף דזשאָ'ען און אויף גאַנץ בושוויל בכלל.

— איך וואָלט פון איהם די נשמה געצויגען, — האָט זי געהאַלטען אין איין טענה'ן צו חיה'ן, — ביי מיר וואָלט ער דערפאַר טייער באַצאָהלט.

אונטער דער ווירקונג פון מיסעס קעלערמאַן, האָט חיה גענומען וואַר־פען ווערטלאַך, וואָרטשען און מאַהנען דין וחשבון פון דזשאָ'ען.

אַנפאַנגען פלעגט זי מיט אַ טראַגישען זאָג, ווען זי פלעגט דערלאַנגען צום טיש דעם סאַפּער.

אוועקשטעלענדיג אַ טעלער געקאָכטע קרויט, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַ שלעכטע ווייב בין איך צו דיר, האַ? נישקשה, איך ווייס אַז דו האָסט בעסער געוואָלט איך זאָל שטאַרבען איידער איך בין אַנגעקו־מען אַהער: אַז אָך און וועה איז צו מיין מזל, אַז איך דאַרף...

אַזוי ריידענדיג איז זי אַוועק אין קיך אַריין. קיין ווערטער האָט זיך ניט געהערט, נאָר אַ קלאַנג פון איהר ריידען, ריידען און ריידען און טענה'ן דאָרטען אין קיך.

דזשאָ איז געזעסען ביים טיש, געזופּט די קרויט און געפיהלט ווי צו זאָגען, ווי צו שווערען זיך, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון, אַז ער האָט אויף איהר, אויף חיה'ן, שטענדיג רחמנות געהאַט, און אַז זי איז איהם קיינמאָל ניט אַרויס פון געדאַנק.

ווען זי איז אָבער צוריקגעקומען צום טיש מיט אַ צווייטען געריכט און מיט די זעלבע טענות, מיט דעם זעלבען פאַרקרימטען מויל, האָט ער נאָך אַ זופּ בראַנפען געטאָן און אַרויסגעמורמעלט אין טעלער אַריין:

„אַ כאָלעריע זאָל איהר כאַפּען".

ווען ער האָט געזאָגט די קללה, האָט ער געהאַלטען אין זינען ביידען: אי מאַלי'ן, צוליב וועלכער ער האָט די צרות, אי חיה'ן, וועלכע כאַרביטערט איהם דעם לעבען.

דאַן האָט זיך חיה צואווײנט. און די טרערען האָבען איהם געגעבען אַ געלעגענהייט צו הערען איהר קול:

— איך ווייס, איך ווייס, אַז דו ווילסט פון מיר פּטור ווערען; דאָס וועט זיך דיר אָבער ניט איינגעבען.

דאַ האָט זיך איהר געוואָלט זאָגען: „געה, געה צו דיין פּאַסקודנער פרוי, ווי הייסט זי, די אויסגעלאָסענע דיינע, מאַלי!"

זי האָט עס אָבער ניט געזאָגט. אין איהר רעכטען פלאַם פון כעס, אין איהר רעכטען חשק פון די יאַדעגישען, האָט זי געציטערט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דער פרוי, דעם נאָמען, וואָס איז איהר שטענדיג געלעגען אויפ'ן צונג.

חיה האָט דעם דאָזיגען נאָמען ניט געקענט פאַרגעסען אויף קיין איין מאָמענט, און מורא געהאַט צו דערמאָנען. אַזוי ווי אַ שרעקליכע קראַנקהייט וואָס גריזשעט דעם מענשען צום טויט, קען דער קראַנקער ניט פאַרגעסען אויף קיין איין מאָמענט און האָט מורא צו טראַכטען דערפון און קען עס ניט אָפּלאָזען פון זיין געדאַנק, אַזוי איז געווען דער נאָמען מאַלי ביי דער באַטריבטער חיה'ן.

וויפיל מאָל איז זי שוין געווען אָט, אָט אויפ'ן שוועל אויסצושרייען מיט רייצעניש:

„נו, געה, געה זיך צו דיין מאַלי'ן!"

זי האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט. זי האָט מורא געהאַט, אַז אָט באַלד ווי זי וועט אויסרעדען דעם נאָמען פון דער ניט־גוטער, וועט דזשאָו ווערען אויס נעבעכעל און וועט אַ זאָג טאָן מיט קרימעניש: „נו, איך האָב יענער ליב, און טו מיר עפּעס; איך האָב יענער ליב, און דיר, פאַרזעהעניש, קען איך ניט אָנקוקען".

און חיה האָט אַלץ געוואָלט, אַז דזשאָו זאָל זיצען ווי אַ נעבעכעל, ווי אַ באַגראָבענער, און זי זאָל איהם דעקען, דעקען מיט יאַדעגישען. און ביי דעם מינדעסטען געדאַנק, אַז ער קען אויפשפּרינגען און זאָגען עפּעס געגען איהר, פלעגט זי צוגעבען צו איהרע יאַדעגישען דעם נאָמען פון איהר קינד:

— וואָסי, דיר אַרט דען עפּעס פאַר שמואל'קען. פאַר דיין קינד?

אַזוי האָט זי גענעגט און גענעגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, כל זמן ער האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געזעסען ביים טיש ווי אַ באַגראָבענער.

און איהרע נעגענישען, ווי זאַלץ אויף אַ וואונד, האָט איהם אויפגעריסען פון זיין פאַרזונקענקייט, און ער האָט אויסגעשריען אַ פּאָר מיאוס'ע ווערטער אין ענגליש און אין רוסיש. דאָס זיינען געווען אַזעלכע ווערטער,

וואָס רייסען זיך אַרויס פון אַ פורמאַן׳ס מויל אויפ׳ן פערד, ווען ער וויל ניט געהן, אָדער אויף דעם טראַק, ווען דער מאַטאָר וויל ניט אַרבייטען.

איינמאָל צו אַזאַ סצענע איז אָנגעקומען שמואל׳קע. חיה האָט דאָן געקראַגען קוראַזש און גענומען שילטען דזשאָו׳ן.

— אַזאַ יאָהר אויף דיר, וואָס פאַר אַ טאַטע דו ביזט. ס׳איז דאָך מיר אַ שאַנד אין גאַס אַרויסצוגעהן צוליב דיר, אַ קלאָג זאָל דיר כאַפּען!

דזשאָו האָט זיך אויף איהר אַ וואָרף געטאָן, און שמואל׳קע, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל פאַרקלעמט, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם מעסער פון טיש, און אַ שליידער געטאָן אויפ׳ן טאַטען.

דער מעסער האָט ניט געטראָפען. דזשאָו האָט אויפגעהויבען דעם מעסער, אַנידערגעלייגט עס אויפ׳ן טיש, און זיך פאַרמאָסטען מכבד צו זיין שמואל׳קען. די מאַמע האָט דעם אינגעל אַריינגעשטויסען אין קיך, פאַרמאַכט די טיר, פאַרשטעלט דאָס קינד פון בייז און געוואָלט זאָגען: „אַז אָך און וועה איז צו דיר”. זי האָט עס אָבער ניט געזאָגט ווייל זי האָט ניט געוואָלט אויפהעצען דזשאָו׳ען נאָך מעהר. זי האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענלויפען פון גאַס.

מורמלענדיג אַ מיאוס׳ן וואָרט אונטער זיינע שוואַרצע וואָנצעס, האָט זיך דזשאָו געזעצט צום טיש, אָבער געגעסען האָט ער שוין ניט.

אויף מאָרגען האָט חיה געהאַלטען אין איין מוסר׳ן שמואל׳קען, למאי ער האָט זיך דערוועגט צו וואַרפען אַ מעסער אויפ׳ן טאַטען.

— אויף אַ טאַטען! — האָט זי גע׳טענה׳ט, — ער איז דאָך דיין טאַטע!

— איך גלייך אים ניט, איך גלייך אים ניט. — האָט שמואל׳קע געשעפטשעט.

פון יענער געשיכטע אָן האָט שוין דזשאָו ניט גערעדט צו זיין אינגעל. שמואל׳קע האָט שוין לאַנג צום טאַטען ניט גערעדט, אָבער דזשאָו פלעגט צו איהם ריידען אַמאָל אַ פּאָר ווערטער. פון דאַן אָן זיינען אין הויז געוואָרען צוויי בלוטיגע שונאים מיט אַ פאַרפינסטערטער מאַמען אין מיטען אַלס אַ ציל־ברעט.

חיה האָט זיך פון דאַן אָן געהיט ניט אַריינצוגעהן מיט דזשאָו׳ן אין אַן איבעררייד, ווען שמואל׳קע איז געוועזן אין הויז. ווען די געוועהנליכע יאַדענישען זיינען אָנגעגאַנגען, און שמואל׳קע איז אַריין, האָט זי געזאָגט:

— נו, שאַ, זאָל זיין שטיל; זאָל איצט זיין שטיל.

אַזעלכע געשעהענישען זיינען געוואָרען אַלץ אָפטער און אָפטער. וואָס מעהר זי האָט גענומען אויסקוקען זאַטער, וואָס מעהר פלייש עס

האָט זיך אָנגעטאָן אויף איהרעביינער, אַלץ טיפער האָט זי געגומען דער־פיהלען דעם וועהטאָג, וואָס דזשאָו האָט איהר אָנגעטאָן, ווען זי איז דאָ ניט געווען, אַלץ אומרוהיגער איז זי געוואָרען, און אַלץ גיפטיגער האָט זי איהם געגעגט.

פון די נעגעגישען האָט זיך דזשאָו דערמאָנט, אַז מאַלי וואָהנט אין לינדענטאַון.

.13

דזשאָו בלאָנדזשעט און פאַרבלאָנדזשעט אין לינדענטאַון

דזשאָו איז געוואָרען אויס בעל הבית איבער זיך. ער איז אינגאַנצען געוואָרען אַן אָפּגעלאָזענע בריאה, און האָט מעהר ניט געוואוסט וואָס מיט איהם טוט זיך, וואָס אַרום איהם טוט זיך.

ער אַליין האָט אימער פון זיך זייער געהאַלטען. ווען איינער וואָלט איהם אַמאָל געזאָגט :

— דזשאָו, דו ווייסט ניט וואָס דו טוסט, — וואָלט ער זיך אויסגע־לאַכט פון יענעם, אָדער ער וואָלט יענעם אַ האַנד אויסגעדרעהט.

ער איז געווען אַ שטאַרקער בחור׳ל אין דער יוגענד, און אַ געזונטער איד יאָהרען נאָך דער חתונה. ער האָט זיך פון קיינעם ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע.

„פאַרלאָז זיך אויף דזשאָו׳ען״, איז שטענדיג געווען זיין באַליבטער ווערטעל.

אַלס פורמאַן פון זאַטשינא און אַלס עקספּרעסמאַן אין אַמעריקע, האָט ער זיך געפיהלט ווי זיין אייגענער קייסער, ווען ער איז געזעסען אויף דער קעלניע. ער האָט געהאַלטען די לייצעס ; ער האָט געקירעוועט וואוהין ער האָט באַדאַרפט, וואוהין ער האָט געוואָלט. ער האָט געהויבען פעק, געטראָ־גען באַנדעלס, געגעבען אַרגומענטען.

אויף זיין טראָק איז ער געפאָהרען מיט זיכערקייט, און ער פלעגט זיך שטענדיג באַרימען, אַז ער קען אָפּשטעלען זיין טראָק אויפ׳ן אינטש.

— פאַרלאָזט זיך אויף דזשאָו׳ן ! — פלעגט ער אויסשרייען, ווען ער פלעגט אַמאָל אָנריהרען מיט זיין באַמפּער פון טראָק אַן אַנדער מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אין פאַראויס.

ער האָט עפּעס זיך אַלעמאָל געפיהלט אַזוי שטייף ביי זיך, אַז איהם האָט זיך געדוכט, דאָס ער קען נעמען די גאַנצע וועלט אויף זיין פּלייצע,

ווי ער פלעגט אַלע מאָל אַ נעם טאָן אַ וואָגען אויפ׳ן פלייצע, ווי ער גיט אַמאָל אַ נעם אַ גרויסען באַנדעל אויף זיין פלייצע.

ווער רעדט דאָ, אין אַמעריקע, וואו מען האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, וואו מען קען צוגעהן רעדען אפילו צו אַ גובערנאַטאָר, האָט דזשאָו זיך גאָר געפיהלט ביי זיך תקיף.

צייט עס איז אָבער געוואָרען די זאַווערוכע אין בושוויל, זיין חיה איז געקומען מיט׳ן קינד, ס׳איז געוואָרען די גרויסע איבערקעהרעניש, האָט ער דערפיהלט, אַז ער איז ניטאָ, ניטאָ דזשאָו.

אין דער גאַנצער געשיכטע האָט דזשאָו פאַקטיש אין זאַך געטאָן אַליין מיט זיין אייגענעם ווילען; ער האָט איינמאָל ביים שאַפּ, אין איסט ניו יאָרק, אַ טשעפּע געטאָן מאַלי דער געלער מיט זיין בייטש־שטעקעלע. אַט פון יענעם טשעפּע מיט׳ן בייטש־שטעקעלע איז דזשאָו געוואָרען אויס בעל־הבית איבער זיך. ער האָט דערפיהלט, אַז ער איז ניט דזשאָו. אַז דזשאָו איז ניטאָ.

ער ווייסט נאָר, אַז ער איז אַ באַגראָבענער, אַז ער האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן, נאָר אַלעס טוט זיך שוין אַליין.

זי, זי טוען אַלעס. ווער זיינען די זי? אויף דעם האָט זיך דזשאָו ניט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענונג. נאָר ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז דאָ פאַרשנורעוועט געוואָרען, האָט ער געבורטשעט מיט כעס גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַ כאָלעריע זאָל זיי כאַפּען!

און דזשאָו איז געזעסען אַוועקטען און זונטאָגס אין דער היים, אין דער היים אין בושוויל, וואָס איז פלוצלונג געוואָרען אַ נייע היים, מיט אַ נייער ווייב, אַ ווייב וואָס איז איהם אַמאָל געווען גוט באַקאַנט, און איצט איז זי איהם פרעמד. אין דער דאָזיגער נייער און מאָדנער היים איז געווען אַ אינגעל שמואל. זיין אינגעל, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט דערקענען; ער האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהן.

דער אינגעל האָט איהם פיינט געהאַט. דאָס האָט דזשאָו דייטליך געזעהן. ער האָט אויסגעמידען דעם טאַטען. דזשאָו האָט אַ פּאָר מאָל באַמערקט, ווי זי, חיה, שטופּט דעם אינגעל און שושקעט איהם:

— געה צו, געה צו צו איהם; דער טאַטע איז דאָך געקומען: ער איז דאָך דיין טאַטע.

ער פלעגט זעהן ווי דער אינגעל פלעגט זיך אַ קרים טאָן און נעלם ווערען פון הויז.

אין אָוונט, אַן אַנגעהאַרעוועטער פון אַ גאַנצען טאָג, האָט דזשאָו אָפּ־

געגעסען אַ שווערע היימישע וועטשערע, געבליבען זיצען מיט אַ מידען, שווערען קאָפּ אויף זיינע ברייטע פּלייצעס, און פון צווישען די קלעפּיגע ברעמען אויף די דרעמלענדע אויגען האָט ער געפיהלט חיה׳ן. ער האָט איהר געפיהלט ווי זי שלעפּט זיך אַרום איבער׳ן הויז.

— עפּעס ניט גוט, — האָט איהם ווי אימיצער געדורעט אין מוח.

דזשאָו האָט געוואָלט אַז עס זאָל זיין גוט. אָבער ס׳איז איהם ניט גוט געווען אויפ׳ן האַרצען.

חיה, מיט איהרע היימישע גרינע גאַנגען, מיט אַ מאָדנע ברודיגע ווייסטעל אויף זיך, מיט אַן איינגעפאַלענע ברוסט, מיט האַמעטנע וואַלענע זאָקען, האָט אַרומגעטופּעט איבער׳ן קיך און געוואָרטשעט, געוואָרפען זיך, געשליידערט זיך.

ביי דזשאָו׳ן אין האַרצען האָט זיך גע׳טענה׳ט:

— גוואַלד, פון וואַנען האָט זי זיך עס גענומען? ווי אַזוי איז עס אַלץ אַזוי געוואָרען? רבונו של עולם, צו וואָס דאַרף מען עס?

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגען, אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ און אַרויסגעמורמעלט צו זיך אַליין מיט עפּעס אַ מאָדנער באַ׳טעמ׳טקייט:

— אַ כאָלעריע זאָל איהר כאַפּען, די פּאַסקודע.

דאָס האָט ער געמיינט ניט חיה׳ן, נאָר מאַלי׳ן.

עטליכע מאָל האָט זיך די קללה ווידערהאָלט אין זיין מוח און אין זיין האַרצען, און אַ ווילדע הנאה האָט ער דערפון געהאַט.

ער איז איינגעשלאָפען מיט׳ן קאָפּ איבער׳ן טיש, און ס׳האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין זיין פאַרטשאַדעטען מוח לינדענטאַון און אַ זשמעניע טונקעל־געלע האָר אין זיינע פינגער.

אויף מאָרגען, ווען דזשאָו איז אַרויסגעפאָהרען מיט׳ן טראָק, האָט ער זיך פאַרקירעוועט דורכצופאָהרען לינדענטאַון. ניט ער האָט זיך פאַר־קירעוועט צו לינדענטאַון, נאָר דער טראָק אַליין איז עפּעס ווי פון זיך אַוועק אויף דעם וועג צו לינדענטאַון.

דזשאָו האָט געוואוסט ווי זי וואוינט. מאַלי האָט שוין געזעהן, אַז ער זאָל וויסען דאָס זי וואוינט אין דער הויז אין עק פּאַסעיק סטריט. אונטען וואוינט אַן איטאַליענער, און אויף דעם אויבערשטען פלאָר וואוינט מאַלי.

ער איז פאַרבייגעפאָהרען פּאַסעיק סטריט, געקוקט אויף דער הויז און ניט אָפּגעשטעלט זיך. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין.

ער איז אַריבערגעפאָהרען די הויז, אָפּגעשטעלט זיך, געקוקט אַהינ־

טער צו דער הויז, צום דאַך פון הויז, אונטער וועלכער מאַלי געפינט זיך מיט לילינקען; וואו מאַלי מיט איהר גלאַנציגען ווייסען פּנים, געהט אַרום אין אַ ווייסער ווייסטעל, וואָס זי האָט אַלעמאַל ליב געהאַט צו טראָגען.

ער האָט געגעבען געז דעם מאָטאָר און איז אַוועקגעפאָהרען. ער האָט זיך אויסגעדרעהט אין אַ פּאָר גאַסען, און ווידער פאַרבייגעפאָהרען, ווידער איז ער איבערגעפאָהרען די הויז, גענומען פאָהרען לאַנגזאַם און אָפּגעשטעלט זיך.

ער האָט „אָפּגעבעקט״ (גענומען פאָהרען אויף צוריק) דעם טראָק און געבליבען שטעהן ניט ווייט פון הויז.

ס'איז געווען אין עק פאַסעיק סטריט, וואו קליינע הילצערנע הייז־לעך שטעהען וואו ניט וואו זעהר ווייט איינע פון די אַנדערע. זעלטען ווען אַן אויטאָמאָביל פאָהרט דאָרטען דורך.

פון דזשאָו'ס „אָפּבעקען״ דעם טראָק איז געוואָרען אַ גערודער אין גאַס פון מאָטאָר, און די איטאַליענערקע פון אונטערשטען שטאָק האָט אַרויס־געקוקט דורכ'ן פענסטער. באַלד האָט זיך מאַלי'ס קאָפּ באַוויזען אין פענסטער פון אויבערשטען פלאָר.

מאַלי האָט אין פענסטער אַ שמייכעל געטאָן, אָבער דזשאָו'ן האָט גענומען זידען אין האַרצען, און איהם האָט זיך געדוכט אַז זי וויינט.

באַלד האָט זיך אין פענסטער ביי דער אונטערשטער שויב באַוויזען לילי, לילי'ס פּנים'על איז געווען איינגעקוועטשט מיט'ן נעזעל אין שויב.

אַ היבשע ווילע האָט דזשאָו אַרויפגעקוקט אויף מאַלי'ן; מאַלי האָט אַרונטערגעקוקט צו דזשאָו'ען. ווי צוויי שטומע, ליידענדע חיות, האָבען זיי געקוקט איינע אויף די אַנדערע מיט האַרץ־רייסעניש.

דזשאָו האָט אויסגעזעהן ווי אַ וואַנדערענדער הונט אָהן „לייסענס״, וועמען די הינט־כאַפּער האָבען אַריינגעוואָרפען אין דעם וואָגען, און ער, דער הונט, קוקט מיט נאַסע, גלאַנצענדיגע אויגען צו דער הויז, וואו ער האָט זיך „צוגעוואַדיעט״.

מאַלי איז אַרונטער אין דרויסען, פיהרענדיג לילי'ן פאַר'ן הענטעלע.

זי איז געבליבען שטעהן אַ ווילע ביים הויז, ווידער איבערגעקוקט זיך מיט דזשאָו'ען, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן טראָק ווי אַ שטומער, מיט טענות אין די אויגען, און זי איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— ווילסטו גאָרניט זעהן לילינקען? — האָט מאַלי געפרעגט, סטאַרענדיג זיך צו זיין פאַרטרויערט, און אין האַרצען האָט איהר גע־

שלאָגען אַ זיגעס־פרייד, וואָס דזשאָו איז צוגעקומען, וואָס זי האָט אויסגעפיהרט.

— אודאי וויל איך איהר זעהן, — האָט דזשאָו געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס קומסטו איהר ניט זעהן?

דזשאָו האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אַ קנייטש געטאָן און אַ וויש געטאָן מיט׳ן אַרבעל זיין פנים, ווי ער וואָלט אָפּגעווישט אַ שוויס, כאָטש ער איז ניט געווען פאַרשוויצט.

— ווילסט גאָר ניט אַריינגעהן צום קינד אין הויז אויף אַ ווילע?

— האָט מאַלי געפרעגט, אַרונטערלאָזענדיג איהר פנים.

דזשאָו האָט גענומען אַרונטערגעהן פון טראָק, און מאַלי איז מיט׳ן קינד אַוועק אין הויז.

דזשאָו איז איהר נאָכגעגאַנגען. זי איז געגאַנגען פאָראויס מיט אַ מונטערקייט מיט אַן איינגעהאַלטענער פרייד, און דזשאָו איז איהר נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפּ אַ שאַקלענדער, מיט אַ קלאַפּענדער האַרץ, און ער האָט געהערט ווי די בלוטען זידען אין איהם.

ביי דעם ערשטען באַזוך האָבען זיי כמעט גאָרניט גערעדט. זיי האָבען קיין ווערטער ניט געדאַרפט געברויכען. ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען און איז אַוועק.

ביים אוועקגעהן האָט איהם מאַלי באַגלייט צום טיר מיט אַזאַ ליכ־טיגען, שיינענדען פנים, מיט אַזוי פיל צערטליכקייט. דאָס ער איז אַרויס פון איהר הויז אַ צובראָכענער, אַ פאַרבענקטער, ווי אַ קינד.

פון דאַן אָן האָט דזשאָו אָנגעהויבען פאַרבייפאָהרען לינדענטאַון אַ פּאָר מאָל אַ וואָך, און אָפּשטעלען זיך אין עק פּאַסעיק סטריט, וואו מאַלי האָט איהם מיט אונגעדולד ערוואַרטעט.

14.

די צוויי ווייבער באַגעגענען זיך

צייט דזשאָו האָט זיך גענומען אָפּשטעלען אין לינדענטאַון, איז ער געוואָרען איידעלער צו חיה׳ן, צו זיין ווייב אין בושוויל; ער איז געוואָרען צערטליכער צו זיין אינגעל שמואל, כאָטש גערעדט האָט מען ניט.

דזשאָו איז געווען אין אַ שטימונג פון איבערבעטען זיך מיט אַלע־מען. ער האָט צו קיינעם גאָרניט געהאַט. ער איז מעהר ניט געקומען אַהיים אַ באַטרונקענער, און מעהר ניט געקומען אַ צו׳כעס׳טער.

ווען ער האָט גענומען אַ גרויסען שנאַפּס, איז ער אַוועק צו דער געלער מאַלי׳ן אין לינדענטאון. אַהיים פלעגט ער קומען אַ שטילער, אַ ניכטערער און אַן הכנעה׳דיגער.

לאַנג האָט עס אָבער אַזוי ניט אָנגעהאַלטען. פון דזשאָו׳ס וויזיטען צו איהר איז מאַלי ביי זיך געוואָרען אַ גרויסער תקיף, און זי האָט געוואַגט; זי האָט געהאַט מוט גענוג אַריינצונעמען זיך אין קאָפּ אַ פּלאַן וועגען זעהן זיך מיט דזשאָו׳ס ווייב און ריידען וועגען אַ גט.

כאָטש דזשאָו האָט מאַלי׳ן אין דער אמת׳ן גאָר ניט צוגעזאָגט וועגען אַ גט; ער פלעגט בלויז ענטפערען געצוואונגען, "יע" אויף איהרע רייד, האָט זיך מאַלי׳ן געטומעלט אין קאָפּ, אַז דזשאָו וויל נאָר אַ גט, ער וויל ניט אַנדערש ווי גט׳ען זיך מיט זיין ווייב.

כל זמן דזשאָו האָט זיך ניט באַוויזען, האָט זיך מאַלי געפיהלט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. אַזוי שנעל ווי דזשאָו האָט גענומען אַריינקומען, האָט זי זיך דערפיהלט ווי די בעל־הבית׳טע איבער דער גאַנצער סיטואַציע. יענע, דזשאָו׳ס ווייב, איז ביי איהר אויסגעקומען ווי אַ צוטשעפּעניש, וואָס האַלט זיך אָן דזשאָו׳ען בלויז דערפאַר, וואָס זי, מאַלי, איז אַ נאַר; און מאַלי האָט ניט געוואָלט זיין קיין נאַר.

זי האָט זיך אַריינגענומען דעם פּלאַן צו געהן צו יענער ריידען וועגען אַ גט. ס׳הייסט, ניט אַזוי צוליב איהר, צוליב מאַלי׳ס וועגען, ווי צוליב דזשאָו׳ען. אַזוי האָט זי צו זיך אַליין אַריינגע׳טענה׳ט, ווען דער פּלאַן פלעגט ביי איהר ווערען אָפּגעשוואַכט.

דזשאָו וויל אַ גט; ער קען ניט לעבען אָהן אַ גט, און זי מאַלי, מוז עס פאַר איהם קריגען.

אויף איהר וועג צו דזשאָו׳ס ווייב אין בושוויל, האָט די כוואַטסקע מאַלי, וועלכע האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקען, עטליכע מאָל דערפיהלט אַ שוואַכקייט. זי האָט צו זיך אַליין גענומען איינ׳טענה׳ן, אַז דזשאָו וויל אַ גט, און דאָס האָט איהר געשטאַרקט.

ווען זי איז צוגעקומען צום טיר פון הויז, געהאַט שוין פאַרטיג ביי זיך ווי אַזוי זי וועט ריידען, האָט איהר האַרצען גענומען טיאָכקען, ווי זי וואָלט דאַרפען אויפטרעטען פאַר אַ קייסערינע. אַזאַ געפיהל צו חיה׳ן האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט. זי האָט שטענדיג געטראַכט פון חיה׳ן ווי פון אַ נעבעכעל. אָבער וואָס נעהנטער זי איז צוגעקומען צו איהר, האָט די שוואַכע חיה גענומען אויסקוקען פאַר איהר ווי אַ ריזיגע מאַכט.

זי האָט חיה׳ן אַמאָל שוין געזעהן פון ווייטען; חיה האָט איהר ניט

געקענט, און דאָס איז געווען די ביסעל שטאַרקייט וואָס מאַלי האָט גע־קראָגען אָנצוקלאַפּען אין טיר.

— וואוינט דאָ דזשאָו צוועטקין? — האָט מאַלי געפרעגט, שטעה־ענדיג ביים טיר.

— דאָ, — האָט געענטפערט חיה — אויף וואָס דאַרפט איהר איהם?

— זייט איהר דאָס זיין . . . — זי האָט גענומען שטאַמלען און זיך אָנגענומען מיט כח. — זייט איהר דאָס זיין פרוי?

— יע־ע־ע־ע, — האָט חיה אויסגעצויגען דאָס וואָרט, און עס האָט איהר גענומען קלאַפּען אין האַרצען. זי האָט שוין עפּעס חושד געווען. אין מאַלי'ס האַלטען זיך האָט חיה באַמערקט עפּעס אַ באַהאַלטענקייט. זי האָט גענומען קוקען אויף איהר מאַדנע. מען האָט חיה'ן אַפּגעמאָלען ווי דזשאָו'ס געליבטע האָט אויסגעזעהן, און זי איז שוין כמעט איבער־צייגט געווען, אַז דאָס איז זי.

חיה איז געוואָרען בלאַס; ס'האָט איהר גענומען טרייסלען הענט און פיס, און אַ לאַנגע פּאַוזע איז פאָרגעקומען צווישעןביידע פרויען.

מען האָט זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט, אָפּגעמאָסטען איינע די אַנדערע מיט די אויגען. אין דער אָנגעשטרענגטקייט פון אייפערזוכט, צאָרן און וועהטאָג, איז גאָר אין מיטען דערינען אַריינגעקומען אויף אַ מאָמענט די נייגעריגקייט — אָט דאָס איז זי?

„אָט דאָס איז זי", האָט זיך בייביידען אַ טראַכט געטאָן.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס ריידען, — האָט מאַלי אַ זאָג געטאָן מיט געוואַלד, ווי איינער וואָס האָט זיך אָנגענומען טאָן עפּעס אַ געפעהרליכע אַרבייט, האָט חרטה געהאַט און קען שוין צוריק ניט געהן.

חיה האָט שיער געזאָגט — זיצט, אָבער זי האָט נאָך געוואַרט. זי האָט געוואָלט וויסען ווער די פרוי איז, און ניט געהאַט קיין מוט צו פרעגען.

— איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס ריידען, — האָט מאַלי ווי־דערהאָלט, און געפיהלט אַז זי ווערט שוואַכער מיט יעדען ציטער וואָס זי האָט געזעהן אויף חיה'ס פנים.

— נו, זאָגט, וואָס ווילט איהר, — האָט חיה געזאָגט, צייגענדיג כעס, און איהר בלאַסער פנים האָט געקראָגען בלוט.

פון חיה'ס שטאַרקען זיך האָט מאַלי דערפיהלט מוט, און זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַמאָל:

— איך בין מאַלי. דזשאָו האָט מיך געשיקט איך זאָל מיט אייך דורכריידען זיך וועגען אַ טאָלק.

— אַרויס פון מיין הויז! — האָט חיה פלוצלינג אויסגעשריען, געבענדיג אַ טופּע מיט'ן פוס.

מאַלי איז געבליבען שטעהן ניט דערשראָקען, און זי האָט מיט אַ מאָדנער רוהיגקייט און געלאַסענקייט געענטפערט:

— אָבער דזשאָו וויל דאָך אַ גט.

חיה איז געוואָרען ווילד און צוטומעלט, האָט געקוקט אין אַלע זייטען און געשריען:

— אַרויס, דו פּאַסקודסטווע; איך פּלעט דיר באַלד דעם קאָפּ!

— אָבער דזשאָו ליבט דאָך מיר, — האָט מאַלי געזאָגט הויך אויף איהר קוויטשעדיג קול'כעל.

צו וויטערע רייד איז שוין ניט געקומען. חיה האָט מיט אַ פּאָר פּאַרווילדעטע אויגען געכאַפּט אַ שטעקען און זיך געלאָזען נאָך דער געלער מאַלי.

מאַלי איז געלאָפען פון הויז, חיה מיט'ן שטעקען נאָך איהר.

ס'איז געווען אין מיטען העלען טאָג, חיה האָט איהר געיאָגט אין שטעטעל אַריין דורך די גאַסען. אַן עולם האָט גענומען נאָכלויפען. ס'איז געווען אַ קאַמף פון צוויי מאַמעס פאַר אַ טאַטען, צו האָבען אַ טאַטען פאַר זייערע קינדער.

מאַלי איז פאַרשוואונדען געוואָרען, און חיה, די בלאַסע צואוועהטאָגטע חיה, איז געבליבען שטעהן מיט'ן שטעקען אין האַנד, פאַרשעהמט פאַר דעם רעדעל מענשען.

אַלע האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער פאַרשעמטער און צואוועהטאָגטער. זי האָט אָבער מיט קיינעם ניט געוואָלט ריידען, קיינעם ניט געוואָלט אָנקוקען. זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון דעם עולם און איז אַנטלאָפען אַהיים. זי איז אַנטלאָפען צו זיין מיט זיך אליין, אַליין מיט איהרע יסורים.

חיה האָט געוואַרט אויף דזשאָו'ס קומען פאַרנאַכט. זי האָט זיך געגרייט שוין ניט מיט געוועהנליכע יאַדעונישען, נאָר טאַקע מיט אַ גרויסען ברוך־הבא, אַוועקגעבען איהם וואָס עס איז איהר אויפ'ן האַרצען.

דזשאָו, ווען ער איז מיט זיין טראָק אַריינגעפאָהרען אין שטעטעל, האָט שוין אָבער אַלעס געהערט איידער ער איז אַריינגעקומען אין הויז.

צוערשט איז איהם אַרויס אַנטקעגען סעם ראַבינאָוויטש און האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע, און געסטראַשעט איהם מיט'ן פינגער:

— געדענק, דזשאָו, דיין סוף וועט זיין אַ שלעכטער.

דאַן האָבען איהם ווייבער אַרומגערינגעלט און האָבען מיט איהם אַריינגעצ׳טענה׳ט.

דער בושווילער עולם האָט זיך געפיהלט שטאַרקער געטראָפען פון דער געשיכטע ווי חיה. דער עולם פון שטעטעל, וועלכער האָט אַזוי פיל מיה אַוועקגעלייגט אַז אַלעס זאָל זיין גוט ביי דזשאָו׳ען מיט זיין ווייב, האָט מאַלי׳ס קומען אין שטעטעל אַריין באַטראַכט פאַר אַ ווי־דערשפעניגונג.

דזשאָו איז אַריין אין הויז מיט פאַרטיגע שבועות, אַז ער איז דאָ גאָר ניט שולדיג, און האָט זיך גלייך פאַרשוואָרען, אַז ער וועט זיך מיט דער געלער אָפּרעכענען.

דזשאָו׳ס אַריינפאַלען מיט אַ פאַרענטפערונג, האָט אַרויסגענומען דעם ווינט פון די זעגלען. חיה האָט שוין פאַרלוירען די געלעגענהייט אַרויפצופאַלען אויף איהם, און זי האָט מיט אַ ביטערען חוזק בלויז געזאָגט:

— אַזעלכע דריי יאָהר זאָל דיר זיין ווי דו האָסט זיך אויפגעפיהרט.

— ווען איך וועל באַגעגענען דער פאַסקודע, וועל איך איהר אויסרייסען אַלע האָר פון קאָפּ, — האָט דזשאָו געזאָגט, קלאַפּענדיג זיך מיט׳ן קולאַק אין האַרצען.

— געה, געה, — האָט חיה גערעדט פאַרקרימט — געה מיט דיין אויסגעלאַסענער (זי האָט דאָ געברויכט דעם רוסישען וואָרט אויף אַ גאַסען פרוי); געה מיט איהר צו אַלדי שוואַרץ יאָהרען; אַ סוף זאָל עס נעמען.

— ווי איך בין אַ איד, איך וועל איהר אַלע האָר פון קאָפּ אויסריי־סען, — האָט זיך דזשאָו אַלץ געקלאַפּט אין האַרצען.

חיה האָט געוויינט, גערעדט איהרס און זיך געהאַלטען אַזוי, דאָס זי נעהמט ניט אָן דזשאָו׳ס ווערטער.

אַ גאַנצען אָוונט האָט זי אָפּגעוויינט, און דזשאָו האָט אַרומגעשפּאַנט איבער׳ן הויז און אַלץ גערעדט אַז ער וועט זיך מיט מאַלי׳ן אָפּרעכענען.

דזשאָו האָט געהאַלטען וואָרט. אויף מאָרגען, ווען ער איז מיט זיין טראָק אַרויסגעפאָהרען צו דער אַרבייט, איז ער די ערשטע זאַך געפאָה־רען קיין לינדענטאַון, מכבד צו זיין דער געלער.

ער איז געפאָהרען מיט רציחה, געדרעהט נערוועז די רעדעל פון׳ם טראָק און געמורמעלט מיט עקשנות:

— אַזאַ פאַסקודע, האַ? זי וועט גאָר קומען מאַכען סקאַנדאַלען. אַזאַ פאַסקודע!

ער האָט געאײלט כעס'דיג מיט'ן טראָק, און אויך דער טראָק איז געלאָפּען מיט רציחה.

ער איז אַרײנגעפֿאָהרען אין לינדענטאָון, צוגעפֿאָהרען צו מאַלי'ס הויז, אַרונטערגעכאַפּט זיך פון טראָק און גענומען געהן מיט שווערע טריט אויף די טרעפּ אין הויז אַרײן.

מיט האַסט האָט ער געעפענט די טיר, אַרײנגעקומען, און געטראָפען מאַלי'ן מיט'ן קינד, מיט לילי'קען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשעפטען, מאַלי? — האָט ער אַרויסגעדונערט, און ער האָט געפיהלט, אַז אינווייניג אין איהם איז שוין ניטאָ דער כעס, מיט וועלכען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזען אויפ'ן טראָק קיין לינדענטאָון.

— דזשאָו, — האָט מאַלי אַרויסגערעדט מיט איהר שטענדיגען גלאַנץ אין איהרע אויגען, — דזשאָו!

זי האָט אַ הויב געטאָן מיט ביידע הענט איהרע פריזירטע האָר, איז צוגעגאנגען צו איהם, אַרויפגעלייגט איהר האַנט אויף זיין אַקסעל, ווי אַ כוואַטסקע שענקערקע טוט עס צו אַ שכור אַ קאַסטימער ווען ער צו־יושעט זיך, און זי וויל איהם אײנשטילען, אַרויסרופען פון איהם אַ שמייכעלע.

— פאַרוואָס קומסטו צו איהר פראָווען דיינע געשעפטען? — האָט דזשאָו געזאָגט שוין אין אַ געפאַלענעם טאָן.

מאַלי האָט דערפיהלט איהר מאַכט און זי האָט אַ קוויטש געטאָן מיט אַ חן'דעל:

— לילי, לילינקע, אָט איז פּאַפּאַ. געה צום פּאַפּאַ.

די מיידעלע איז צוגעלאָפען. דזשאָו האָט איהר ניט גערען אַ שמיר געגעבען מיט'ן האַנט איבער'ן קעפּעל און געזאָגט צו מאַלי'ן מיט ערנסט:

— וואָס מיינסטו, מאַלי? וואָס מיינסטו דערמיט וואָס דו געהסט דאָרטען? דו שפּילסט זיך מיט פייער.

מאַלי האָט זיך געמאַכט אַז זי פאַרשטעהט ניט די ערנסטקייט דערפון, און מיט אַ געמאַכטע קינדעריי און מיט אַ שמייכעל האָט זי געזאָגט צורוקענדיג זיך נעהנטער צו איהם:

— דו'סט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט זיך גט'ען מיט איהר.

זי האָט ניט געוואָלט וואַרטען אויף אַן ענטפער פון איהם. זי האָט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צוגערוקט צו איהם, כמעט אויף איהם אַרויף. זי האָט געוואָלט פאַרטומלען איהם, פאַרשטעלען איהם דעם לשון מיט איהר גוף, מיט איהר הייסען גוף, וואָס האָט אימער געזיגט איבער איהם.

— געה, — האָט איהר דזשאָו אָפּגעשטויסען, — געה, געה אַוועק. איך האָב דיך אין דר'ערד; דו ביזט אַ שד.

מאַלי האָט ניט געענטפערט. זי האָט בלויז צוגערוקט זיך צו איהם נעהנטער, נעהנטער, און ער האָט אַלץ געמורמעלט שטיל און שטילער:

— געה אַוועק; דו ביזט אַ שד; געה, איך האָב דיך אין דר'ערד.

— אַזוי? — האָט מאַלי שעלמיש אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען; — אַזוי גאָר, דו האָסט מיך אין דר'ערד?

— איך האָב דיך אין דר'ערד, — האָט דזשאָו געזאָגט ווייך און כעס'דיג.

איהרע אויגען האָבען אַלץ שאַרפער און שאַרפער געבליסטשעט, און זי האָט אַלץ געפרעגט מיט אַ געלעכטער'ל און מיט להכעיס:

— האָסט מיך אין דער ערד, דזשאָו? האָסט מיך אין דער ערד?

זי האָט איהם געשטויסען מיט איהר אַקסעל און אַלץ גערייצט זיך:

— זאָג, דזשאָו, האָסט מיך אין דער ערד? איאַ, האָסט מיך אין דער ערד, ניט אַזוי, דזשאָו?

— איך האָב דיך אין דר'ערד, — האָט דזשאָו געמורמעלט, קוקענדיג אַרונטער און געזעהן ווי לילינקע דרעהט זיך אַרום.

ער האָט געקוקט אויף לילינקען, און ס'האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין מוח דער וואָרט ממזר'ל, ממזר'ל, ממזר'ל... און ער האָט ליב געהאָט דאָס ממזר'ל. ער האָט ניט געקענט לייקענען, אַז ער האָט ליב געהאָט דאָס ממזר'ל.

מאַלי איז געשטאַנען מיט איהר פּלייצע צו זיין ברוסט, האָט איהם געשטויסען און געקיכערט, גערייצט זיך:

— דו האָסט מיך אין דר'ערד, האַ?

דזשאָו האָט זיך פון איהר אָפּגערוקט, און זיינע אויגען האָבען שוין געבליסטשעט מיט יענעם פייערעל, וואָס האָט באַלאַנגט צו מאַלי'ן, וואָס מאַלי האָט עס אַרויסגערופען.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט די הענט אויף די היפטען, געדרעהט קאָקעטיש מיט'ן קאָפּ, און אָן ווערטער האָט זי אויסגעקאָקעטעוועט:

— דו האָסט מיך אין דר'ערד, האַ?

דזשאָו האָט באַמערקט ווי איהר וויסטעל, וועלכע איז דאַכט זיך נאָר־וואָס געוועזן גוט פאַרשפּיליעט, איז פּלוצלונג געוואָרען ניט אין אָרדענונג. אָן אויבערשטער קנעפּעל איז געוועזן אָפּגעשפּיליעט, און די אונטערשטע צוויי קנעפּלעך, זיינען געוועזן צוביטען, ניט אין די ריכטיגע לעכלעך.

די אויגען פאַרגאָסען מיט תאוה געמישט מיט צער, איז ער צו איהר צוגעגאַנגען, אַנגענומען איהרע געדיכטע טונקעלע געלע האָר פון קאָפּ, גענומען פליקען איהר דעם קאָפּ און שטיל רעווען ווי אַן אָקס:

— פאַרוואָס קומסטו צו איהר אַהין, דו פּאַסקודע דו, שד, דו!

מאַלי האָט שוין פאַר איהם קיין מורא ניט געהאַט. זי האָט זיך גע־לאָזען רייסען איהרע האָר. זי האָט געוואוסט אַז דזשאָו איז ניט אין כעס. זי האָט דערפיהלט איהר מאַכט, איהר זיג.

דזשאָו איז שוין געווען באַזויפען; און ווען ער איז באַזויפען, איז ער איהרער, מאַלי׳ס, אינגאַנצען מאַלי׳ס.

.15

דער בושווילער שעריף הייטמאַן פינקוס

די שטעטעל בושוויל, וועלכע איז געשלאָפען און זיך גענודיעט פון איין סענסאַציע ביז אַ צווייטער, האָט אויפגעלעבט אויף עטליכע וואָכען נאָך מאַלי׳ס באַזוך און סקאַנדאַל מיט דזשאָו׳ס ווייב.

צוערשט האָט יעדען פאַרדראָסען, וואָס מאַלי איז אַרויס טרוקען, אַהן קלעפּ. כמעט די גאַנצע שטאָט האָט איהר געזעהן און געהערט איהר קוויטשען, איהרע קולות. און עפּעס זיינען אַלע אַזוי צוטומעלט געוואָרען, אַז קיינער האָט זיך ניט געכאַפּט באַפאַלען דער געלער מאַלי און אויס־פּאַטשען איהר. אַז ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען, האָט יעדע פרוי זיך געהעלדעוועט און גע׳טענה׳ט:

— זעה נאָר, עס פאַרדריסט מיך וואָס מען האָט איהר ניט אויס־געפּאַטשט.

די וויבער האָבען זיך צוגעזעצט מיט קיבעץ צו סעם ראַבינאָוויטש, דעם גאַראַדזש־מאַן.

— אַ גרויסער העלד זייט איהר, סעם — האָט איהם מיסעס קע־לערמאַן אויפגעוואָרפען — איהר זייט געווען ביי דער גאַנצער חתונה און איהר האָט געשוויגען.

סעם, שטעהענדיג מיט די סוספּענדערס (שלייקעס פון הויזען) איבער זיין פאַרשמירטען אויבערהעמד אין טונקעלען פּעטס און מיט די הענט אונטער די פּאַכועס, האָט לאַכעדיג געזאָגט:

— וואָס מיינט איהר בין איך, איך וועל זיך געהן שלאָגען מיט אַן אידענע?

— סעם, איהר האָט מורא געהאַט פאַר דער געלער, — האָט די שוחט'קע זיך גערייצט מיט איהם.

אַז מען האָט זיך גוט אָנגעוויצעלט איבער סעם'ען, האָט מען זיך גענומען צו היימאַן פינקוס, צום שעריף.

פינקוס איז גאָר ניט געווען ביי דער גאַנצער געשיכטע.

אַז דער טומעל אין שטאָט איז געוואָרען גרויס, דער עולם האָט זיך געקאָכט מיט גרויס הנאה, איז פינקוס געקומען צולויפען אויף זיין מאָ־טאָר־סאַיקעל. ווי אַ וויכער, מיט דעם אָנשטעל פון אַ שנעל־צוג איז ער אַריינגעפאָהרען אין דער רעדעל פון דעם עולם לעבען ראַבינסאָן'ס דראַי־גודס סטאָרקע, אַרונטערגעכאַפּט זיך פון זיין מאָטאָר־סאַיקעל מיט דער העלדישקייט ווי אַ קאַוואַלעריע־אָפיציר כאַפּט זיך אַרונטער פון זיין פערד, און האָט מיט פאַרשעמטע אויגען גענומען קוקען אויף אַלעמען.

אַ שעהנער שעריף ביזטו! — האָט מיסעס ראַבינסאָן איהם געזאָגט מיט געוואַגטען כעס, שטעהענדיג אין טיר פון דער סטאָרקע — ווען מען דאַרף דיך, ביזטו ניטאָ.

— אַ שעריף איז ער, — האָט סעם ראַבינאָוויטש איהם אַ כמאַליע געטאָן מיט'ן האַנד איבער זיין סאַלדאַטסקער היטעל: — ער איז גאָר קיין שעריף ניט. ער איז אַ סאַבסטיטוט.

— אַ במקום שעריף, — האָט דער שוחט פאַרטייטשט, און אַלע האָבען אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער.

פאַר פינקוס'ען איז דאָס זיכער געווען אַ גרויסע נידערלאַגע. ער איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער, אַ פאַרשעמטער און פילע פון דעם רע־דעל אידען און אידענעס, וועלכע זיינען איהם סאַי־ווי־סאַי געווען שונאים, האָבען געלאַכט מיט נקמה.

— געה כאַפּ איהר, — האָט מיט כעס'דיגע אויסגעשטשירעטע ציינער איהם אַריינגעלאַכט אין פנים דזשייק דער קרומער, וועמען פינקוס האָט מיט אַ יאָהר צוריק אַרעסטירט אויפ'ן וועג קיין ניו יאָרק מיט עט־ליכע גאַלאָן וויין. — געה כאַפּ איהר, געה, לויף; ביזט אַ גרויסער בריה, ביזטו.

פינקוס איז געשטאַנען פאַרווירט. און אום ניט צו פאַלען ביי זיך, האָט ער בעסער גאָר ניט גערעדט, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין מאָטאָר־סאַיקעל און ווי ער וואָלט געזאָגט „איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טאָן", האָט ער אַ לאָז געטאָן אַ בלויען רויך פון געזאַלין און איז אַוועקגע־פלויגען ווי אַ רוח אַרויף אויפ'ן באַרג צו לינדענטאַון.

היימאַן פינקוס איז טאַקע ניט געווען קיין רעגעלער שעריף. ניט

ער איז געווען אַן ערוועהלטער שעריף און ניט קיין אַפּוינטעטער שעריף. ער איז געווען אַ מין צייטווייליגער שעריף, אַ דערוויילינגער, און דערפאַר האָט בושוויל פאַר איהם קיין גרויסען דרך ארץ ניט געהאַט.

פינקוס'ן האָט מקרב געווען דער לינדענטאונער שעריף דזשאָהנ־סאָן. די קאונטי איז געווען אין לינדענטאון קאונטי, און דזשאָהנסאָן איז געווען דער באַלעבאָס, אַלס דער שעריף.

פאַר דער מלחמה האָט פינקוס געאַרבייט ביי סעם ראַבינאָוויטש אין גאַראַדזש. ניט בושוויל און ניט פינקוס אַליין האָבען דאַן גע'חלום'ט אַז ער וועט ווערען אַ גאַנצער אַמעריקאַנער נאַטשאַלניק. צווישען אַלע גרינע האַרעלקער לאַנדסלייט איז היימאַן פינקוס אויך געווען איינער פון די גרינע. ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָהר דריי און צוואַנציג. ער האָט קיין ענגליש ניט געקענט ריידען, און איז סתם ניט קיין געראָטענער.

אַז אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, און מען האָט גענומען דרעפטען אַלעמען אין דער אַרמיי, האָט פינקוס געכאַפּט אין איילעניש און חתונה געהאַט מיט סערע'ן, אַ מויד וועלכע האָט געהאַט אַ פאַרנאָנ־דערגעפאַרענע פיגור ווי אַ מיטעל־יעריגע אידענע, און האָט געדינט אַלס הויז־מיידעל ביי די גרינטרים.

די חתונה האָט פינקוס'ען ניט געהאָלפען, און ער האָט געמוזט געהן אין דער מלחמה אַריין.

אַז ער איז געקומען פון דער מלחמה, האָט ער שוין ניט אויסגעצ־טאָן זיין סאָלדאַטסקען יוניפאָרם, און גענומען אַרומגעהן אַרום די קאָנ־סטייבעלס און אַרום דעם שעריפ'ס אָפיס.

דער שעריף האָט פינקוס'ען פון צייט צו צייט געגעבען צו פאַר־דינען אַ פאַר דאָלער, אום צופרידענצושטעלען די אידישע בירגער פון בושוויל. פינקוס איז דאָך פאַרט אַ מלחמה־העלד, זאָלען די אידען זעהן, אַז די יונייטעד סטייטס באַלוינט אַ אידישען העלד.

פינקוס האָט גרויס הנאה געהאַט פון זיין בעדזש (די בלעכעל וואָס ער טראָגט אַלס שעריף) און פון זיין רעוואָלווער, וואָס האָט זיך מיט גדלות געבאָמבעלט אין דער לעדערנער שייד ביים היפט אויפ'ן פאַסיק. כאָטש קיין גאַנצען לעבען האָט ער דערפון ניט געמאַכט, איז ער אָבער געווען פאַררעכענט אין בושוויל אַלס פּאָליטישען, און די בושווילער לאַנדסלייט האָבען איהם פיינט געהאַט, ניט פאַרגונען די פרנסה, און זיי האָבען פאַר איהם מורא געהאַט. פאַר מורא האָבען זיי איהם גערופען שעריף, ווייל וואָס ער האָט ניט געקענט טאָן אַלס פאַלנער שעריף, האָט ער געטאָן דורך אַ מסירה.

פינקוס האָט זיך געהאַלטען פאַר'ן אידישען פּאָליטישען. אין לינ־דענטאון, ביי די גוים, איז ער געווען דער פאָרשטעהער פון דער אידי־שער בושוויל. דאָרטען האָט ער זיך געהאַלטען מיט דער מאַכט פון דער אידישער פאָרשטעהערשאַפט, און אין בושוויל איז ער געווען דער פאָרשטעהער פון אַמעריקע, „אין דהי נעים אָוו דהי לאָו" (אין דעם נאָמען פון געזעץ).

ווען עס איז געווען עפּעס טראָבעל מיט אַ בושווילער, ווען מען האָט געדאַרפט אַרעסטירען אַ בושווילער אידען, האָט מען פון לינדען קאונטי אָפּיס געשיקט פינקוס'ען. פינקוס האָט געהאַט די חזקה אויף בושווילער אַרעסטען, אויף בושווילער קאָלעקשאָנס און אויף בושווילער כּאַבאַר.

דזשאָנסאָן האָט פינקוס'ען צוגעשאַרט אַלץ אָפטער און אָפטער פּאָ־ליטישע דזשאָבס. ער האָט איהם אויך ליב געקראָגען, ווייל ער איז געווען געטריי. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלייקענט אַ אידישע געשיכ־טעלע פון בושוויל, קיין מאָל ניט פאַרלייקענט אַ נויטיגע ביסעל גרעפט.

ווען פינקוס האָט אַריינגעקראָגען עפּעס אַ אידישע קעיס, איז ער געווען אַזוי פאַרקאָכט אין שטרענגקייט, אַז איהם איז רעכט געווען מוחל צו זיין כּאַבאַר. אַ אידישע קעיס האָט אימער געמיינט פאַר איהם צוויי גדולות: ערשטענס, דער שעריף זאָל זעהן אַז מען דאַרף איהם נויטיג האָבען, ווייל דאָס פאָלק ישראל איז עפּעס ניט אין אָרדנונג; צווייטענס, די בושווילער זאָלען דערפיהלען פינקוס'עס מאַכט, אַז פינקוס איז ניט אַבי ווער. פינקוס'ען איז זעהר שווער געווען צו מאַכען גלויבען זיינע האַרעלקער לאַנדסלייט אין בושוויל, אַז ער איז עס טאַקע אַן אמת'ער „אָפיסער", וואָס היט דעם געזעץ פון יונייטעד סטייטס אין אַמעריקע.

אָט דאָס איז געווען היימי פינקוס. אַזוי איז געווען זיין לאַגע אין בושוויל.

אַז ס'איז געקומען דער שטורעם מיט דזשאָו דעם עקספּרעסמאַן, האָט פינקוס אָפּגעלעבט. דאָס וואָס ער האָט געטאָן אין דער קעיס פון דזשאָו מיט זיין ווייב, האָט אַזוי אויסגענומען ביי גאַנץ בושוויל, אַלע האָבען דערפיהלט, אַז מען דאַרף טאַקע פינקוס'ען, אַז בושוויל דאַרף טאַקע האָבען אַן אייגענעם מענשען אַלס שעריף. עס איז אפילו געוואָרען אַ רייד אין בושוויל, אַז מען זאָל געהן אין קאונטי אָפיס בעטען פאַר פינקוס'ען אַ רעגעלען שעריף דזשאָב.

דאָס וואָס פינקוס האָט פאַרשפּעטיגט דעם סקאַנדאַל מיט דער גע־

לער מאַלי, איז פאַר איהם געווען אַ גרויסע מאָראַלישע נידערלאַגע אין די אויגען פון בושוויל.

אַזאַ וויכטיגע קעיס, זיין וויכטיגסטע בושווילער קעיס, ווען ס'האָט געהאַלטען ביי ממשות'דיגעס, ווען ער האָט געקענט אַרעסטירען דער געלער מאַלי און ווערען דער העלד פון דעם בושווילער פאָלק, איז ער ניט געווען.

ווען פינקוס האָט אוועקגעשטורעמט אַרויף אויפ'ן באַרג אין אַ וואָלקען בלויען געזאַלין רויך, האָט ער געהאַט אין זינען אַז ער איילט צו מאַלי'ן, אַז ער ווערט אריינקומען צו איהר און געבען איהר אַ וואָר־נונג. זאָל זי וויסען, אַז פינקוס דער שעריף האַלט אַן אויג אויף איהר.

אַזוי ווי ער איז צוגעקומען צו פאַסייק סטריט, אין לינדענטאַון, האָט ער זיך באַרעכענט, אַז ער ווערט בעסער געהן צו דזשאָהנסאָנ'ען.

אַ גרויסער געדאַנק איז פינקוס'ען איינגעפאַלען. ס'איז איהם איינגעפאַלען אַז ער זאָל אַכטונג געבען שטילערהייט אויף פאַסייק סטריט, און ער ווערט דאָ כאַפּען צוויי העכט מיט אַמאָל — מאַלי'ן און דזשאָו'ן.

ס'איז איהם איינגעפאַלען, אַז דזשאָו דאַרף קומען שטילערהייט צו מאַלי'ן. איהם איז דאָס פון לאַנג שוין געקומען אויפ'ן זינען. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אַז דזשאָו זאָל זיך אַזוי שנעל אָפּגעוויינען פון דער געלער.

פינקוס איז אַוועק צו דזשאָנסאָנ'ען און דערצעהלט איהם אויף וואָס פאַר אַ קעיס ער אַרבייט איצט.

— גאָו אַהעד! — האָט צו איהם דזשאָנסאָן געזאָגט — יו אַר אַלראַיט, האימי.

און פאַסעיק סטריט איז געשטעלט געוואָרען אונטער האימי פינ־קוס'עס וואַך.

אין בושוויל, אַז מען האָט פינקוס'ן אָפּגעשטעלט און גענומען קי־בעצען וועגען זיין פאַרזעהן די „חתונה", האָט ער נאָר אַ פּינטעל גע־טאָן מיט'ן אויג, אַרויפגעלעגט זיך אַ האַנד אויפ'ן האַרצען און געזאָגט:

— דזשאָסט וועיט, יו'ל העוו עי סורפּרייז (האָט נאָר געדולד, איהר ווערט האָבען אַן איבעראַשונג)!

דזשאָו'ען האָט מען אין בושוויל אַ גאַס ניט געלאָזען דורכגעהן. אַלע זיינען איהם באַפאַלען, יעדער האָט גע'טענה'ט:

— דזשאָו, ס'טייטש, וואָס איז דאָס?

און דזשאָו האָט יעדען געענטפערט מיט אַ הויב טאָן די אַקסלען און מיט אַ מאַך טאָן מיט די הענט, וואָס דאָס האָט געהייסען „וואָס בין

איך שולדיג? דאָס זיינען זיי שולדיג. זיי, די ווייבער קענען צווישען זיך ניט דורכקומען".

ער האָט אַזוי תמימות'דיג אויסגעזעהן, ווי איינער וועלכער איז שוין אנערקענט אַז ער האָט צוויי ווייבער. די צוויי ווייבער, דאָס איז אַ נאַטירליכע זאַך, די צרה איז נאָר וואָס זיי קענען איינע מיט די אַנדערע ניט דורכקומען.

עס האָט זיך אָפּגעטומעלט אַ פּאָר וואָכען אין בושוויל און עס איז ווידער געוואָרען שטיל.

.16

מיט דער געליבטער

אין מאַלי'ס האַרץ איז געלעגען אַ סך ביטערניש און טענות.

דורך היימאַן פּינקוס האָט זי געקראָגען יעדע וואָך צעהן דאָלער פון דזשאָו'ען. איהר אינגעל פון דעם ערשטען מאַן האָט געקראָגען אַ דזשאָב אין אַן אָפיס אין לינדענטאַון, אויף מעין סטריט. אין דער זעלבער אָפיס בילדינג האָט מאַלי פאַרדינט פופצעהן דאלער אַ וואָך פאַר רייניגען דעם אָפיס ביינאַכט.

פאַרנאַכט, ווען דער אינגעל איז געקומען אַהיים, האָט זי איהם איבערגעלאָזען מיט דער בייבי, מיט ליליע'ן, און זי איז אַוועק אַרבייטען אין דער געביידע ביז אַ זייגער איינס ביינאַכט.

אין דער פריה, ווען זי איז אַליין געווען מיט ליליע'ן אין הויז, איז אַנגעקומען דזשאָו.

עס איז איהר אַ סך געלעגען אויפ'ן האַרצען צו ריידען מיט דזשאָו'ן, צו טענה'ן מיט איהם. זי האָט שוין פאַרגעסען דעם פאַרדרוס פון יענער צייט ווען מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל צאָהלען צעהן דאָלער אַ וואָך, און ער, דזשאָו, האָט ניט געוואָלט ריידען צו איהר דאַן. דאָס האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסען. זי האָט עס פאַרגעסען אַזוי שנעל ווי דזשאָו איז צום ערשטען מאָל געקומען.

די דאָזיגע ביטערניש איז ערגעץ געלעגען אין אַ פאַרגעסענעם ווינקעלע, און זי האָט דאָס גאָרניט געוואָלט פאַרברענגען פאַר דזשאָו'ען. וואָס עס איז איהר געלעגען אויפ'ן צונג איז וועגען ווייטער, וועגען האָבען איהם אינגאַנצען פאַר זיך. גאַנצע טעג און נעכט פלעגט זי טראַכטען וועגען דעם גט, וואָס ער האָט איהר שוין אַ פאַר מאָל צוגעזאָגט.

זיין הסכמה אניפ'ן גט האָט זי שוין פון איהם אַרויסגעקראַגען מיט איהר צושטעהן צו איהם.

חיה, די ווייב, האָט כסדר געזוכט אַרויסצוקריגען פון דזשאָו'ען, אַז ער קען דער פאַרפיהרערקע ניט אַנזעהן, אַז ער וועט איהר אויס־פּאַטשען. חיה האָט עס מיט אַפּעטיט, מיט פאַרגעניגען איבערדערצעהלט דער מיסעס קעלערמאַן; מיסעס קעלערמאַן האָט עס אַוועקגעטראַגען אין ראַבינסאָן'ס דראַי־גודס סטאָרקע, און פון דאָרטען האָט מען עס שוין אַריבערגעשיקט צו מאַלי'ן אין לינדענטאָון.

די טענות און געבעטען וועגען אַ גט האָט אָבער מאַלי קיינמאָל ניט אָנגעפאַנגען ביי דזשאָו'ס אַריינקומען. מאַלי איז געווען אַ געליבטע, און איהר געליבטער דזשאָו איז ביי איהר געווען טייערער ווי אַלע ביי־טערע טענות, ווי אַלע תכליתים.

אַז דזשאָו איז אַריינגעקומען, איז איהם מאַלי אַנטקעגענגעקומען אין איהר ווייסער ווייסטעל, וועלכע האָט זעהר געפּאַסט צו איהר גלאַנ־ציגען פולען גערויטעלטען פּנים, און וועלכע האָט פּראָמינענטער איהר ווייבליכקייט געמאַכט, לויט דזשאָו'ס געשמאַק. מאַלי האָט געוואוסט, אַז ווען זי פריזירט גוט איהרע טונקעל־געלע האָר, וואָס מאַכט איהר קאָפּ ווי אַ פלאַמענדע פּאַמעלע, און ווען זי טראָגט איהר ווייסע ווייסטעל, ווערט דזשאָו די כפרה פאַר איהר.

מיט אַ שמייכעלע, אַ טיפען, לוסטיגען שמייכעלע אין איהרע לאַנג־ליך־פלאַטשיגע אויגען, האָט זי איהם אויפגענומען, און אין איהר האַר־צען האָט זי צו זיך אַליין געוואונקען, אַז אַלע איהרע באַגעהרען צו טענה'ן צו איהם זאָלען פאַרשווינדען, זאָלען זיך איצט ניט מישען. זאָלען די טענות ליגען דאָרט איינגעלעגט; דזשאָו איז דאָ.

דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד פון אַ געליבטער און אַ ווייב. וואָלט מאַלי געווען אַ ווייב, וואָלט דזשאָו'ס קומען פאַר איהר געהאַט אַזוי פיל ווערט, אויף וויפיל זי וואָלט ערוואַרטעט דעם, צו ווענען זי דאַרף איהרע טענות אַרויסברענגען. מאַלי איז אָבער געווען די געליבטע, און דזשאָו איז ביי איהר געווען וויכטיגער ווי איהרע טענות, וואָס זיינען, דאַכט זיך, געווען דער פונדאַמענט פון איהר לעבען.

מיט איהר באַגעגעניש האָט זי דזשאָו'ען נשמה'דיג פונאַנדערגע־שפּילט. דער דערשלאָגענער דזשאָו פון דעם בושווילער לעבען, וואו ער איז אַ גאָרניט, אַן אויסוואורף, אַ מאַן צום יאָדען, אַ טאַטע וועמען דער זוהן האַסט, האָט זיך דערפיהלט אין אַ בענקשאַפט, אין אַן אָנגענעמער און וועהטאַגדיגער און וואַרימער בענקשאַפט, וואָס האָט געהאַט אין זיך

דעם דייך פון טרפה'קייט. אָט די מאַגנעטישע טרפה'קייט האָט איהם געמאַכט צו זיין גרייט אין יענעם מאָמענט דעם לעבען אוועקצוגעבען.

מאַלי איז צו איהם געוואָרען מעהר געליבטע ווי פריער, ווען זיין ווייב איז דאָ ניט געווען. זי האָט זיך מעהר געפלייסט, און זי האָט זיך מעהר געפרעהט מיט זיין קומען ווי דאַן. דער איצטיגער דזשאָו האָט פון איהר אַרויסגערופען מעהר באַגייסטערונג ווי דער פריהערדיגער, און די באַגייסטערונג איהרע איז געווען איהר ווייבליכע פלייסיגקייט און קאָנקורענץ מיט זיין ווייב.

מאַלי'ס צערטליכע פרייד און פלאַמיגע תאוה האָט ווי גערעדט, ווי אַרגומענטירט צו איהם: „נו, דזשאָו, קאָנסטו אַזוינס האָבען אין דייך הים, ביי דיין חיה'ן?"

און מיט פאַרגאַסענע אויגען פון גליקליכען שיין האָט דזשאָו איהר אַנגענומען ביים האַלז, ביי די טונקעל געלע האָר, און מיט אַפעטיט עפּעס געמורמעלט שטיל. ער האָט איהר שוין ניט אַזוי ברוטאַל געפליקט און געריסען די האָר ווי אַמאָל.

אַן איידעלקייט איז אַריינגעקומען אין דזשאָו'ס און מאַלי'ס באַציהונגען. ער האָט געפיהלט די פאַרפאַלגטקייט, און ער איז אויך געוואָרען איבערגעגעבען צו מאַלי'ן אַליין, ניט נאָר צו דעם, וואָס מאַלי האָט אין זיך פאַרמאָגט.

ווען דזשאָו האָט געדאַרפט אוועקגעהן, האָט מאַלי אַרויפגעלייגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל אַזוי ווי צו אַ גוטען ברודער געזאָגט:

— נו, דזשאָו?

ער האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגען געקוקט אויף איהר, מיט פאַרזשמורעטע אויגען, פון וועלכע זעטיגע פרייד האָט אַרויסגעקוקט, און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— וועסט שוין ניט זאָגען, אַז מאַלי איז אַ שלעכטע, האָ?

— נאָ, מאַלי, נאָו, דו ביזט ניט קיין שלעכטע, — האָט ער געענטפערט אונטערטעניג.

— נו, דזשאָו, וואָלסטו געוואָלט, אַז אימיצער זאָל מיר שלעכטס טאָן צוליב דיר?

— איך האָב זיי אַלעמען אין דער ערד, — האָט ער געענטפערט מיט האַרץ.

— דזשאָו, — האָט זי דאַן געזאָגט, אַפציהענדיג מיט אַ לאַנגער פּאוזע, — דזשאָו, ווען וועט עס קענען נעמען אַ סוף?

דאָ איז דזשאָו'ס פּנים פּאַרצויגען געוואָרען מיט אַ כמאַרע, און ער האָט מיט'ן האַנד אַ הויב געטאָן די היטעל אויפ'ן קאָפּ.

— דזשאָו, דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט וועגען אַ גט.

— נו, יע, אַ גט, — האָט ער געבורטשעט, קוקענדיג צום פּלאָר,

— אודאי אַ גט.

— נו, הערסט, אַט אַזוי ביזטו אַ מענש, — האָט מאַלי פּאַרכאַפּט מיט אַ שמייכעל — אַט אַזוי האָב איך דיך ליב.

— נו, געוויס, מיר'ן זעהן, — האָט ער אַלץ אומעטיג גערעדט, און מאַלי האָט גענומען אַוועקציהען דעם שמועס צו פרעהליכערעס.

— דזשאָו, ווי איז דיר עפּעס געפעלען געוועזן די געדעמפטע קרויט?

זי האָט אייגענטליך געוואָלט, אַז דזשאָו זאָל נאָך אַמאָל באַשטעטיגען דאָס, וואָס ער האָט פריהער געזאָגט. זי האָט געוואָלט נאָך אַמאָל אריינקלאַפּען איהם אין קאָפּ; אָבער צופיל ציהען איהם אין דעם אונאַנגענעהמען שמועס אריין האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט ניט געוואָלט אַוועקלאָזען איהם אַ פּאַראומערטען.

— דו ביזט אַלראַיט, דזשאָו — האָט זי איהם געזאָגט כוואַטסקענדיג, און האָט איהר קאָפּ אַ וואָרף געטאָן אויף זיין ברוסט און גענומען זיינע הענד און ארויפגעלייגט אויף איהרע אַקסלען.

דאָס איז געווען די געזעגעניש, אום דזשאָו זאָל אַוועק מיט דעם כשוף, וואָס דאַרף איהם ווידער ציהען און ברענגען צו פּאַסייק סטריט אין לינדענטאַון.

דזשאָו איז אַרויס מיט לאַנגזאַמע טריט. אַ גאַנצען טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ צודולטען קאָפּ און מיט אַרונטערגעלאָזענע הענט.

ער איז אַרויס ווי פון אַ פרעהליכען שענקעל, וואו מען האָט איהם אונטערגעטראָגען איין גלעזעל שנאַפּס, אַ צווייטע, אַ דריטע: ס'איז געווען לוסטיג; ער איז אַרויס באַטרונקען. נאָך דער באַטרונקענקייט האָט זיך דער שנאַפּס גענומען אויסוועפּען און דער קאָפּ האָט זיך איהם גענומען שפּאַלטען אויף שטיקער.

ער האָט גענומען באַטראַכטען, דערמאָהנען זיך, אַז ער האָט צוגעזאָגט מאַלי'ן צו גט'ן זיך מיט חיה'ן.

— ס'איז אַ בלאָף! — האָט ער צו זיך אַליין אויסגעשריען.

ער האָט סתם צו זיך געשריען, געשריען אויף זיך אַליין, אויף דזשאָו'ן, וואָס ער איז אַ בהמה און ווייסט ניט וואָס ער טוט, און וואָס ער רעדט.

וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם „ס'איז אַ בלאָף!", האָט ער אַליין

ניט געוואוסט. ער האָט ניט געוואוסט צי ס'איז אַ בלאָף וועגען קענען גט'ן זיך, צי וועלען גט'ן זיך, אָדער עס איז אַ בלאָף, אַז ער האָט צוגע־זאָגט צו גט'ן זיך.

ס'איז ביי אים געווען אַ גאַנצען טאָג אַ טומעל אין קאָפּ און ער איז דאַן גרייט געווען צו באַהאַלטען זיך פון ביידען, אי פון חיה'ן, אי פון מאַלי'ן. ביידע האָבען איהם אויסגעקוקט ווי אַ בלאָף. ער איז געווען אין דעם צושטאַנד ווי יענער איבערגעגעסענער אינגעל, וואָס האָט אַ נדר געטאָן פאַר זיך אַליין, אַז מעהר וועט ער ניט גנב'ענען קיין עפּעל פון וואָגען.

פּאַרנאַכט, אָבער, איז ער געפאָהרען מיט'ן טראָק אַהיים, קיין בושוויל. ער איז אַרויפגעפאָהרען אויפ'ן יאַרד, אַריינגעשטעלט דעם טראָק אין גאַראַדזש, און אַריין צו זיך אין הויז. חיה האָט אויף איהם אַ פיינליכען קוק געטאָן, און ער האָט שוין געטראַכט פון לינדענטאַון, פון פּאַסעיק סטריט, וואו איהם איז אַזוי גוט, וואו עס איז אַזאַ טרפה'נע וואַרימקייט.

.17

די ווייב

די ערשטע צייט, וואָס חיה איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט דזשאָו אויסגעזעהן אין איהרע אויגען ווילד און גראָב. ער איז טאַקע דאַן געוואָרען אַ ווילדער אָפּגעלאָזענער מענש.

ער איז פון מאַלי'ן אָפּגעריסען געוואָרען. זיין ווייב און קינד זיינען געקומען. פאַרפאַלען, אַזוי איז עס געשעהן, אַזוי האָט עס געמוזט זיין. ער האָט זיך געסטאַרעט שלום מאַכען מיט דער לאַגע. ער האָט אָנגעשטעלט דעם קאַלנער, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין אַ רעגענדיגען טאָג; און אַזוי מיט אַן אָנגעשטעלטען קאַלנער און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, האָט ער גענומען דאָס לעבען אויף זיך. ער האָט זיך אונטערגעגעבען צו בושוויל, צו זיין ווייב; זיין אייגענעם אינטערעס פון'ם לעבען האָט ער באַגראָבען טיף אין זיך, און באַדעקט זיך אַליין מיט ניט ראַזירען זיך וואָכען נאָכאַנאַנד, מיט אָפּגעלאָזענקייט, מיט אָנטרינקען זיך מיט שנאַפּס.

ער האָט געלעבט ווי אַ צורייצטע חיה, וואָס איז באַהאַלטען אין איהר נאָרע. זיין צורייצקייט האָט ער אין זיך מיט געדולדיגקייט באַהאַל־

טען און באַגאַסען עס מיט אַ פלעשעל שנאַפּס, וואָס ער האָט געהאַלטען שטענדיג ביי זיך אין טראַק.

דער גאַנצער מר. דזשאָו האָט אויסגעזעהן ווי אַ טשערעפּאַכע, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגען אין איהר גראָבער האַרטער הויט. באַהאַלטען זיך אין זיך. ניטאָ דזשאָו.

ער האָט זיך גענומען אַקלימאַטיזירען אין דער אַטמאָספערע פון חיה'ן, פון זיין אַלט-נייער היים. ער האָט זאָגאַר גענומען ווערען אַ שטיקעל באַלעבאָס אין הויז. ער האָט אַרויפגעטראָגען אַ זעקעל קוילען אין הויז, אָפט געמאַכט דעם אויוען, אַרויסגעטראָגען די אַשעס.

מאַלי פלעגט איהם אָפט קומען אין געדאַנק, אָבער וואָס ווייטער, ווייטער האָט ער דערפיהלט, אַז ער האָט זיך פון מאַלי'ן אַנטוואוינט.

חיה, זייענדיג געפאַלען ביי זיך, איז געוואָרען אַגרעסיוו, אַטאַקירענד אַזוי שנעל ווי דזשאָו האָט זיך גענומען האַלטען ווי אַ געשלאָגענער. וואָס מעהר דזשאָו האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין אייגענער הויט אַריין, אַלץ שטאַלצער, אַלץ ביטערער האָט זי זיך גענומען אַרויסווייזען געגען איהם.

מיט זיין סטאַרען זיך צו אַקלימאַטיזירען אין הויז, האָט ער אויך געמיינט, אַז זיין חוב איז צו זיין צו איהר אַ מאַן. דער אמת איז, אַז פון אָנפאַנג האָט איהם צו איהר ניט געצויגען. ער איז געווען אין דער לאַגע פון אַ געקיבעלטען בן-יחיד, וואָס האָט פלוצלונג געדאַרפט עסען אַ טאָג ביי אַן אָרימער באַלעבאָסטע. אָבער ער האָט זיך אָנגעז'-שכור'ט און איז געקראָכען צו איהר. און אַז ער איז נעהנטער געוואָרען צו איהר, האָט ער דערפיהלט זיין אַמאָליגע ווייב חיה.

זי פלעגט איהם אָוועקטרייבען, און ער איז אָהן צערטליכקייט צוגעטראָטען, געקראָכען איז ער גראָב, פּראָסט און הונגעריג ברוטאַל.

פונקט אַזוי גראָב ווי ער איז צוגעשטאַנען צו איהר, אַזוי גראָב האָט זי איהם געטריבען פון זיך. מיט זיין האַמעטנע צולאָזענקייט איז זיין אַפּעטיט געקומען; וואָס מעהר ער איז געקראָכען צו איהר, אַלץ מעהרער האָט זי געוואָלט פּראָווען איהר שטאַרקייט געגען איהם, און געטריבען איהם פון זיך, כאָטש אין דער אמת'ען האָט זי ניט געמיינט, אַז זי וויל ניט, אַז ער זאָל זיך טשעפּען צו איהר. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך יע טשעפּען, אום זי זאָל איהם קענען טרייבען, אָפּשטויסען.

אָפט פלעגט זי שוין איבערטרייבען מיט איהר כעס'דיגען שטויסען איהם פון זיך, און אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זיך דזשאָו ווי געבען אַ ניכ-טער אויס און אויסשרייען:

— זעה נאָר, זעה נאָר, די פּאַטשורע, זי וויל נאָך ניט.

דאַן פלעגט חיה זיך דערשרעקען און זיך געצוואונגען צו זיין שטאָלץ. עס פלעגט אויסברעכען אַ קריג אויף הויכע טענער.

פון איהרע הויכע קוויטשערייען, פלעגט דזשאָו דערפיהלען זיין לאַגע, און זידלען און וואַרפען שטולען. עס פלעגט אויסברעכען אַ גרוי־סער סקאַנדאַל: מענשען פלעגען זיך אַמאָל צונויפקלייבען לעבען הויז און שטעהן ביז עס פלעגט שטיל ווערען. און אַזוי איז אַרויס אַ קלאַנג איבער בושוויל, אַז דזשאָו שלאָגט זיין ווייב.

אַזוי איז געגאַנגען דער לעבען צווישען דזשאָו'ן און חיה'ן די ער־שטע צייט. מען פלעגט זיך איבערבעטען ווי עס איז, ווידער זידלען זיך, קריגען זיך, וואַרפען זיך, קריכען און טרייבען, ביז דזשאָו האָט גענומען געהן אין לינדענטאון צו מאַלי'ן.

זייט ער האָט גענומען געהן אין לינדענטאון, האָט זיך די לאַגע אין הויז געענדערט, ווייל ביידע, אי דזשאָו אי חיה, האָבען זיך געענדערט.

דזשאָו האָט גענומען קומען אַהיים אַ שטילער, אַ רוהיגער. ער האָט גענומען אַריינקומען אין הויז ווי אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרשולדיגטער הונט מיט אונטערגעבויגענע פּיס. דער קלאַנג פון דער שטימע האָט זיך ביי איהם געענדערט, איידעלער געוואָרען.

ער האָט זיך צו חיה'ן מעהר ניט געטשעפּעט, און איהרע נעגעני־שען, מיט וועלכע זי האָט איהם באַגעגענט, האָבען איהם שוין ניט אַזוי געאַרט.

חיה איז שוין אָפּגעווען אַ ביסעל צייט אין אַמעריקע. זי האָט מעה־רער פלייש אַרויפגעצויגען אויף איהרע דאַרע ביינער; גענומען קוקען מיט מעהר לוסט אויפ'ן לעבען און אויף דזשאָו'ען אַלס מאַן. זי האָט גע־נומען נייע קליידער אָנטאָן, שעהנע שיך און פענסי זאָקען. זי האָט שוין געזעהן ווי מען געהט אין אַמעריקע. זי האָט זיך שוין צוגעלאָזען צו די בושווילער פרויען. מיסעס קעלערמאַן איז שוין מעהר ניט געווען איהר איינציגע פריינדין. זי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז די בושווילער ווייבער זיינען פונקט אַזעלכע היימישע מענשען ווי זי, און זי איז פונקט אַזאַ בושווילער ווי זיי.

די שוחט'קע האָט איהר כסדר אונטערגעזאָגט:

— איהר פאַרמאָגט צו געהן שעהנער געקליידעט: איהר זייט ניט קיין אַלטע פרוי.

דאָס איז חיה'ן געפעלען געוואָרען; ס'איז איהר גוט אַריין אין געדאַנק.

דזשאָו'ס אָפּטער ראַזירען זיך און זיין אָנטאָן זיך פיין אין מיטען דער וואָך, זיינע שניפּסלאַך, וואָס ער האָט געגומען טראָגען, זיין שיייוען די האַלז הינטער דער פּאָטילניצע, אויף וועלכער עס האָט זיך געזעהן אַ קלאָר־בלייליכער לייב, האָבען איהר געגעבען לוסט צו קוקען אויף זיך אַליין.

חיה האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז דזשאָו איז אַ שעהנער מאַן. ער ווערט שעהנער פון טאָג צו טאָג אין איהרע אויגען.

ער איז אידעלער געוואָרען און קעלטער געוואָרען, און דאָס האָט איהר נייגעריגער געמאַכט צו איהם, וואַרימער געמאַכט צו איהם.

חיה איז אָבער ניט קיין געליבטע געווען; חיה איז געווען אַ ווייב, און איהרע תאווה'שע באַגערען האָט זי אויסגעדריקט ווי אַ ווייב.

אַז דזשאָו איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט זי די ערשטע זאַך אַ קרעכץ געטאָן און אַרויסגעזיפצט:

— מיין ביטערער לעבען, לייט האָבען הנאה פון לעבען, און איך בין פאַרפינסטערט.

דאָס איז געווען חיה'ס פּאַרשפּיל, ווען זי האָט געוואָלט אויספּלאָס־טערען אַ וועג פון רחמנות צום שלום. חיה'ס צוגאַנג איז געווען — רחמנות. די גאַנצע זאַך האָט זיך ביי איהר געוועגדעט אָן דעם רחמנות. ווען דזשאָו וועט פיהלען רחמנות אין האַרצען, וועט אַלעס זיין גוט.

אַז זי האָט אָפּגעזאָגט איהר פזמון וועגען דעם ביטערען לעבען, און דזשאָו האָט געמאַכט אַ שוויג ווי ניט איהם מיינט מען, האָט זי אַ זאָג געטאָן איהר שטאַרקסטען וואָרט, אויף וועלכען דזשאָו האָט זיך שטענדיג אָנגעכאַפּט מיט שבועות, אַז ער מיינט עס ניט.

זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, יע, דו וואָלסט אַ גליקליכער געווען, ווען דו זעהסט מיך אַ טויטע.

זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וויל ניט דזשאָו, אַז דזשאָו ווינשט איהר ניט דעם טויט. זי האָט אַלעמאָל געזעהן, ווי איהר זאָגען, אַז ער וויל זי זאָל שטאַרבען, ברייגנט איהם אַזש צו טרערען.

דאָס מאָל האָט זיך דזשאָו ניט אַ כאַפּ געטאָן מיט אַזאַ פּאַרדראָס אויף איהר זאָגען וועגען טויט. ער איז געבליבען זיצען קאַלט און האָט בלויז אָן דער זייט אַ קוק געטאָן אויף איהר, ווען זי האָט געטראָגען דאָס עסען צום טיש.

— איך ווייס, אַז דו ווינשט מיר דעם טויט, — האָט זי ווידער צוגעוואָרפען, זעהענדיג, אַז ער ריהרט זיך ניט פון אָרט מיט אַן ענטפער,

און דאַן איז ביי דזשאָו׳ען דורכגעפלויגען אַ וואונש, דער וואונש איז איהם אַזש אויף די ליפּען אַרויפגעקומען. ער האָט געטראַכט, „הלואי שטאַרבט זי״. דער הלואי שטאַרבט זי איז דורכגעגאַנגען דורך דעם שטילען בלאָק פון פּאַסעיק סטריט, דורך לינדענטאון.

ער האָט דערפיהלט שווער דעם קאָפּ פון אָנעסען זיך, פון אָנטריג־קען זיך, פון חיה׳ס יאַדענישען שטילינקערהייט, און ער איז איינגעשלאָפען ביים טיש.

ס׳איז געווען שטיל אין הויז; זי האָט צוגענומען פון טיש, געוואַ־שען די געשיר אין קיך, און אַז זי איז אַריינגעקומען אין דיינינג רום, האָט דזשאָו שווער געכראָפּעט ביים טיש.

זי איז צוגעקומען צו איהם און איהם גענומען רייסען ער זאָל געהן שלאָפען. זי האָט גענומען אויסטאָן פון איהם די זאַכען, אַרונטערציהען פון איהם די שיך, שלעפּען איהם אין שלאָף־צימער אַריין.

דזשאָו איז בלויז געווען פאַרשלאָפען אויסערליך. אינווייניג איז ער שוין געווען פונאַנדערגעטשוכעט. ער האָט אָבער אָנגעהאַלטען זיין פאַר־שלאָפענקייט, דערפיהלענדיג אַז חיה רייסט פון איהם די זאַכען, סטאַ־רענדיג זיך אַרויסצורופען פון איהם דאָס זעלבע וואָס מאַלי רופט פון איהם אַרויס.

דאַן האָט ער טאַקע צו איהר דערפיהלט אַ רחמנות. ס׳איז איהם געווען אַ שאַד וואָס ער האָט געטראַכט אַז הלואי שטאַרבט זי.

ער האָט זיך געהאַלטען ווי פאַרשלאָפען, און זי האָט פון איהם שטיקער געריסען. ער האָט אָבער געפיהלט אַז ס׳איז ניט מאַלי. חיה איז אינעווייניג אין זיך געווען אַ מאַלי, אָבער ס׳איז ניט געווען מאַלי.

אַלעס וואָס זי האָט אַרויסגערופען פון דזשאָו׳ען איז געווען אַ טובה. אַזוי ווי אַ טובה וואָלט ער איהר געטאָן.

אַזוי איז געגאַנגען דער לעבען צווישען דזשאָו׳ען און חיה׳ן.

אַ גאַנצען טאָג האָט זי אויף איהם געוואַרט, געוואַרט ניט בלויז ווי אויף דעם טאַטען פון איהר קינד, נאָר טאַקע געוואַרט מיט אונגע־דולד אויף איהם אַלס דעם מאַן, איהר מאַן. און וואָס נייגעריגער זי האָט געהאַט איהם אין זינען, אַלץ מיט אַ טראַגישערען רחמנות׳דיגען קרעכץ האָט זי איהם איבערגענומען ווען ער האָט נאָר וואָס אַריבערגע־טראָטען די שוועל.

דער קרעכץ איז געווען דער סיגנאַל צו דער נעגעניש, און די נעגעניש איז געווען די פאַררעדע צו די תאוה באַגערען וואָס זי האָט געהאַט אין איהר פאַרהונגערטער פרויען האַרץ.

דאָס קרעכצען אַלס סיגנאַל צוצורופען דעם מאַן צו זיך, האָט זיך אין חיה׳ס פרויען נשמה געצויגען אַזש פון אַמאָל, ווען זי האָט מיט דזשאָו׳ען נאָר וואָס חתונה געהאַט אין זאַטשינאַ.

דאַן פלעגט ער, אַ יונגער, געזונטער פּורמאַן אַריינקומען, און ווען זיין שוואַכע יונגע ווייבעל, אין שוואַנגערשאַפט מיט׳ן ערשטען קינד, פלעגט מאַכען אַ קרומע מינע און אַ קרעכץ טאָן, פלעגט דזשאָו צולויפען צו איהר און אַרומנעמען איהר, און זי פלעגט בלומרשט כעס׳דיג זאָגען:

— אַוועק, געה אַוועק פון מיר.

און ער פלעגט איהר ניט הערען. און דאָס איז געווען די כאַראַקטעריסטישע ראָמאַנטישע סצענע אין זאַטשינאַ.

אַט יענער קרעכץ איז פאַרבליבען, און דערצו נאָך די פילע ביטערניש און זויערקייט פון די יאָהרען איז אַריין אין דעם קרעכץ. די זאַטשינער ראָמאַנטישקייט איז אין דעם קרעכץ ניט פאַרבליבען. די ראָמאַנטישקייט איז דאָ אַוועק צו מאַלי דער געלער.

חיה האָט געהאַט איהר גאַנג אין לעבען, און זי האָט דעם דאָזיגען גאַנג געבראַכט קיין בושוויל און האָט איהם גענומען אויפלעבען נאָך אַזוי פיל יאָהרען פאַסירונגען.

וואָס ווייטער, ווייטער האָט זיך אין איהר ענטוויקעלט מיט מעהרער נערוועזיטעט די תאוה באַגערען פון דער פרוי. זי האָט אָבער געברויכט איהרע אַלטע מיטלען; זי איז בלויז געווען אַ ווייב. דאָס וואָלט נאָך גוט געווען, ווען זי וואָלט ניט געהאַט געגען זיך אַזאַ פלאַמיגע קאָנקורענטקע ווי מאַלי.

זי האָט ניט געקענט קאָנקורירען מיט דער געלער מאַלי. זי איז פאַר דזשאָו׳ען געווען ווי די היימישע שטעטעל, וועלכע אַ לאַנדסמאַן באַזוכט נאָכדעם ווי ער האָט אַ היבשע לאַנגע צייט געוואָהנט אין ניו יאָרק, אין פּאַריז, אין ווין.

די ערשטע צייט, ווען דזשאָו האָט אָנגעהויבען ווערען אידעלער און רוהיגער און זיך גענומען פוצען, האָט חיה׳ן זיך אויף אַ ווײלע אָפּגעדוכט אַז דאָס האָט ער זיך אונטערגעגעבען. אין דער שטילער געוועזענער פאַרדאַרטער חיה׳ן האָט גענומען אויפברענען די פרוי. די סצענעס פון דערנעהנטערען זיך צו דזשאָו׳ן, פון צושלעפּען איהם אַלץ נעהנטער צו זיך, האָבען זיך וואָס ווייטער ווידערהאָלט אָפטער און נערוועז-פלאַמענדער, אָבער זי האָט אין גיכען גענומען פיהלען אַז ער הערט ניט איהר רופען איהם, איהר צופען איהם.

חיה איז געווען אַ פרוי, און אַ פרוי מוז דערפיהלען ווען אַ מאַן טוט

אַז אַ נייעם שניפּסעל צוליב איהר, אָדער ניט צוליב איהר. וואָס מעהר זי איז געוואָרען פרוי, אַלץ מעהר האָט זי דערפיהלט, אַז דזשאָו איז צו איהר מיט'ן פלייצע, אַז זיין פוצען זיך איז ניט פאַר איהר.

דזשאָו האָט געגעסען ביי מאַלי'ן און געשטילט זיין תאוה ביי מאַלי'ן.

מאַלי און איהרע געקעכטסען האָבען איהם בעסער געשמעקט, און דערצו פלעגט ער צו מאַלי'ן קומען אַ דורשטיגער צום לעבען, אַ פאַר־הונגערטער, אַ פאַריאָדעטער.

ווען ער פלעגט קומען אַהיים צו חיה'ן, איז ער געווען זאַט.

ער האָט זיך פילע מאָל געסטאַרעט אין דער היים צו שפּילען די ראָלע פון דעם הונגעריגען. חיה'ס היימישע וועטשערע האָט אָבער ביי איהם קיין טעם ניט געהאַט: חיה, די היימישע חיה האָט פאַר איהם קיין ווערטה ניט געהאַט. ער האָט זיך אָבער געסטאַרעט צו מאַכען זיך אַז ער איז הונגעריג.

אַ וויבּ דערקענט ווען דער מאַן זעצט זיך צום טיש אַ זאַטער. זי דערקענט, אַז ער האָט שוין ערגעץ געגעסען.

יע, חיה האָט עס דייטליך דערפיהלט, אָבער זי האָט זיך געוואָלט איינשמועסען, אַז עס דוכט זיך איהר.

וואָלט זי געהאַט מיט וועמען צו ריידען דערפון, וואָלט זי נאָר פאַרטרויט זיך דאָן, ווען זי וואָלט זיכער געווען, אַז יענער וועט איהר פאַרזיכערען, אַז דאָס דוכט זיך איהר נאָר אַזוי.

און וואָס דייטליכער זי האָט דערפיהלט, אַז מעהר ווי אַ נדבה איז זי ניט אימשטאַנד אַרויסצורופען פון דזשאָו'ען, אַלץ ענערגישער האָט זי די נדבה געריסען פון איהם, געריסען, געמאָנט מיט דעם ליידענ־שאַפטליכען געפיהל, ווען זי זעהט ווי אַן אַנדער בעלן שטעהט מיט אָפענע אַרעמס.

18.
לינדענטאַון מישט זיך אַריין

עס איז געווען אַ זומערדיגער דינסטאָג פריהמאָרגען, ווען דזשאָו האָט געוואוסט, אַז היינט איז ניטאָ קיין סך צו טאָן. ער האָט אָנגעטאָן זיין נייעם שניפּסעל, אַרויסגעפאָהרען מיט'ן טראָק און אָפּגעטאָן די ביסעל אַרבעט וואָס ער האָט געהאַט; עס האָט איהם אינגאַנצען גענומען אַ דריי שטונדען צייט.

אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט, איז ער אַוועקגע־פאָהרען אין לינדענטאַון.

ער איז געפאָהרען דורך מעין סטריט, אָפּגעשטעלט זיך נעבען אַ באַרבער שאַפּ, אַרומגעראַזירט זיך און אַוועקגעפאָהרען אַרויס הינטער׳ן שטאָט, אין עק פּאַסעיק סטריט.

מאַלי האָט שוין אויף איהם געוואַרט מיט אַ דינער פון אַל־דאָס־גוטס.

אין אַזעלכע דינסטאָגס האָט זיך אין מאַלי׳ס הויז געפיהלט שבת׳־דיג. די אַלע ריחות פון שבת׳דיגע מאכלים האָבען געשמעקט איבער׳ן הויז; ליליַנקע איז געגאַנגען אָנגעטאָהן אין איהר יום־טוב׳דיגער קליידעל. מאַלי׳ס גלאַנציגע באַקען האָבען מעהר געגלאַנצט ווי אַלע טאָג, און איהרע לאַנגליכע אויגען האָבען ניט אויפגעהערט צו שמייכלען מיט פריידן, מיט אַ פריידן וואָס האָט געשטראַמט אינווייניג פון איהר האַר־צען אַרויס דורך די עכט־ווייבליכע אויגען, וואָס נאַר אַזאַ מאַלי פאַרמאָגט.

אין אַזעלכע דינסטאָגס האָט זיך געפיהלט דער יום טוב גלייך פון אינדערפריה. אין אַזעלכע דינסטאָגס איז מאַלי אויפגעשטאַנען מיט אַ געלעכטערעל צו זיך אַליין. יעדער שאַרך אין דרויסען, יעדער קלאַפּ מיט׳ן טהיר אונטען,ביים אַרויסגאַנג פון הויז, האָט איהר געקיצעלט צום לאַכען.

אין דעם דאָזיגען דינסטאָג האָט מאַלי׳ס פריידן שטאַרקער גע־שטראָמט ווי אַלע מאָל, ווייל דזשאָו׳ס אַ גלאָוו איז געוועזען אין הויז.

דעם לעצטען מאָל האָט דזשאָו פאַרגעסען זייבע אַן אַלטע ברודיגע לייוועגטענע גלאָוו, וועלכע ער טראָגט ביים טרייבען דעם טראַק. דורך דער צייט האָט מאַלי אויסגעוואַשען די ברודיגע, אַלטע, צוריסענע גלאָוו. און דעם דינסטאָג, וואָס מאַלי האָט זיך געריכט אויף דזשאָו׳ן, האָט זי די גלאָוו אויפגעהאָנגען אויף אַ ווענטעל פון אַ שטול, און געקוקט אויף דעם. יעדע מינוט האָט זי געקוקט אויף דער גלאָוו.

איהר איז גוט באַקאַנט געוועזען די דאָזיגע עקספּרעסמאַן־גלאָווס. ווען זי איז געוועזען מיט דזשאָו׳ען אין בושוויל, אין יענער גוטער צייט, האָט זי גאַרניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ חן עס ליגט אין דער דאָזיגער סאָרט גלאָוו. דעם דינסטאָג, ווען זי האָט געוואַרט אויף דזשאָו׳ען, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרפלאָמטע אַרום דעם אויווען, און די צורי־סענע אויסגעוואַשענע גלאָוו איז געהאָנגען אויפ׳ן ווענטעל פון שטול, האָט זי געפיהלט, אַז דאָס פאַרשיינט איהר די הויז. ס׳איז פאַר איהר געווען אַ בריליאַנטענער רינגעלע, וואָס אַ פרינץ האָט איהר איבער־געלאָזען אין הויז.

דזשאָו, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט געלאָזען זיין טראַק אַ בלאָק ווייט פון הויז, אין אַ זייטיגער געסעל. כאָטש עס איז אונמעגליך

צו הערען דאָס פאַהרען פון דעם טראַק אַזוי ווייט, האָט דאָך מאַלי גע־פיהלט, ביין, ניט געפיהלט, נאָר טאַקע געהערט, ווי דזשאָו איז דאָרטען צוגעפאָהרען און אָפּגעשטעלט דעם טראַק. זי האָט עס געוואוסט לויט דער צייט, וואָס ער האָט געדאַרפט קומען, און זי האָט איהם דערפיהלט. זי האָט געפיהלט ווי ער איז אַרונטער פון טראַק, און זי האָט געהערט זיינע טריט, זיין יעדען טראָט, ווי ער איז געגאַנגען פון דעם טראַק צו איהר הויז. זי האָט קיין טעות ניט געהאַט. זי האָט אין איהר געדאַנק געצעהלט ווי ער געהט די טריט. זי האָט איהם אַלץ נעהנטער, נעהנטער דערפיהלט; און אָט, יע, ער האָט געעפענט אונטען די טיהר פון הויז. זי האָט געעפענט אויבען די טיהר פון קיך, וואָס געהט אַרויס צום קאָ־רידאָר; ס'איז טאַקע געווען דזשאָו.

ער איז אַריין, ווי אַלע מאָל, אַביסעל פאַרכמורעט. ער האָט נאָך געבראַכט אויף זיך די בושווילער כמאַרע, וועלכע לייטערט זיך אויס דאָ ביי מאַלי'ן.

מאַלי האָט געקוקט צום שטול, וואו די גלאָוו מיט אַ צולעכערטען פינגער, איז געהאַנגען. זי האָט געוואָלט, אַז דזשאָו זאָל באַמערקען די גלאָוו, דערמאָנען זיך, אַז ער האָט דאָ די גלאָוו געלאָזען, און זאָל זעהן ווי זי האָט עס אויסגעוואַשען.

דזשאָו האָט גאָרניט געזעהן, אויף קיין זאַך זיך ניט אומגעקוקט.

אין האַרצען האָט זיך שוין ביי איהם גענומען אויסלייטערען. ער האָט זיך צוגעהערט צו די ריחות פון געפּרעגעלטע זאַכען צו דעם ריח פון געבעקס, און ער האָט געפיהלט, אַז די געשמאַקע ריחות קומען פון מאַלי'ן. אויפ'ן טראַק נאָך האָט ער שוין גענומען אַ שנאַפּס, און אַלע ריחות האָבען זיך אויסגעמישט צוזאַמען מיט מאַלי'ן. זי האָט איהם אויס־געזעהן, ווי אַן אָפּגעשייערטער גלאַנציגער אויוועז פון וועלכען עס הערט זיך דער געשמאַקער ריח פון געפּרעגעלטס, פון געבעקס און פון מאַלי'ן. ס'איז פאַר איהם געווען איין ריח פון אַלעס און פון אַלעמען צוזאַמען, וואָס האָט זיך אויסגעמישט אין אַ זיסליכען טשאַד.

ער האָט אויסגעטאָהן זיין רעקעל, אַרונטערגעוואָרפען די שלייקעס, גענומען צושטעלען די שטולען, דערפיהלט זיך מעשה באַלעבאָס.

די צופלאַמטע מאַלי, אין איהר זומערדיגער, דורכזיכטיגער ווייס־טעל, איז צוגעגאַנגען צו איהם און גענומען אָפּשלייפען איהם דעם שניפּסעל.

שטענדיג פלעגט דזשאָו האָבען צו טאָן מיט דעם שניפּסעל, וועל־כען ער פלעגט צו שטייף פאַרבונדען. ס'איז שוין געווען מאַלי'ס חזקה

אַפּצובינדען איהם דעם שניפּסעל. מיט איהר פלאַמענדען פּנים האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען, גלייך איהם אין פּנים אַריין. איהרע רונדע קלאָהר־לייביגע אָרעמס האָט זי אויפגעהויבען צו איהם, און גע־נומען עסק'ען זיך ביי זיין האַלז. פון דזשאָ'ען האָט די תאוה געשלאָגען, און ער האָט מיט זיינע דזשאָ'ישע לאַפּעס אַנגענומען פון איהרע אָרעמס הויפענס לייב. מאַלי, די פלאַמיגע מאַלי, האָט זיך גע'עסק'ט מיט'ן שניפּ־סעל אַפּבינדען, געהאַלטען זיך פּאַרטאָן אין דעם שניפּסעל ווי קיין אַנ־דער זאַך אָרט איהר ניט.

דזשאָ איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קויהלען, און פון זיינע נאָז־לעכער האָט זיך געטראָגען די תאוה, ווי עס טראָגט זיך דער הונגערי־גער צאָרען ביי אַ טיגער ווען ער דערשפּירט זיין רויב.

פּלוצלונג האָבען זיך דערהערט שנעלע, שווערע טריט אונטען אין קאָרידאָר.

עס זיינען אַריינגעקומען פינף געזונטע שקצים, אַ נעם געטאָן דזשאָ'ן און אַרונטערגעפיהרט איהם אין דרויסען.

מאַלי האָט גענומען שרייען, ליאַרמען, האָט מען פאַרמאַכט די טיר און אַנגעזאָגט איהר, אַז זי זאָל זיצען שטיל.

זי איז געבליבען זיצען אין הויז אַ צושראָקענע, און ס'איז איהר ניט איינגעפאַלען אַרויסצוקוקען דורכ'ן פענסטער אין דרויסען.

אין דרויסען זיינען געווען אַ פופציג קריסטליכע באַלעבאַטים פון לינדענטאַון.

דזשאָ'ען האָט מען אַוועקגעפיהרט צו זיין טראָק און געהייסען איהם צופיהרען דעם טראָק צום הויז.

ער האָט אַלעס געטאָן, וואָס מען האָט איהם געהייסען, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. אַז ער איז צוגעפאָהרען מיט'ן טראָק צום הויז, איז שוין דער עולם געווען ביים הויז אַ סך אַ גרעסע־רער. קיין אידען זיינען דאָרט ניט געווען; אין לינדענטאַון וואוינען ניט קיין אידען.

דזשאָ'ען האָט מען געהייסען זיצען אויפ'ן טראָק; ער האָט גע־פאָלגט אַלס געפאַנגענער. ער איז געבליבען זיצען איינגעקנייטשט, מיט פאַרגאָסענע צושראָקענע אויגען, און ער האָט דערזעהן אַז איבער'ן גאָס אין דער זייט איז געשטאַנען היימי פינקוס-אין זיין סאָלדאַטסקען יוני־פאָרם, מיט זיין רעוואָלווער ביי דער זייט אין לעדערנעם שייד, און האָט געשמועסט מיט צוויי הויך־געוואַקסענע קאָנסטעיבעלס. דזשאָ האָט גע־

קענט די קאַנסטעיבעלס: ער האָט זיי אָפּט געזעהן דורכפאָהרען אויף די וועגען אויף זייערע מאָטאָר־סאיקעלס.

פינקוס איז צוגעגאַנגען צו דזשאָ'ן, אַנגעקוקט איהם. דזשאָ האָט אָפּגעקעהרט די אויגען.

פינקוס האָט איהם ווידער אַמאָל אריינגעקוקט אין פּנים אריין, און איז אוועק צו זיינע חברים, די הויכע קאָנסטעיבעלס.

היימי פינקוס האָט דאָס אַלעס אָנגעסטראָיעט. פינקוס איז געגאַנ־גען מיט דער לאָו; ער איז געגאַנגען צום שעריף דזשאָהנסאָן; אָבער דזשאָהנסאָן האָט בעסער געמאַכט, אַז דאָס פאָלק זאָל עס טאָן.

און דאָס פרומע קריסטליכע פאָלק פון לינדענטאון האָט זיך ניט געלאָזען בעטען צו טאָן דעם דזשאָב. לינדענטאון האָט ניט געקענט פאַר־טראָגען, אַז אין די פעלדער פון איהר שטאָט זאָל פאַרקומען אַזעלכע זינד. גאָר קיין גרויסע רוצחים זיינען די לינדענטאונער אַמעריקאַנער קריסטען ניט געווען, און זיי האָבען מיטגענומען מזוזות פאַר זייערע געוויסענס. עטליכע בעלי בתים האָבען אָנגעטאָן אויף זיך די מעדאַלען וואָס זיי האָבען געקראָגען אין דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה און אין דער לעצטער מלחמה אַלס בראַווע פּאַטריאָטען. זיי האָבען אויך מיטגענומען מיט זיך דעם אַלטען באָב מעקליר, דער איינציגער איבער־געבליבענער פון דעם אַמאָליגען בירגער־קריג, אַן אַכציג־יעהריגער דאָ־רער מענשעלע.

באָב מעקליר איז דער שיינדעל צו אַלע פּאַראַדען אין לינדענטאָון; די לעצטע פאַר יאָהר קען ער שוין ניט געהן, מען פיהרט איהם צו פּאַטריאָטישע הייליגע פּאַראַדען. און די חברה האָט איהם געהאַלטען אין אָטאָמאָביל אַלס מזוזה.

זייערע מעדאַלען און דער אַלטער באָב האָט זיי געשטאַרקט אין דורכפיהרען דעם דזשאָב.

די לינדענטאונער בעלי הבתים האָבען גענומען טראָגען די שטולען, די טישען, די קישענס, די טעפּ, — אַלעס, אַלעס האָט מען געטראָגען פון מאַלי'ס רומס, און מען האָט געלייגט און געשטעלט אין דזשאָ'ס טראָק אריין.

אַז מאַלי'ס גאַנצע הויז חפצים איז שוין געווען אויפ'ן טראָק, האָט מען אַרונטערגעפיהרט מאַלי'ן מיט'ן קינד.

מאַלי איז געגאַנגען אַ וויינענדע, געקוויטשעט אונפאַרשטענדליכע ווערטער אין ענגליש, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געקענט אַרויסריידען, און מען האָט איהר מיט'ן קינד אַרויפגעטריבען אויפ'ן טראָק.

היימי פינקוס איז צוגעלאָפּן: די קאָנסטעבלעס האָבן איהם צו־געשיקט, ווען זיי האָבן געהערט אַז זי טענה'ט.

אַז מאַלי האָט דערזעהן פּינקוס'ען, האָט זי זיך ניט דערשראָקען ווי דזשאָו, נאָר זי האָט געעפענט אויף איהם אַ מויל אין אידיש:

— אַ, ס'איז דיין אַרבייט, היימי? אַ מכה אויף דיר!

היימי האָט געמוזט האַלטען זיין ווירדע פאַר די גוים, און ער האָט איהר געענטפערט אין ענגליש:

— יו קיפּ קוואַיעט!

— מיין אינגעל, מיין הערי וועט ניט וויסען וואו מיר זיינען, — האָט זי געקוויטשעט, און גרויסע טרערען זיינען איהר געפאַלען איבער'ן פּנים.

— נעוועמיינד! — האָט פּינקוס אַ געשריי געטאָן; — זאָג מיר וואו ער איז, און איך וועל איהם הייסען וואַרטען דאָרטען ביז דו וועסט קומען נאָך איהם.

— אין מעקוואַיער בילדינג, אויף מעין סטריט, — האָט מאַלי גע־זאָגט, און שטילערהייד צוגעגעבען: — אַ קלאָג זאָל דיר כאַפּען, פּינקוסקע.

פּינקוס, די צוויי קאָנסטעבלעס און דער עולם האָבן מיט אַ רוהיגען, ביזנעסמעסיגען אופן צוגעקוקט זיך ווי מען האָט געהייסען דזשאָו'ן פאָהרען, און פיינף אויטאָמאָבילס, געפּאַקט מיט לינדענטאַונער בעלי בתים, זיינען נאָכגעפאָהרען און געטריבען דזשאָו'ן מיט מאַלי'ן מיט די בעבעכעס אַרויס פון לינדענטאַון.

מען האָט זיי געטריבען ביז אַריבער אַ בריק, וואו עס פאַנגט זיך אָן אַן אַנדער קאונטי; פאַרזאָגט דזשאָו'ען אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען קומען אָדער ברייגנען מאַלי'ן צוריק אין לינדענטאַון, און די געמיינדע האָט זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אריין.

אַט אַזוי איז לינדענטאַון געוואָרען אַ שותּף'טע צו בושוויל אין מאַלי'ס צרות.

אַט אַזוי טוט מען אין לינדענטאַון. אין לינדענטאַון טוען עס ניט די ווייבער, ווי דאָס איז אין גרינפוינט אָדער אין בושוויל; אין לינדענ־טאַון טוען עס די מענער. און לינדענטאַון רעדט ניט, שרייט ניט, קאָכט זיך ניט און מאַכט ניט קיין שלום'ס אָדער סעטעלמענטס. לינדענטאַון גיט זיך שטיל אַ שושקע, טוט אָפּ איהר אַרבייט מיט פּאַראַד, מיט מלחמה־מעדאַלען, און זי פיהלט זיך נאָכדעם שטאָלץ און באַרוהיגט.

אַזוי איז לינדענטאַון; אַזוי מאַכט לינדענטאַון אַ דזשאָב אויף זיי־דיגע פאַרליבטע.

.19
די ריינע ליעבע

דזשאָו האָט געטריבען דעם טראַק; מאַלי איז געזעסען נעבען איהם מיט'ן קינד. זיי זיינען אַזוי אָפּגעפאָהרען איבער'ן געפּלאַסטערטען אָטאָ־מאָביל וועג אַ פופצעהן מינוטען און האָבען ניט גערעדט.

— דזשאָו... — האָט פּלוצלונג מאַלי אַרויסגערעדט אַזוי פאַר־קלעמט, דאָס ער האָט איהר קיינמאָל ניט געהערט אַזוי רעדען געבראָ־כען און קיינמאָל איהר ניט געזעהן מיט אַזאַ רחמנות־פּנים.

מעהר ווי דעם וואָרט דזשאָו האָט זי ניט אַרויסגערעדט, און עס איז שוין פאַרשטאַנען געוואָרען די פראַגע „וואוהין פאָהרען מיר?"

דזשאָו, אַנשטאָט ענטפערען, האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַק אַן דער זייט פון דעם וועג.

ער איז געבליבען זיצען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט נאָך פיהלען אויף זיך די משא פון די גויים פון לינדענטאון איבער איהם.

מאַלי האָט געקוקט אויף איהם און ער האָט געקוקט אין דער ווייט־קייט אויפ'ן גלייכען וועג אין פאָרויס, וועלכער האָט זיך פאַרלוירען ווייט, ווייט אין אַ שמאָלען פּאַס.

ס'איז געווען אַן עכט־זוניגער זומערדיגער טאָג. דער פּלאַץ, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ פלאַכער, און וואו ניט וואו איז געשטאַנען אַ בוים. פלאַכע העי־פעלדער האָבען זיך געשפּרייט און הייזער פון שטעטלאך און דערפער האָבען זיך געזעהן אין אַלע זייטען. פאַרביי דעם וועג האָט זיך געשלענגעלט אַ שטראָמיגער שמאָלער טייכעל. דאָס איז געווען דער זעלבער וואַסער, איבער וועלכען זיי זיינען אַרויס־באַגלייט געוואָרען פון די גויים איבער דעם בריקעל. דאָס טייכעל האָט געשטראָמט ביים וועג די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געפאָהרען.

דער הימעל איז געווען אין מוטנעם בלוי, ווי געוועהנליך אין די זומערדיגע טעג אַרום ניו יאָרק. פון די פעלדער האָט זיך געטראָגען דער ריח פון פריש געשניטענע העי; דער וואַסערעל האָט שטיל גערוישט און פון ערגעץ האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון אַ מאַשין, וואָס שניידט העי.

דזשאָו האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַלי'ן מיט אַ טעמפּען בליק. זייערעביידענס אויגען האָבען זיך באַגעגענט און זי האָט געזאָגט:

— דזשאָו, וואוהין פאָהרען מיר?

דאָס איז דעם ערשטען מאָל, וואָס מאַלי האָט דערפיהלט אַן אמת'ע

דערשלאָגענקייט אין האַרצען. דזשאָו איז לעבען איהר געווען; איהר גאַנצע הויז באַלעבאַטישקייט איז געווען אויף דזשאָו׳ס טראַק. זי און דזשאָו און דאָס קינד, אַלע זיינען דאָ צוזאַמען, און אַ דריקעניש האָט זיך אויף מאַלי׳ן אַרויפגעטאָן, אַ דריקעניש וואָס זי האָט ביז איצט נאָך ניט געפיהלט.

דזשאָו, וועלכער האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגען אויפ׳ן שליאַך, און האָט מיט פאַרצאַרענטע בליקען געכאַפּט אַ קוק אויף מאַלי׳ן, האָט איצט דוקא דערפיהלט אַזאַ צוטרויען, אַזאַ מיטגעפיהל, וואָס ער האָט נאָך צו איהר ניט געהאַט. ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון מאַלי׳ן, ווען ער האָט זיך מיט איהר באַקענט אין איסט ניו יאָרק; ער איז פון איהר באַגייסטערט געוואָרען, ווען זיי האָבען געוואָהנט אין גרינפּוינט. זי האָט איהם פאַר׳שיכור׳ט אין בושוויל און אין לינדענטאָון; אָבער פון דעם צאַרטען געפיהל, וואָס ער האָט צו איהר איצט געהאַט, האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט. זוי אַ שוועסטער, ווי זיינע אַ לייבליכע שוועסטער האָט ער איהר דערפיהלט אָט אין דער טראַגי־קאָמישער לאַגע, וואָס זיי האָבען זיךביידע פּלוצלונג געפונען אויף אַ פעלד מיט די בעביכעס אויפ׳ן טראַק.

ער האָט געפיהלט, אַז ווען מען קומט איצט צו צו איהם, און מען שלאָגט איהם מיט שטעקענס, מען רייסט פון איהם זיין פלייש מיט איי־זערנע צוואַנגען, וואָלט ער פון מאַלי׳ן ניט אַוועק. אַ מאָדנע צוציהונג האָט ער צו איהר געפיהלט. ס׳איז געווען ניט יענע צוציהונג צו מאַלי׳ן, צו דער געלער מאַלי׳ן, וואָס לאָזט זיך רייסען פאַר די פריזירטע האָר; ס׳איז געווען אַן אַנדער צוציהונג, אַזאַ צוציהונג, וואָס דזשאָו וואָלט אַליין בשום אופן ניט געקענט ערקלערען.

— דזשאָו, — האָט ווידער מאַלי אויסגערעדט געפאַלען — וואָס וועט זיין?

מיט גרויס רציחה, מיט שוים אויף די ליפּען, האָט דזשאָו אַרויס־געשריען:

— איך האָב זיי אַלעמען אין דער ערד!

די „זיי" האָט ער שוין געמיינט לינדענטאָון מיט בושוויל צוזאַמען.

ער האָט דעם „זיי" אַרויסגעשריען מיט אַזאַ צאַרנדיגען וועהטאָג, אַז מאַלי׳ן איז אויפ׳ן האַרצען אַביסעל ליכטיגער געוואָרען. עס האָט זיך באַוויזען דער גאַנצער גלימער אין איהרע לאַנגליכע, פאַרנעצטע אויגען, פון וועלכע עס האָט זיך נאַר־וואָס אַ שווערע כמאַרע אַוועקגעטראָגען. אויף מאַלי׳ס פּנים האָט נאָך אָבער אַלץ אַן אומעט גערוהט, און דאָס ביסעל אומעט האָט דזשאָו׳ען נאָך מעהר געפאַנגען ווי אימער, און ער

האָט איהר אָרומגענומען מיט אַזאַ אײדעלקייט, צו װעלכער מאַלי איז ניט געװאױנט געװען.

מיט איהר װײסען פאַרטוכעל, װאָס זי האָט נאָך אין דער פריה אָנ־געטאָן צוליב דזשאָו׳ס קומען, האָט זי געװישט פון איהרע גלאַנציגע באַקען די גרויסע טראָפּענס הײסע טרערען, װאָס האָבען געקאַפּעט פון איהרע אויגען.

די טרערען האָבען באַלאַנגט אי צו דער טרויעריגער לאַגע, אין װעלכער זי האָט זיך געפונען, אי צו דער געריהרטקייט פון אינערליכער פרייד, װאָס דזשאָו׳ס אײדעלער האַלטען זיך האָט פון איהר אַרויסגערופען.

— פיר מיך צו מײן שװעסטער אין בראַנזװיל — האָט זי געזאָגט, אַרויסװישענדיג אַ טרער פון אַן אויג.

דזשאָו׳ס האַרץ איז געװען פול מיט אַ שטורעם פון איבערגעװעל־טיגטע געפיהלען, און ער האָט ניט געװאוסט װאָס צו זאָגען, האָט ער עס אויסגעדריקט מיט כעס, מיט כעס׳דיגען שרײען:

— אַ מכה זיי! אַז ניט דערהאַרען װעלען זיי, אַז איך זאָל דיך אװעק־פיהרען צו דײן שװעסטער אין בראַנזװיל.

— װאָס־זשע װעט זײן, דזשאָו? — האָט זי געזאָגט, אַרויפלעגענ־דיג אַ האַנט אויף זײן האַנט — אין אַ גוי׳שער שטעטעל װיל איך שוין מעהר ניט זײן.

— איך װײס שוין װאָס! — האָט דזשאָו פלוצלונג אויסגעשריען, געגעבען די גאַז דעם מאָטאָר, גענומען מיט כעס דרעהען די רעדעל פון טראָק, און האָט זיך אַװעקגעלאָזען מיט האַסט איבער׳ן װעג.

— װאוהין פאָהרסטו, דזשאָו?

— איך װײס שוין װאָס, איך װײס שוין װאוהין — האָט דזשאָו גערעדט צו זיך אַלײן.

— װאוהין?

— איך װײס שוין װאָס, אין דזשיימסװיל, אין דזשיימסװיל; לײ־דיגע הײזער דאָ. איך װײס שוין װאָס.

אַזוי איז דזשאָו געפאָהרען מיט זײן טראָק, געקוקט ביסטרע מיט זײנע אויגען גלײך איבער׳ן װעג פאָראויס, און אַלץ געמורמעלט צו זיך אַלײן:

— איך װײס שוין װאָס, אין דזשיימסװיל, אין דזשיימסװיל, פאַראַן דאָרטען אַ סך הײזער.

פינף און דרײסיג מײל פון לינדענטאַון געפינט זיך דזשיימסװיל, אַ שטעטעל, װאָס איז אַ װינטער־פּלאַץ פאַר ניו יאָרקער אָפּצורוהען זיך.

די מעהרסטע איינוואוינער אין דער שטעטעל גופא זיינען אידען, וואָס האַלטען באָרדינג־הייזער פאַר די ווינטערדיגע ניו יאָרקער געסט. זומער איז דזשיימסוויל אַ פוסטע שטעטעל, און עס זיינען דאָ אַ סך ליידיגע הייזער. אין דזשיימסוויל האָט דזשאָו אַ גוטען באַקאַנטען, אַ גאַראַדזש־מאַן. אין דעם גאַראַדזש קריגט דזשאָו אַ גוטע ביסעל שנאַפּס. אָבער צייט סעם ראַבינאָוויטש האָט איהם אין בושוויל אַזוי שלעכט באַהאַנדעלט, ווען חיה איז אַנגעקומען, האָט ער מיט סעם׳ס גאַראַדזש אין בושוויל גאַרנישט געהאַט צו טאָן. ווען דזשאָו פלעגט זיין נאָהענט צו דזשיימסוויל, און זיין פלעגט ער אין דעם געגענט פון דזשיימסוויל כמעט אַלע טאָג, צוליב די שנאַפּס וואָס מען קריגט דאָרט, פלעגט ער שוין דאָרטען נעמען געזאָלין, און דאָרטען פלעגט ער פאַרריכטען דעם טראָק, פיקסען די טאַיערס.

אין דזשיימסוויל איז דזשאָו אַריינגעפאָהרען מיט זיין טראָק, מיט מאַלי׳ן, מיט׳ן קינד, מיט די זאַכען.

ער איז צוגעפאָהרען צום גאַראַדזש, גענומען געזאָלין, אַנגעגאָסען וואַסער אין טענק פון מאָטאָר, און זיך פונאַנדערגערעדט וועגען אַ הויז צו דינגען.

יע, ס׳איז געווען אַ פּאַסענדע קליינע הויז צו דינגען. דוקא אַ גוי׳־אישע הויז, וואָס אַ אידישער האָטעל קיפּער דינגט דאָרטען רומס אין ווינטער סיזאָן, ווען ער האָט צופיל געסט.

אין דער הויז האָט דזשאָו אַרונטערגענומען מאַלי׳ן מיט׳ן קינד, די מעבעל, די טעפּ, די בעטגעוואַנד.

באַגייסטערט פון צו זיין ווידער צווישען פיר ווענט, איז מאַלי צוגע־קומען צו דזשאָו׳ען, אַ פּאַטש געטאָן איהם איבער׳ן ברוסט און ריהרענד געזאָגט:

— דזשאָו, דו ביזט אַ מאַן!

אין דזשאָו׳ען האָט זיך אין דעם מאָמענט ערוועקט אַ פעסטקייט, אַ זעלבסט־צופרידענקייט, און גאָר ווי אַמאָל צו זיינע חברים עקספּרעס־לייט, האָט ער אַ זאָג געטאָהן:

— פאַרלאָז זיך אויף דזשאָו׳ען!

אַז ער האָט איהר באַזאָרגט מיט אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ, איז ער אַרויס צום טראָק.

מאַלי האָט געפיהלט ווי נאָכצולויפען איהם, ניט אָוועקלאָזען איהם פון זיך, אָבער אין הארצען איז ביי איהר געווען אַ רוהיגקייט. „ער וועט קומען, ער וועט קומען", האָט איהר הארץ געמורמעלט.

עס איז שוין געווען נאָך דריי דעם זייגער ביטאָג, און דזשאָו האָט זיך געאײַלט וועגען עפּעס פון זײַן אַרבייט: ער האָט געדאַרפט זיין אין אַ פּלאַץ אויף יענער זייט בושוויל, אויפ׳ן וועג צו ניו יאָרק.

ער האָט שוין געלאָזען געהן דעם מאָטאָר, און מאַלי איז אַרויסגע־לאָפען פון הויז מיט קולות:

— דזשאָו, דזשאָו!

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איהר הערי, איהר זוהן, איז אין לינדען־טאון, און ער ווייסט דאָך ניט וואוהין צו קומען.

— איך וועל איהם ברענגען פאַרנאַכט — האָט דזשאָו צוגעזאָגט.

מאַלי האָט זיך פאַרנומען צו ברענגען אַן אָרדנונג אין הויז. צו־שטעלען אַלעס אין די צימערען, און איהר האַרץ האָט אי געדריקט מיט אַ קלעמעניש, אי עס האָט זיך איהר געזונגען; אי עס האָבען די אויגען געטרערט, אי עס האָט אַ זיסע פרייד זיך פאַרקליבען אין איהר נשמה.

פאַרנאַכט איז דזשאָו, אויסמיידענדיג פּאַסעיק סטריט, אַריינגע־פאָהרען אין מעין סטריט פון לינדענטאון, אַריין אין מעקווייער בילדונג, און גענומען הערי׳ן אַהיים קיין דזשיימסוויל.

הערי, וועלכער האָט פון דזשאָו׳ען אַלע מאָל געוויכט, מורא געהאָט פאַר איהם, און טאַקע פיינט געהאַט איהם, האָט גענומען אַריינקריכען אין טראָק פון דעם הינטערשטען זייט, צו זיצען אין מיטען טראָק, וואו מען פיהרט די סחורה.

— קום אַהער, הערי — האָט צו איהם דזשאָו געזאָגט מיט ווייכקייט

— קום אַהער, זעץ זיך דאָ אויפ׳ן סיט, דאָ מיט מיר; ס׳איז דאָ פּלאַץ.

הערי האָט אַפילו ניט געהאַט קיין חשק צו זיצען לעבען דזשאָו׳ען, אָבער ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט.

דזשאָו האָט געפיהרט הערי׳ן איבער דעם וועג צו דזשיימסוויל. דאָרטען, צום זייט וואו דזשיימסוויל געפינט זיך, האָט זיך די זון געטונקט אין רויט. פון די העי פעלדער האָבען די גרילען געזומזשעט און גע־זוכט אַריבערצושרייען דעם רויש פון שטראָמיגען טייכעל, וואָס האָט זיך געשלענגעלט ביים וועג. אַ זומערדיגער ווינטעלע האָט געבלאָזען אין פּנים, און דזשאָו האָט יעדער ווילע געכאַפּט אַ קוק אויף הערי׳ן.

„אַ רחמנות אויפ׳ן אינגעל״, האָט זיך דזשאָו׳ן געפּלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אַמאָל הערי׳ן פיינט געהאָט, ווי ער האָט איהם געשלאָגען, געריסען שטיקער פלייש. עס האָט איהם באַנג געטאָן.

ער האָט געוואָלט זאָגען הערי'ן, אַז ער האָט צו איהם גאָרניט. ער האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן פּלייצע און געזאָגט:

— ביזט אַלראַיט, הערי.

הערי האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן; ער האָט זיך דערשראָקען. דזשאָו האָט באַמערקט, ווי דער בחור'ל האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן פון שרעק, און ער האָט ווידערהאָלט:

— ס'איז אַלראַיט, הערי ביזט אַלראַיט; איך האָב זיי אַלעמען אין דער ערד.

ווען דזשאָו האָט אַריינגעבראַכט הערי'ן אין הויז, איז שוין געווען האַלב צוגעקליבען; עס האָט זיך געפיהלט, אַז מאַלי האָט צוגעלעגט איהרע הענד. עס האָט אפילו ניט געפעהלט קיין ווייסע טישטוך אויפ'ן טיש. עס איז אָנגעגרייט געווען די גוטע מאכלים פון אין דער פריה.

דזשאָו האָט זיך געאיילט. ער האָט נאָך געדאַרפט זיין אין גאַ־ראַדזש, ווייל דער מאָטאָר האָט איהם עפּעס געקלאַפּט אויפ'ן וועג אַהער, און אויך בּושוויל איז איהם געלעגען אויפ'ן קאַרק. ער האָט אָבער אַ סך געגעסען און געטרונקען. מאַלי האָט איהם ניט געלאָזען טרינקען צופיל, ווייל ער האָט גלייך געדאַרפט פאָהרען, טרייבען דעם טראָק.

דזשאָו האָט זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגעהן, און מאַלי, גאָרניט שעהמענדיג זיך פאַר הערי'ן, האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דזשאָו'ען, אַנגענומען איהם פעסט, און אין איהרע אויגען האָט געזאָגט די תאוה, די אַלטע בעקאַנטע תאוה פון דער געלער מאַלי'ן.

— דזשאָו — האָט זי געזאָגט מיט איהר אַלטען נגון'דעל, דריקענ־דיג דעם ערשטען האַלבען נאָמען — דזשוזש, דו'סט קומען?

דזשאָו איז נאָך אַלץ געווען באַהערשט פון דעם געפיהל פון טוגענד. ער האָט איהר מיט זיינע אויגען ניט געענטפערט אויף איהר תאוה, נאָר ווי אַ גוטער און געטרייער האָט ער אויף איהר געקוקט, ווי אַ געליי־טערטער האָט ער איהר ריהרענד אַ גלעט געטאָן איבער'ן פּלייצע.

זיינע אויגען האָט ער גלייך געווענדעט צו לילינקען. ווען דזשאָו האָט דערפיהלט זיין געוויסען אין האַרצען, האָט ער זיינע אויגען געווענ־דעט צום קינד.

ער האָט אויפגעהויבען לילינקען צו זיך, און אַ קוש געטאָן איהר.

ער האָט באַמערקט הערי'ן אין אַ ווינקעל, אַ טרויעריגען; ער האָט אַרויסגענומען אַ דאָלער פון פּאַקעט און דערלאַנגט הערי'ן:

— נאַ, הערי, נעהם; ביזט אַלראַיט, הערי.

עס האָט שוין געטונקעלט אין דרויסען, ווען דזשאָו האָט אַוועק־געדרודערט אַרויס פון דזשיימסוויל.

מאַלי איז געשטאַנען ביים טיר אין דרויסען, האָט געקוקט צום טראַק וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזען, באַגלייטענדיג זיך אַליין מיט בלויען געזאָלין רויך.

מאַלי איז געשטאַנען און צוגעהערט זיך צום רודערען פון דעם שווערען טראַק־מאָטאָר. דאָס רודערען פון דעם טראַק, וואָס איז פאַר איהר געווען די שענסטע מוזיק, איז געוואָרען שטילער, שוואַכער.

זי האָט געמורמעלט שטיל:

— ער וועט קומען, דזשאָו, ער וועט קומען.

און אין האַרצען האָט ווי אימיצער איהר פאַרזיכערט, „ער וועט זיך גט'ן, ער וועט זיך גט'ן".

20.

בושוויל איז ענטוישט

פאַרנאַכט איז היימי פּינקוס אַריינגעפאָהרען אין בושוויל אויף זיין מאָטאָר־סאַיקעל, האָט זיך אַריינגעלאָזען אין שטעטעל מיט אַ טאַראַראַם און געפּילדער און אָפּגעשטעלט זיך לעבען ראָבינסאָנ'ס דראַי־גודס סטאָרקע.

אַז היימי פּאָרט אריין אין שטעטעל מיט האַסט, און שטעלט זיך גלייך אָפּ לעבען ראָבינסאָן'ס סטאָרקע, ווייסט מען שוין, אַז ער האָט עפּעס נייעס.

עס האָט זיך אַרום איהם גלייך צוזאַמענגעקליבען אַ רעדעל מענשען, און היימי האָט פונאַנדערגעוויקעלט אַ צייטונג „דהי לינדענטאַון טעלע־גראַף", און דאָס אַלעמען ווי דערלאַנגט אין פּנים אַריין.

— וואָס גיסטו אונז דעם פּייפּער? — האָט סעם ראָבינאָוויטש גע־טענה'ט — דערצעהל, וואָס האָט פּאַסירט.

— לייענט, היר, ריד איט! — האָט היימי גרויסמוטיג געזאָגט.

— נו, לעז, לעז, — האָט גרינטרי געזאָגט צו פּינקוסען.

— לעזט, מר. פּינקוס, — האָט מיסעס ראָבינסאָן צוגעהאָלפען.

און היימי האָט זיך אַוועקגעשטעלט און דורכגעלעזען די גאַנצע באַ־שרייבונג אין דעם „לינדענטאַון טעלעגראַף".

די צייטונג האָט באַשריבען אַלעס וואָס האָט פּאַסירט מיט דזשאָו'ען און מאַלי'ן אין פּאַסייק סטריט, און אָפּיסער פּינקוס'ען האָט די צייטונג געמאַכט פאַר דעם העלד פון טאָג.

אַז היימי האָט געענדיגט לייענען, איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ גרוי־סער גענעראַל נאָך אַן ערפאָלגרייכער שלאַכט. וואָס וואָרט אויף זיין מע־דאַל. היימי פינקוס האָט זיך געריכט אַז בושוויל וועט איהם פשוט טראָגען אויף די הענד.

בושוויל איז אָבער שרעקליך ענטוישט געוואָרען, וואָס לינדענטאַון האָט זיך אַריינגעמישט אין דער געשיכטע.

בושוויל האָט איהרע וועגען, איהרע גאַנגען ווי אַזוי צו קהל'ען זיך מיט אַזאַ זאַך, און זי קען קיינמאָל ניט פאַרטראָגען אַז לינדענטאַון שטעקט אַריין איהר האַנד אין דעם בושווילער טעפעל. לינדענטאַון קאָכט איהרע פאַטראָוועס וואָס בושוויל קען ניט עסען. אין בושוויל קאָכט מען אַנדערש, אַלעס אַנדערש.

— פע, ניט שעהן פאַר אידען, — איז דער שוחט געווען דער ער־שטער צו געבען זיין באַמערקונג.

— אין גוי'שע הענט גאָר, — האָט מרס. ראַבינסאָן געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— טאָ וואו־זשע האָט מען איהר פאַרטריבען, מאַלי'ן ? — האָט מרס. קעלערמאַן געפאַרשט מיט אַ רחמנות'דיגען טאָן.

— און איהרע קינדער ? — האָט די בוטשערקע אונטערגעכאַפּט.

ביים עולם האָט זיך דערפיהלט אַ שווערע שטימונג, און סעם ראַבי־נאָוויטש האָט אַ זאָג געטאָן צו היימי'ן :

— דו ביזט געווען אַ בורילע, און דו וועסט פאַרבלייבען אַ בורילע.

פון דער שווערער שטימונג איז דער עולם איבער צו אַ קאָכעניש ; אַלע האָבען גענומען ריידען, טענה'ן און קאָכען זיך.

— אַ רחמנות אויף דער געלער ! — האָבען זיך גענומען הערען באַמערקונגען.

— וואָס זיינען איהרע קינדער שולדיג ! — האָבען זיך אייניגע גע־נומען מיט טענות צו היימאַנ'ען.

דער גאַנצער עולם האָט זיך גענומען באַקעהרען מיט סימפּאַטיע צו מאַלי דער געלער, און מיסטער גרינטרי האָט אויסגעשריען צו פינקוס'ען :

— אָבער ווער האָט דיר געבעטען דו זאָלסט געהן אין לינדענטאַון ?

— אַ טייערע זאַך האָט ער דאָ אָפּגעטאָן ! — האָט זיך דער בוטשער געקאָכט.

— ס'מזל אויף דיר, וואָס פאַר אַ שעריף דו ביזט, — האָט סעם ראַ־בינאָוויטש אַ כמאַליע געטאָן פינקוס'ן איבער'ן היטעל.

פינקוס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, און ער האָט דערפיהלט

אַז בושוויל פאַרשטעהט איהם ניט. ער קען בושוויל ניט נעהמען. אין לינ־דענטאָון איז ער ווער־ווייסט־וואָס. לינדענטאָון שעצט איהם אָפּ. ער האָט דערפיהלט, אַז ער איז אַרויסגעוואַקסען פון בושוויל. ער קען שוין בושוויל ניט פאַרטראָגען.

— ווהאָט דו יו נאָו עבאָוט דהי לאָו אָוו דהי סטעיט? — האָט ער אויסגעשריען מיט געמאַכטען קוראַזש צו סעם ראַבינאָוויטש'ן, אָנצייגענ־דיג אויף זיין בעדזש. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין מאָטאָר סאיקעל און אַוועקגעפלויגען, אַרויף אויפ'ן בערגיגען וועג וואָס פיהרט צו לינ־דענטאָון.

דער געזעמעל לעבען ראַבינסאָן'ס סטאָרקע איז געבליבען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

פינקוס איז פאַרשוואונדען אַרויף, אַהין קיין לינדענטאָון. די גאַנצע געשיכטע באַלאַנגט שוין צו לינדענטאָון. לינדענטאָון האָט זיך אַריינגע־מישט — וואָס קען מען טאָן?

און בושוויל האָט דערפיהלט, אַז מען האָט ביי איהר אַרויסגעריסען פון די הענט אַ וויכטיגע אידישע קהל'שע אַרבייט.

— אַ רחמנות פונדעסטוועגען אויף דער געלער, — האָט די בוט־שערקע געזאָגט, ווען אַלע האָבען זיך גענומען צוגעהן.

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז פינקוסקע איז אַ מסור, — האָט דזשייק דער קרומער אַריינגע'טענה'ט צו ראַבינאָוויטש'ן, אַוועקגעהענדיג פון ראַבינסאָן'ס סטאָרקע, — אַ מסור איז ער און דהעטס אָל!

— אָ, געה אַוועק, — האָט איהם ראַבינאָוויטש איגנאָרירט, — געה, דו ביזט אַ בוטלעגער; וואָס מישטו זיך אַריין?

מיסעס קעלערמאַן איז פון דעם צוגאַנגענעם געזעמעל אַוועק גלייך צו מיסעס צוועטקין, צו חיה'ן.

עס האָט שוין גענומען טונקלען, ווען זי איז אַריין צו חיה'ן.

— גוד איוונינג, מיסעס צוועטקין, — האָט מיסעס קעלערמאַן גע־זאָגט, פאַרשעמט אין איהרע אויגען, צי האָט שוין אימיצער ניט פאַרכאַפּט דעם וועג און איהר אָנגעזאָגט די געשיכטע.

— גוד איוונינג, גוד איוונינג, — האָט חיה געענטפערט, אָנציג־דענדיג די עלעקטריק.

מיסעס קעלערמאַן האָט געזעהן, אַז חיה ווייסט נאָך ניט פון קיין זאַך.

שמואל, דער זוהן, אַדער סעמקע, ווי מען האָט איהם שוין לאַנג גע־רופען אין בושוויל, האָט געהאַלטען אין אַרויסגעהן פון הויז. און מיסעס

קעלערמאַן האָט געמאַכט אַ פּאָר פּאוזעס, אום דערווייל פּטור צו ווערן פון דעם אינגעל.

סעמקע איז אַרונטער, און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— אייער דזשאָו איז נאָך ניטאָ?

— נאָך ניטאָ; ער קומט אָפּט שפּעט, — האָט חיה געענטפערט.

— איהר האָט גאָר ניט געהערט, וואָס ס'איז געווען אין לינדענטאון?

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט חיה געפרעגט דערשראָקען, ניט וויסענדיג פאַרוואָס זי דאַרף זיך שרעקען.

— שרעקט זיך ניט, מיסעס צוועטקין, — האָט מיסעס קעלערמאַן שנעל פאַרכאַפּט, — ס'איז גראָדע גוטע נייעס.

— אַי, — האָט חיה ערשט אַרויסגעוויזען איהר צושראָקענקייט; זי האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגען, און זיך געזעצט, צוהאַלטענדיג זיך פאַר'ן הארצען.

— ס'איז גראָדע פרעהליכע נייעס; און איך, דער נאַר, האָב גאָרניט פאַרקלערט, אַז איהר וועט זיך דערשרעקען.

מיסעס קעלערמאַן האָט געהאַלטען אין איין זאָגען, אַז ס'איז גראָדע גוטע נייעס, גראָדע פרעהליכע נייעס, און חיה, אַזוי ווי זי האָט שוין געהערט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך, האָט אָפּגערוהט זיך פון איהר פאַרכאַפּטען אָטהעם, און געהאַט געדולד צו וואַרטען ביז מיסעס קעלערמאַן וועט די גוטע נייעס אַליין דערצעהלען.

— די גוֹיִים האָבען דאָך איהר אַרויסגעטריבען פון לינדענטאון, — האָט מיסעס קעלערמאַן גענומען געלאָסען אַריינגעהן אין איהר ראָלע אַלס דערצעהלערין.

— וועלכע גוֹיִים? ווען האָבען זיי אַרויסגעטריבען? — האָט חיה געפאָרשט פונקט ווי זי שטוינט זיך גאָר ניט אָן וועמען מען מיינט דאָ.

— די גוֹיִים פון גאַנץ לינדענטאון, — האָט מיסעס קעלערמאַן גענומען ריידען געזעצטע ווערטער; — זיי האָבען איהר גענומען מיט'ן קינד, מיט די פוירניטשור, און מאַרש, געה פון דאַנען.

— וועמען?

— איהר, דער געלער, וואָס פאַרשטעהט איהר ניט? מאַלי'ן: זיי האָבען איהר אַרויסגעיאָגט פון שטעטעל.

דער נאָמען מאַלי האָט ווידער אָפּגעריסען חיה'ן אין הארצען. זי האָט דעם נאָמען ניט נאָר געציטערט צו דערמאָנען, נאָר געציטערט איהם צו הערען.

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר עס האָט איהר אָפּגענומען דער לשון. דערווייל האָט מיסעס קעלערמאַן גערעדט:

— איהר פאַרשטעהט, מען האָט איהר פּשוט משלח געווען פון שטאָט. די אַמעריקאַנער צערעמאָניען זיך ניט מיט אַזעלכע.

חיה האָט געזעהן אויף מיסעס קעלערמאַן׳ס פּנים און אויף איהר צוהיצטקייט, אַז דאָ איז עפּעס אַ גרויסע קאַשע פאַרקאָכט. זי האָט אַי גע־וואָלט הערען און וויסען אַלעס, אַי זי האָט געוואָלט, אַז מיסעס קעלערמאַן זאָל אויפהערען צו דערצעהלען איהר. זי האָט געוואָלט פרעגען, פאַרשען, און זי האָט געוואָלט ניט הערען דאָס פּאָר מיסעס קעלערמאַן אין די אויגען. כאָטש חיה איז מיט מיסעס קעלערמאַן געווען גאָר נאָהענט, האָט זי דאָך געמאַכט פאַר איהר דעם אָנשטעל, אַז עס אַרט איהר ניט, אַז זי וויל גאָר ניט הערען וועגען דעם, און זי האָט געזאָגט:

— נו, וואָס דאַרף איך עס וויסען? זאָלען זיי זיך דאָרט שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט איינע מיט די אַנדערע.

מיסעס קעלערמאַן איז שוין אָבער געווען אין סאַמע פלאַם פון ריידען, פון דערצעהלען, און זי האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג חיה׳ס באַמער־קונגען און האָט אַלץ גערעדט:

— דאָ אין אַמעריקע די קריסטען, אַז זיי דערוויסען זיך פון אַ פרוי, וואָס איז ניט אנשטענדיג, איז גענומען און אַרויסגעטריבען, און גאָה זיך, פון וואַנען דו ביזט געקומען.

אין איהר דערצעהלען די געשיכטע, האָט מיסעס קעלערמאַן געזוכט צו זיין דיפּלאָמאַטיש, צו האַלטען זיך אין אַזאַ טאָן, דאָס חיה זאָל וויסען, אַז אַ גוטער פריינד דערצעהלט עס איהר, אַ גוטער פריינד, וואָס וויל איהר געבען צו וויסען, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר; זי זאָל וויסען וואָס זי האָט צו טאָן. דעריבער, ווען זי האָט געדאַרפט צוקומען צו דעם ריכטיגען ענין וועגען דזשאָו׳ן, האָט זי זיך צוגעבויגען צו חיה׳ן, און שטיל אַריינגעשוש־קעט איהר אין אויער אַ סוד, כאָטש קיינער איז אין הויז סאַי־ווי־סאַי ניט געווען, וואָס זאָל אונטערהערען:

— מען האָט איהר, מיט׳ן קינד, מיט די פוירניטשור, מיט די בעט־געוואַנד אַרויפגעלייגט אויף דזשאָו׳ס טראָק און אַרויסגעפיהרט איהר פון שטאָט.

— אויף דזשאָו׳ס טראָק? — האָט חיה געפרעגט מיט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט דאָ וועלען לייקענען, אַז דזשאָו האָט דאָ דערמיט עפּעס צו טאָן.

— יע, יע — האָט מיסעס קעלערמאַן אַלץ געשושקעט שטיל מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, וואָס האָבען געדאַרפט צייגען חיה׳ן, אַז זי פיהלט

מיט איהר מיט — יע, אויף דזשאָו׳ס טראָק האָט מען איהר אַרויסגעפיהרט פון שטאָט.

— ווי קומט דזשאָו אַהין ? — האָט זיך חיה אַלץ געאָמפּערט, כאָטש זי האָט שוין אַלעס פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען און מיט וואָס די געשיכטע שמעקט.

דזשאָו איז דאָרטען געווען, — האָט מיסעס קעלערמאַן געשעפּטשעט הויך, — מען האָט איהם דאָרטען דערהיט, און די גויים האָבען איהם גע־הייסען נעמען איהר אויפ׳ן טראָק און מאַרש, אַרויס פון לינדענטאַון.

חיה איז געבליבען זיצען אָהן לשון. איבערשפּאַרען מיסעס קעלערמאַן האָט שוין ניט געהאַט קיין זינען. אין איהר האַלז האָט איהר געוואָרגען אַ שטראָם טרערען, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט ניט צו וויינען, צו מאַכען זיך כאָטש, אַז זי פאַרשטעהט ניט די ערנסטקייט פון דעם. זי האָט זיך אַזוי שנעל ניט געוואָלט נשמה׳דיג צועפּענען פאַר מיסעס קעלערמאַן.

— איז וואו, וואָס, ווען, ווי אַזוי איז דאָס געקומען ? — האָט חיה גענומען שטאַמלען.

— דער שעריף, פּינקוסקע, ער האָט דאָס אַלעס דערצעהלט ; ער איז דאָרטען געווען. אין פּייפּער, אין דעם ענגלישען פּייפּער, אין לינדענ־טאַון, שטעהט אַלעס אַריינגעשריבען.

ס׳איז געוואָרען שטיל. חיה׳ס פּנים איז געוואָרען אויסגעקרימט פון וועהטאָג, און מיסעס קעלערמאַן איז געזעסען און געוואַרט, אַז חיה זאָל זיך פונאַנדערוויינען, פונאַנדערעפּענען זיך פאַר איהר, און זי וועט קענען עפּעס טאָן פאַר איהר, געבען איהר עצות.

עס האָבען זיך דערהערט שנעלע טריט אויף די טרעפּ. סעמקע איז אַרויפגעלאָפען אין הויז מיט האַסט, אַ צוקאָכטער, מיט אַ צייטונג אין האַנט.

ער איז אַריינגעלאָפען אין הויז מיט אַן אָפענעם מויל, גרייט עפּעס צו זאָגען שרייענדיגס. ער האָט דערזעהן, אַז מיסעס קעלערמאַן זיצט נאָך, האָט ער צוגעמאַכט דעם מויל ניט גערעדטערהייד, אַריינגעלאָפען אין פראָנט־רום, שנעל אַרויסגעלאָפען צוריק און אַרויסגעשאָסען :

— מאַמע, עס מוז נעמען אַ סוף !

חיה האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין אויסזעהן, זי האָט געזאָגט :

— וואָס איז, שמואל׳קע ? וואָס האָט פּאַסירט ?

סעמקע האָט גענומען שרייען הויך אויפ׳ן קול :

— איך וועל דאָ ניט זיין ! איך וועל אַוועקגעהן !

ער איז אַריינגעלאָפען ווידער אין פראָנט־רום, וואו ס׳איז געווען פינ־

סטער; עס האָט זיך דערהערט זיין כליפּען, און חיה האָט אוועקגעאיילט צו איהם אין פראָנט־רום.

מיסעס קעלערמאַן האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צום פראָנט־רום און אַרויסגערעדט:

— איך וועל שפּעטער אַרויפקומען, מיסעס צוועטקין, — און זי איז אַוועק.

אַרויסגעהענדיג פון הויז, האָט מיסעס קעלערמאַן באַגעגענט דזשאָ׳ען אַרויסקומען פון גאַראַדזש און געהן צום הויז. בראָנפען האָט זיך פון איהם געהערט פאַר אַ מייל.

אַלע אין שטעטעל האָבען געזעהן דזשאָ׳ען אַריינקומען מיט זיין טראָק, אָבער קיינער האָט איהם גאָרניט געזאָגט.

בושוויל האָט זיך געפיהלט ווי פאַרטריבען פון דער גאַנצער פּאַסירונג. לינדענטאַון האָט גענומען אַ האַנד אין דעם, און גאַנץ בושוויל, ווי אַלע וואָלטען זיך צוזאַמענגערעדט, האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער גאַנצער מעשה, ווען עס איז דוקא געקומען צו דער ריכטיגער קאַכעניש. פּינקוס, דער שעריף, האָט די „קעיס״ אַרויסגענומען פון די הענט פון בושוויל.

דזשאָ איז אַריינגעקומען אין הויז מיט אַ רויט־באַטרונקענעם פּנים. ער האָט זיך אַנגעגרייט מיט אַ שווערער באַטרונקענקייט: ער האָט זיך ווי באַפּעסטיגט הינטער דעם שנאַפּס. זיין מויל איז געווען מיט דעם פּאַראַליזירטען הילצערנעם שמייכעל פון שכרות, און זיינע אויגען, כאָטש זיי האָבען געגלאַנצט, האָבען געטראָגען אַ פינסטערקייט, די אויגען, די פאַר׳שכור׳טע אויגען, זיינען ווי געווען באַוואוסטזיניג וועגען דער לאַגע און וועגען דער ערוואַרטונג דאָ אין הויז.

אין פראָנט־רום האָט סעמקע געשריען, כליפּענדיג:

— ער וועט דיר געבען אַ גט, דו מוזט זיך מיט איהם גט׳ן. עס מוז נעמען אַ סוף.

חיה האָט דערהערט דזשאָ׳ען אַריינקומען, און זי האָט גענומען איינ־שטילען סעמקע׳ן.

— נו, שאַ, זאָל זיין שטיל איצט.

זי איז אַרויס פון פראָנט־רום מיט אַ פאַרוויינטען פּנים אין קיך אַריין.

דזשאָ האָט זיך אַרומגעשאָקעלט איבער׳ן קיך, אַריינגעשליידערט זיך אין דאַיינינג־רום און זיך שווער אַרויפגעזעצט אויף אַ שטול ביים טיש.

חיה, וועמען אין הארצען האָט געשניטען דער וועהטאָג מעהר ווי סעמקע׳ן און מעהר ווי דזשאָ׳ען, האָט דוקא געזוכט צו פאַרגלעטען דער־ווילע די געשיכטע, ביט נאָר לפנים וועגען פּאָר סעמקע׳ן, נאָר טאַקע אויך

פאַר זיך. עפּעס האָט זי זיך אַליין געוואָלט איינשמועסן, אַז ס'איז ניט אַזוי געפעהרליך ווי דאָס איז. און דוקא איצט, ווען זי האָט זיך פאַרמאָסטען צו האָבען מיט דזשאָר'ען אַ היבשען שמועס, אַ שטאַרקען שמועס, האָט זי אָנגעפאַנגען שטיל און פאַמעלאַך:

— דו'סט עסען?

— עסען, — האָט דזשאָו געענטפערט מיט זיין אַרונטערגעהאַנגענעם שווערען קאָפּ.

— וואו ביזטו געוועזן?

— געוועזן.

זי האָט געזעהן, אַז ס'איז ניטאָ איצט מיט וועמען צו האַנדלען, און זי האָט סתם אין דער וועלט אַריין אַ געשריי געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— דו'סט עסען? פרעג איך דיר!

— עסען, האָט דזשאָו אַלץ געדעוועט ווי אַ געשאָכטענער אָקס.

זי האָט געשטעלט עסען צום טיש, האָט זיך אַנידערגעזעצט אָן דער זייט און געקוקט אויף איהם, געקוקט אויף זיין שווערען וואַקלענדיגען קאָפּ.

דזשאָו האָט געמישט, געדרעהט אַ פּאָר מאָל מיט'ן לעפעל אין טעלער, אַראָפּגעלאָזען די הענד און ניט געגעסען.

סעמקע איז אַריינגעקומען אין דיינינג־רום, האָט זיך געשטעלט אין מיטען צימער, און אויסגעשריען:

— אַ גט, אַ דיוואָרס! און זאָל ער געהן פון דאַנען!

דזשאָו האָט ניט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ; ער האָט אַ בורטשע געטאָן:

— אַ גט, אַ גט.

חיה האָט אָנגענומען סעמקע'ן, אַרויסגעשטופּט איהם פון דאַינינג־רום צוריק אין פראָנט־רום אַריין און געזאָגט:

— געה לייג זיך צו, מיין זוהן, געה, פאָלג מיר.

זי איז איהם נאָכגעגאַנגען, האָט איהם אויסגעבעט זיין געלעגער אויפ'ן לאָנטש און געבעטען זיך:

— לייג זיך צו; דו פיהלסט ניט גוט; לייג זיך צו.

סעמקע איז געבליבען זיצען אויף אַ וויכען שטול. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון פראָנט רום און האָט זיך ווידער געזעצט אַנטקעגען דזשאָר'ען.

דזשאָו האָט געדרעמעלט ביים טיש, און זי איז געזעסען, געקוקט צום טיש און צוגעהערט זיך צו איהרע יסורים.

זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי לאַנג זי איז געזעסען. עס האָט זיך איהר אָפּגעדוכט, אַז זי איז געזעסען זעהר לאַנג. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט איהם געגעבען אַ שלעפּ ביים אַרבעל.

— זאג, זאג וואס האסטו צו מיר ?

ער האט אויפגעהויבען די אויגען, א קוק געטאן אויף איהר, צוריק באהאלטען די אויגען און גאר ניט געענטפערט.

זי האט געקוקט דזשאו'ס שיכור'קייט. אז ער ענטפערט ניט, איז ער שוין ביי זיך, פיהלט ער שוין א ביסעל אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

— וואס האסטו צו מיר ! — האט זי גענומען ריידען. — זאג, זאג, וואס איז געווען ? וואו ביסטו געווען ?

ער האט ניט געענטפערט.

זי האט איהם ווידער א טרייסעל געטאן פאר'ן ארבעל און געזאגט מיט געוויין :

— נו, א סוף, לאמיר זיך גט'ן, גט זיך מיט מיר, דו רוצח, דו גזלן ! אז אך און וועה איז צו דיינע יאהרען. וואס ענטפערסטו ניט, כאמולע ! ס'איז דאך מיר וויסט און פינסטער מיין לעבען.

— אלראיט, גט'ן זיך ! — האט דזשאו ארויסגעבורטשעט.

— אזעלכע דריי יאהר זאל דיר זיין, ווי דו פיהרסט זיך. געווען דאר־טען, הא ? געווען ביי דיין אויסגעלאסענער פאסקודסטווע. אזוי, דענקסטו, וועסטו אויספיהרען דיין וועלט, הא ? ווארט, ווארט, דאס וועט דיר ניט געשוויגען ווערען.

דזשאו האט זיך אויפגעהויבען, אוועקגעגאנגען פון טיש און ארונטער־געגאנגען אין דרויסען.

זי האט דורכ'ן פענסטער געזעהן ווי ער איז ארויף אויפ'ן הויף און איז אריין אין דער טונקעלקייט פון דעם אפענעם גאראדזש.

— ער געהט שוין ווידער טרינקען — האט זי געמורמעלט צו זיך.

זי האט זיך אוועקגעזעצט וויינען. זי האט געוויינט שטיל, פאר זיך.

זי האט זיך גוט אויסגעוויינט, צוגענומען פון טיש די ניט געגעסענע שפייז, און איז אריין אין פראנט־רום צו זעהן סעמקע'ן.

סעמקע איז געלעגען אויפ'ן לאונדזש און געשלאפען אין די זאכען.

— סעמעלע, טו זיך אויס, — און זי האט גענומען ארונטערציהען פון איהם די שיך.

— נאו, נאו, מאמא, איך וויל זיך נאך ניט לייגען שלאפען ; ס'איז נאך פריה.

— ס'איז שוין נאך צעהן א זייגער ; דו וועסט דאך סאי־ווי־סאי היינט אין ערגעץ ניט געהן.

— לאז מיר — האט ער געזאגט מיט כעס — לאז מיר ; איך וועל אליין זיך לייגען שלאפען.

חיה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין איהר בעט, ניט קיין אויסגעטאָנענע. זי איז געלעגען מיט אַ שווערען קאָפּ, מיט אַ פול־באַלאַדענער האַרץ; זי האָט ניט געשלאָפען.

אין קיך איז נאָך געווען ליכטיג. זי האָט דעם פייער ניט אויסגעדרעהט. אַ זייגער עלף איז זי אַרונטער פון בעט אויסטאָן זיך. דזשאָו איז אין הויז ניט געווען. זי האָט דורך דעם זומערדיגען אָפענעם פענסטער אַרויסגעקוקט צום גאַראַדזש. אין דער פינסטערניש פון דעם אָפענעם גאַראַדזש האָט זי בלויז געזעהן אַ טייל פון דעם טראָק. אין הויף, אין די גראָזען, האָבען די היישעריקען געזשומזשעט.

זי איז אַרונטער אין גאַראַזש און געזעהן ווי דזשאָו שלאָפט אין טראָק אויף די לייווענטענע זעק און אויף אַן אַלטע צוריסענע קאָלדרע, וואָס ער האַלט אימער אין טראָק.

— דזשאָו, דזשאָו — האָט זי איהם גענומען וועקען און רייסען פון טראָק — דזשאָו געה אין הויז אַריין; וואָס פאַר אַ געשעפטען פאַרפיר־סטו עס?

דזשאָו האָט פון שווערען שלאָף עפּעס אַ בורטשע געטאָן, האָט זיך איבערגעקערט אויף דעם אַנדערען זייט און איז ווידער געבליבען ליגען ווי אַ שטיין.

— דזשאָו, דזשאָו — האָט זי איהם געשלעפּט פאַר די קליידער.

זי האָט איהם ניט געקענט אויפרייסען.

זי איז אַליין אַוועק אין הויז אַ צואוועהטאָגטע.

זי האָט געפּרואווט פאַרלאָזען, צוניפשטשאָבען איהר פאַמיליען־לעבען. זי האָט עס ניט געקענט.

זי האָט געעפענט די טיר פון פראָנט־רום און אַ קוק געטאָן צו סעמקע׳ן. ער איז געלעגען אויסגעטאָן און געשלאָפען.

זי האָט פאַרלאָשען די ליכט, איינגעקוקט זיך צו דער טונקעלער עפענונג פון גאַראַדזש.

די היישעריקען האָבען פון אַלע זייטען געזשומעט אין די גראָזען.

21.

סעמקע

איינע פון די הויפּט־אורזאַכען, וואָס האָבען חיה׳ן געגעבען מוטה זיך צו נעמען צו דזשאָו׳ען, צו יאָדען איהם, צו פאַרפירען מיט איהם סקאַנ־דאַלען, איז געווען דאָס וואָס איהר זוהן, סעמקע, איז געוואָרען אַן אַמערי־קאַנער באָי.

אידער ס'איז פאַרגעקומען די געשיכטע, ווען מ'האָט דזשאָו'ען און מאַלי'ן אַרויסגעטריבען פון לינדענטאַון, איז חיה געוואָרען ביי זיך אַ תקיף צוליב סעמקען.

פון דעם גרינעם, דערשלאָגענעם קינד, שמואל'קע, איז פּלוצלונג געוואָרען אַ גרויס־געוויקסיגער, ברייט־פּלייציגער אַמעריקאַנער סעמקע. ס'איז פון איהם פּלוצלונג געוואָרען גאָר אַן אַנדערער.

די פּאָר יאָהר, וואָס ער איז אָפּגעווען אין בושוויל, איז געווען די צייט וואָס מאַכט פון אַ קינד אַ בחור'ל, פון אַ אינגעל — אַ געוויקסיגען מאַן, פון אַ גרינעם, צושראָקענעם אינגעל, אַן „אַמעריקאַנער פעלאָו".

עפּעס אין גאַנצען אַ יאָהר צייט איז ער געגאַנגען אין פּאַבליק סקול; ער האָט אין דעם יאָהר אַ וואַקס געטאָן, אַרויסגענומען „וואָירקינג פּיי־פּערס", און דאָס איבעריגע פון דעם פּאַבליק סקול קורס האָט ער געלערענט אין אָווענט.

ער איז אָנגעקומען צו אַ פּלאָמבער, האָט גענומען פּאַרדינען געלט, און האָט געוואַקסען, געהויבען זיך אין דער הויך, העכער פון דזשאָו'ען, און, דאַכט זיך, אויך געוואַקסען ברייטער פון דזשאָו'ען.

פּלאָמבינג איז אַ טרייד, וואו עס אַרבייטען אַמעריקאַניזירטע אַר־בייטער און טאַקע אַמעריקאַנער קריסטען הויפּטזעכליך. סעמקע איז שנעל געוואָרען אַמעריקאַניזירט, האָט כסדר גערעדט ענגליש און האָט שנעל אויפגעכאַפּט אַלע אַמעריקאַנישע זיטען פון די פּלאָמבערס.

ער האָט אַלע וואָך געבראַכט די פּאַרדינסטען צו דער מאַמען און אַלע טאָג אַריינגעבראַכט אַמעריקאַניזאַציע צו דער מאַמען אין הויז.

די ערשטע צייט ווען סעמקע איז געווען דער גרינער, דערשראָקענער שמואל'קע, האָט ער באַטראַכט זיין טאַטען פאַר אַן אַמעריקאַנער, און אַלע טענות, וואָס זיין מאַמע האָט געהאַט צו אַמעריקע, זיינען ביי איהם אויס־געקומען אַלס ריכטיגע, גאָלדענע ווערטער. אָבער אַז ער איז געוואָרען דער גרויסער אַמעריקאַנער בחור, האָט ער שוין אַלעס געוואוסט וועגען אַמעריקע, און האָט אויף זיין מאַמען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. בכלל, האָט ער, אַלס ערשט־געוואָרענער שפּאָגעל־נייער אַמעריקאַנער באָי, אַלס פּאַרדינער, געהאַט דעם באַגער צו ווערען דער פּאַרזאָרגער פון זיין מאַמען, וועלכע ער האָט ליב געהאַט אי אַלס מאַמען, אי אַלס דער, אויף וועמען ער האָט רחמנות געהאַט. אַן אַמעריקאַנער זוהן, וועלכער איז צוגעבונדען שטאַרק צו זיין ליידענדער מאַמען, רופט דער מאַמען, „מאַי לידי פרענד". אַזוי האָט סעמקע געפיהלט צו זיין מאַמען, ער איז פּלוצלונג געוואָרען איהר

פאַרזאָרגער; ער האָט געהאַט אַ גוואַלדיגע הנאה, וואָס ער איז אימשטאַנד צו זאָגען, „מאַמע, דאגה ניט, איך וועל שוין זאָרגען פאַר דיר".

אַ בחור'ל וואָרט לאַנג, זעהר לאַנג אויף דער צייט, ווען ער וועט אַזאַ גאַנצער מענש. ניט די מאַמע דאַרף שוין פאַר איהם זאָרגען, נאָר ער קען פאַר איהר זאָרגען. און סעמקע איז געקומען צו דער עלטער פון דעם יונגענמאַן, וואָס קריגט דעם „סופּיריאָריטי קאָמפּלעקס" (די מאַניע פון גרויסקייט, פון זיין אַ „יאַטעביעדאם").

אַז ער האָט געהערט ווי די מאַמע וואַרפט אַרויף אַלע איהרע צרות פון דעם טאַטען אויף אַמעריקע, האָט ער איהר אַ זאָג געטאָן:

— אָ, מאַמע, סטאָפּ! אַמעריקע איז אָל־ראַיט; ער איז אַ גרינהאָרען.

מיט דעם נאָמען „ער", האָט ער געמיינט דזשאָו'ען, זיין טאַטען. ער האָט דזשאָו'ען ניט גערופען ביים נאָמען, ניט מיט'ן נאָמען טאַטע. ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט געגען איהם, דאָס ער האָט איהם בלויז אָנגערופען מיט'ן נאָמען „ער".

חיה האָט פון אָנפאַנג ניט גענומען איהר סעמקען ערנסט, און זי האָט אַלץ געהאַט איהר טענה, אַז אַמעריקע האָט פון דזשאָו'ען געמאַכט אַ תל.

— איך קען דאָס ניט הערען, — האָט סעמקע געבייזערט זיך, — הי איז עי גרינהאָרען, דהעטס אָל וואָס ער איז! ווען איך בין דו, שטעה איך ניט מיט איהם איין טאָג מעהר.

— דו מיש זיך ניט, סעמקע, — האָט חיה איהם אָפּגעשלאָגען, — דו ביזט נאָך אַ קינד.

— אָ, דו האַלסט מיך אַלץ פאַר אַ קינד. איך ווייס אַלץ, איך זעה אַלץ. ווען דו ווילסט נאָר, קען איך דיר סופּאָרטען, און זאָל ער געהן; זאָל ער געהן פון דאַנען. אי דאָנט קעיר פאָר הים.

די געשפּרעכען צווישען דער דערשלאָגענער מאַמען און דעם זוהן, וועלכער האָט זיך געריסען מיט גוואַלד צו זיין אַ גרויסער מענש, זיינען כסדר אָנגעגאַנגען.

חיה האָט אויך כסדר געזוכט מיט ליבשאַפט מבטל צו מאַכען איהם, אָבער אין דער אמת'ן האָט סעמקע אינסטינקטיוו געהאַט אויף איהר אַ גרויסע ווירקונג, אַ גרעסערע אַמעריקאַנער ווירקונג ווי אירגענד ווער. ער האָט ביסלעכווייז מיט זיין ווירקונג אַרונטערגעשלאָגען די ווירקונג, וואָס מיסעס קעלערמאַן האָט אויף איהר געהאַט. און סעמקע האָט זיין ווירקונג אונטערגעשפּאַרט מיט איינעם פון די שטאַרקסטע נאַטירליכסטע מיטלען; ער האָט אַלע וואָך געבראַכט די „פּעידע" אַהיים. ער האָט אָנגע־

הויבען מיט צעהן און פופצעהן דאָלער אַ וואָך, און אַרויף ביז פינף און פערציג דאָלער אַ וואָך.

חיה האָט געקליבען דאָס געלט אין באַנק. פאַר איהם, נאַטירליך, האָט זי דאָס באַנק־ביכעל געהאַלטען. סעמקע האָט אָבער נישט אַנדערש געוואָלט, אַז זי זאָל מאַכען דאָס באַנק־ביכעל אויף איהר נאָמען, און זי זאָל טראָגען דאָס געלט אין באַנק.

און אין שטעטעל האָט סעמקע געהאַט אַ גוטען נאָמען. ווען ער פלעגט אַרויסגעהן אַ פאַרנאַכט אָדער אין אַ יום טוב׳דיגען טאָג שפּאַצירען מיט דער מאַמען, האָבען זיך אַלע מיט איהם געבענטשט. אַלע פלעגען זיך צושטעלען קוקען אויף חיה׳ן מיט איהר גרויסען זוהן, וועלכער איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון איהר, און איז געגאַנגען צוגעבויגען צו איהר, ווי אַ פלאַטערענדער מאַן איבער זיין געליבטע.

— נו, — פלעגט מען באַמערקען לעבען ראַבינסאָנ׳ס סטאָרקע, — דאַרף אָט דעם דזשאָ׳ן ניט כאַפּען אַ כאָליערע ?

— נו, זעהט איהר דאָך, — פלעגט אַ צווייטער באַמערקען, — גאָט שטראָפט ניט מיט אַלעם ; אָט האָט זי אַ גוטע קינד.

— ער וועט נאָך ליגען אין ווערים, דער דזשאָו, — פלעגט אַ דריטע באַמערקען.

— וואַרט, וואַרט, — פלעגט אַ פערטע זאָגען, — אויף דער עלטער וועט ער ערשט זיין אַ הונט ביי זיי ביידען : ער וועט קייען די ערד.

— מיסעס צוועטקין, — פלעגט אַ אידענע צו איהר אַ זאָג טאָן, — אייער באָי, קיין עין הרע, איז דאָך אַ גאָלד.

— ער איז דאָך מיין חכם, — פלעגט חיה ענטפערען, און דאַן איז איהר געווען אַזוי גוט, ווי גאַנץ אַמעריקע וואָלט צו איהר באַלאַנגט.

אַז סעמקע פלעגט פאַרדינען אַ דאָלער אָן אַ זייט, אַ חוץ זיינע וויידזשעס, פלעגט ער עס ספּענדען אויף דער מאַמען. ער פלעגט איהר קויפען אַזוינע זאַכען, וואָס זי אַליין האָט זיך ניט פאַרגונען צו קויפען. ער פלעגט איהר ברענגען אַ פּאָר זיידענע זאָקען, און זי פלעגט זיך דערמיט באַרימען פאַר גאַנץ בושוויל. ער פלעגט איהר נעמען צו אַ שאָו. איין וואָך האָט ער עפּעס פאַרדינט גאַנצע צעהן דאָלער אָן דער זייט, האָט ער איהר געבראַכט אַ זיידענע שאָל. די זיידענע שאָל האָט חיה אַ גאַנצע וואָך אַרומגעטראָגען איבער די סטאָרס און איבער די הייזער, צו צייגען וואָס איהר סעמקע האָט איהר געקויפט.

צוליב איהר סעמקען האָט זי שלום געמאַכט מיט׳ן לעבען, שלום גע־

מאַכט מיט בושוויל, שלום געמאַכט מיט גאַנץ אַמעריקע. אָבער צוליב סעמקען איז איהר מלחמה מיט דזשאָ'ען געוואָרען גרעסער און ביטערער.

סעמקע איז געשטאַנען צווישען איהר און דזשאָ'ען ווי אַ געליבטער צווישען אַ פּאָר־פּאָלק. און ווען עס האָט פּאַסירט די געשיכטע אין לינדען־טאַון מיט דזשאָ'ען און מיט מאַלי'ן, איז געקומען צו אַזאַ פּונקט, וואָס חיה האָט געמוזט באַשליסען — אָדער דזשאָו, אָדער סעמקע.

דזשאָו האָט זיך שוין אין הויז כמעט ניט אַנגעזעהן. ער האָט אויפגע־הערט עסען אין הויז, כאָטש היפּשע עטליכע טעג האָט זי געקאָכט פאַר איהם, און געבראַכט צום טיש, ווען זי פלעגט זעהן, אַז ער פאָרט אַרויף מיט'ן טראָק אויפ'ן יאַרד.

די נעכט זיינען געווען זומערדיגע, און ער האָט געשלאָפען אויפ'ן טראָק אין גאַראַדזש.

אין הויז האָט זיך געטאָן חושך.

סעמקע האָט געשריען:

— אַ גט, דו מוזט איהם גט'ן; אַ ניט וועל איך אַנטלויפען פון הויז, דו'סט זעהן.

חיה האָט סעמקען דירעקט ניט געענטפערט. זי האָט גע'טענה'ט גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— אַי, מיינע צרות, געוואַלד, געוואַלד, ווי האַלט מען עס אויס!

סעמקע האָט געפאָדערט פון איהר צו גט'ן זיך, און זי האָט געוויינט, געענטפערט מיט געוויין.

— מאַמע, — האָט איינמאָל סעמקע אויסגעשריען און אַריינגעקוקט איהר אין די אויגען, — מאַמע, דו ליבסט איהם?

— זאָל איהם אַזוי גאָט ליב האָבען, — האָט חיה געענטפערט, ווי אַרויסצודרעהען זיך פון דער פראַגע.

זי האָט מיט סעמקען ניט געקענט ריידען וועגען דעם. זי האָט דזשאָ'ן געהאַסט, געהאַסט פון טיפען האַרצען. ווען זי וואָלט אָבער געזאָגט, אַז זי ליבט איהם ניט, וואָלט דאָס ניט געווען דער ריינער אמת. און דער אמת איז, אַז ווען זי וואָלט געזאָגט, אַז זי ליבט איהם יע, וואָלט עס אויך ניט געווען דער ריינער אמת.

חיה האָט ניט געליבט דזשאָ'ען. זי האָט איהם אָבער ניט געוואָלט אוועקלאָזען. זי האָט איהם ניט געוואָלט איבערלאָזען, ווייל יענע, אַן אַנדע־רע, האָט איהם געוואָלט אויסכאַפּען. זי האָט איהם ניט געוואָלט אוועקלאָזען פון זיך, ווייל זי האָט ניט געוואָלט בלייבען אַליין.

— מאַמע, צוליב וואָס דאַרפסטו איהם? — האָט סעמקע כסדר גע'טענה'ט.

די דאָזיגע טענה האָט איהר וועה געטאָן, און זי האָט סעמקען ניט געקענט ערקלעהרען פאַר וואָס עס טוט איהר וועה.

זי האָט געפיהלט אין דער טענה, ווי עס פיהלט אַן אַלטער מענש ווען מען זאָגט איהם:

„צוליב וואָס דאַרפט איהר אייערע „פּראָפּערטיס״? צוליב וואָס האָ־וועט איהר אַזוי אין אייער ביזנעס?״

זי האָט זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלען אַליין. דזשאָו איז דאָך איהר מאַן; זי פיהרט דאָך אַ הויז. ס'איז אַ שלעכטע הויז, אַ טרויעריגע הויז, אָבער אַ הויז.

— זאָל דאָס אַזוי געהן דערווייל, — האָט זי איינמאָל סעמקען געזאָגט, — עס וועט זיך אפשר איבערדרעהען.

זי האָט אויך סעמקען ניט געקענט געבען צו פאַרשטעהן, און ניט געוואוסט אויף קלאָר פאַר זיך אַפילו, אַ געוויסען געפיהל, וואָס האָט זיך אינווייניג אין איהר אויסגעדריקט: שוין, איז שוין אַלעס געענדיגט?

דער געפיהל איז באַשטאַנען אין דאָס פאַרקערטע, וואָס סעמקע האָט געפיהלט, און גע'טענה'ט.

— ווען איך בין געווען אַ קינד, האָסטו זיך ניט געקענט העלפען, אָבער איצט דאַרפסטו איהם ניט האָבען. איך קען פאַרדינען; זאָל ער געהן, זאָל ער געהן פון דאַנען.

ביי חיה'ן איז אָבער דער „איצט״ געווען אַן אַנדערער ווי דאָן. זי איז געווען אַ פרוי, אַ פרוי און אַ מאַמע, וועלכע דאַרף אימיצען צו איהר ברוסט, אימיצען וואָס זאָל איהר וואַרימקייט אַריינבערענגען. די עלענדקייט פאַר־טרייבען.

סעמקע איז געוואָרען אַ גרויסער בחור, אַ מאַן. ער האָט זיך שוין ניט געוואָרימט ביי איהר לייב. ערשט איצט האָט זי זיך גענויטיגט אין אָט דעם דזשאָו, וואָס זאָל פאַרטרייבען איהר עלענדקייט. עפּעס אימיצען אַ „דזשאָו״, וואָס זאָל איהר באַשיצען, דערוואָרימען מיט זיין אַנוועזענהייט.

סעמקע האָט ניט געוואוסט, אַז זיין טאַטע, וועלכען ער האָסט פאַר די יסורים פון זיין מאַמען, איז דאָך דער מאַמע'ס מאַן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס מאַן און ווייב זיינען, ווי נאָהענט די ערגסטע מאַן און ווייב זיינען דאָך אַמאָל געווען.

ביי חיה'ן איז פאַרבליבען אין איהר פרויען האַרץ אַ וואַרימע פּינטע־לע, אויב ניט צו דזשאָו'ען, צו דעם דזשאָו'ען, איז צו דעם מאַן, וואָס איז איהר אַמאָל געווען אַזוי נאָהענט און וואַרים. ס'האָט אין איהר געצופּט די וואַרימע פּינטעלע צו איהר מאַן. די גרעסטע טייל פון דער וואַרימער

פינטעלע, וואָס זי האָט געהאַט אין איהר הארצען צו איהר מאַן, האָט גאָר באַלאַנגט צו איהר קינד, צו סעמקען.

סעמקע איז געבוירען געוואָרען פון איהם, פון דזשאָ'ען. דזשאָו און סעמקע, זיי זיינען ביי איהר געווען איין זאַך. אין דזשאָו'ען איז סעמקע, און אין סעמקע'ן איז דזשאָו. עס האָט איהר ניט ווייניגער וועה געטאָן דאָס, וואָס סעמקע איז אַזוי אכזריות'דיג צו דזשאָו'ן, ווי דאָס, וואָס דזשאָו איז אַכזריות'דיג צו איהר.

ניט זי האָט אָט דאָס אַלעס אַליין קלאָר פאַרשטאַנען מיט איהר מוח, און ניט זי האָט עס געקענט געבען צו פאַרשטעהן איהר סעמקע'ן. זי האָט נאָר געפיהלט אַ גרויזאַמע שניידענדע קעלט איבער'ן לייב, אַ פיינליכען וועהטאָג אין הארצען, ווען סעמקע פלעגט גזלנ'יש אויסשרייען:

— וואָס דאַרפסטו איהם? ווער פון איהם פּטור.

זי און סעמקע זיינען געשטאַנען איינע געגען די אנדערע, ווי אַלקאָ־האָליקער מיט ניט קיין טרינקער. זי איז געווען דער אַלקאָהאָליקער, און סעמקע האָט איהר ניט געקענט פאַרשטעהן, הלמאי זי האַלט אַזוי נערוועז צום מויל דאָס פלעשעל מיט גיפטיגען שנאַפּס, און קען זיך דערמיט ניט שיידען.

— וועהאי, מאַמאַ, ווילסטו זיך ניט גט'ן?

חיה האָט איהר יונגען זוהן ניט געקענט ענטפערען אויף דעם.

עס האָט זיך אַזוי אַפּגעטומעלט אַ פּאָר וואָכען.

ווען דזשאָו פלעגט זיך אַריינכאַפּען אין הויז, פלעגט ווערען אַ גרוי־סער ביטערער סקאַנדאַל. חיה האָט נאָך געדאַרפט אַרויסוויזען פאַר סעמ־קען, אַז זי שווייגט איהם ניט, דזשאָו'ען. דזשאָו איז שוין געווען פאַרוויל־דעוועט און פאַרביטערט פון שלאָפען אין גאַראַדזש. פון דער גאַנצער שווע־ריקייט, וואָס איז געלעגען אויף איהם. ער האָט שוין גאַרניט געהאַט קיין מענשליכע אויגען. ער איז געוואָרען צו־להכעיס, צוסקאַנדאַלעוועט, און אין הויז איז געווען אַ ביטערע מלחמה ביז אין טויט אַריין. די פאַרביטערונג פון אַלע דריי אין הויז איז געווען אַזאַ, וואָס אָפּט ענדיגט זיך מיט אַ מאָרד.

איינמאָל איז געקומען צו אַזאַ שטורעם, דאָס חיה, נאָכדעם ווי זי האָט זיך ספּאַזמעדיג צושריען, „מערדער, גזלן!" האָט זי אויף איהם אַ גאָס־געטאָן אַ טעפּעל הייסע וואַסער, און דזשאָו, שיכור איז ער געווען, האָט גע־כאַפּט אַ שטול אין האַנד, און סעמקע האָט אַנגעכאַפּט אַ פיסעל פון שטול.

חיה האָט דערזעהן די געפאַהר, און זי האָט מיט רציחה אַנגעכאַפּט סעמקע'ן און איהם אַרויסגעשלעפּט אין דרויסען אַרויס.

סעמקע האָט זיך געריסען אַ צוקאַכטער אין הויז אַריין, און חיה האָט

געוויינט און געשריען און געשלעפּט סעמקע׳ן איבער׳ן גאַס, אַוועקגע־שלעפּט איהם פון הויז.

ס׳איז געווען אָנפאַנג אָווענט, גאַנץ בושוויל איז געזעסען אויף די גאַניקעס אין דרויסען, און ס׳איז געוואָרען אַ רעדעל אַרום דער מאַמען און זוהן.

עס זיינען געקומען די פּני פון שטעטעל, און אויך מענשען פון זייטיגע גאַסען.

חיה האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט פון הויז, און געוויינט, געוויינט הויך אויפ׳ן קול; איהרע יסורים זיינען שוין אַרויס איבער בושוויל פראַנק און פריי.

סעמקע, האַלטענדיג זיך אָן דער מאַמען, האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, און דערזעהענדיג צוקומען מר. גרינטרי און דעם שוחט, האָט ער אין געוויין זיך געווענדעט צו זיי:

— פּליעז, זעהט עס זאָל נעמען אַ סוף; זעהט אַז מען זאָל מאַכען אַ גט. איך קען שוין דאָס ניט אויסהאַלטען. זעהט עס זאָל זיין אַ גט.

— זאָל זיין אַ גט, — האָט חיה געכליפּעט.

סעמקע האָט איהר צוגעטולעט צו זיך. זיי האָבען שויןביידע ניט גע־וויינט, נאָר טרערען האָבען גערונען פון זייערע אויגען, טייכען טרערען אָהן געוויין.

מיסטער גרינטרי און דער שוחט זיינען צוריקגעקומען און געזאָגט, די וויבער האָבען גענומען פרעגען, אויספּילצעווען, ווייל בושוויל האָט דאָך די לעצטע צייט איינגאַנצען אָפּגעלאָזען די לייצעס פון דער גאַנצער געשיכטע, צוליב לינדענטאַון.

מיסטער גרינטרי און דער שוחט זיינען צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דזשאָו איז אין הויז ניטאָ.

חיה און סעמקע האָבען שוין געוואוסט, אַז דזשאָו איז שוין אין טראַק, אין גאַראַדזש. זיי זיינען אַרויף אין הויז, איבערלאָזענדיג דעם עולם, וועל־כער האָט די זאַך אַרומגערעדט און דיסקוטירט ביז שפּעט אין ער נאַכט.

22.

דער גט

בושוויל האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו דער געשיכטע פון דזשאָו און זיין ווייב. עס איז באַשערט געווען, אַז בושוויל, וועלכע האָט זיך אַזוי פיעל מיה געגעבען, אַזוי פיל צער און פרייד געהאַט צו מאַכען צווישען

דזשאָ׳ען מיט זיין ווייב אַ גוט־לעבען, זאָל זיך אַריינוואַרפען אין דער אַר־בייט פאַר אַ גט צווישען זיי.

אַריינגעצויגען בושוויל צוריק אין דער קייס האָט סעמקע.

סעמקע האָט גענומען געהן צו די בעלי בתים פון בושוויל און גע׳־טענה׳ט און געבעטען זיך מיט געוויין:

— זעהט, האָט רחמנות, מאַכט עס זאָל זיין אַ גט. איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען. עס קומט מיר אויס צו אַנטלויפען פון דער היים. און ווי אַזוי קען איך איבערלאָזען די מאַמע?

סעמקע׳ן האָט מען אַריינגענומען אין ראָבינסאָנ׳ס דריי־גודס סטאָר־קע, נתפעל געוואָרען פון זיינע טענות, געצאַצקעט זיך מיט איהם:

— זעהט נאָר, זעהט, אַזאַ טייערער באָיטשיק.

סעמקע, זייענדיג שוין באַצויגען מיט אַ קאָרע פון אַמעריקאַניזאַציע צווישען די פלאָמבערס, איז ווידער אַריין אין זיין ראָל אַלס היימישער אינגעל פון זאַטשינא, גע׳טענה׳ט מיט אַזעלכע אידישע ווערטער, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געברויכט. דער עולם איז פון איהם ענטציקט געוואָרען. בושוויל, וועלכע האָט סתם הנאה געהאַט, פריהער און איצטער, פון דעם גאַנצען סקאַנדאַל, האָט צוגעקראָגען נאָך אַ וויכטיגען שפּילער אין דער דראַמע — סעמקע.

— זעהט נאָר, זעהט, אַזאַ טייערער באָיטשיק; ווי ער איז עס איבערגעגעבען דער מאַמען.

עס האָט זיך גענומען קאָכען אין שטעטעל; מען האָט גענומען האָווען, געהן אין קאָמיטעס, ריידען מיט דזשאָ׳ן, ריידען מיט חיה׳ן.

חיה האָט צוגעשטימט צו אַ גט. זי האָט עס געטאָן צוליב סעמקע׳ן. זי האָט זיך געמוזט אָפּפערען פאַר איהר קינד. איהר סעמקע וויל אַ גט.

דזשאָ האָט אויף אַלעס געזאָגט:

— וואָס מען וועט הייסען, וועל איך טאָן.

— דזשאָ, — האָט מיסטער גרינטרי געזאָגט, — מען וועט דאַרפען צאָהלען קאָורט עקספּענסעס, דעם לאָיער.

— איכ׳ל צאָהלען, — האָט ער געענטפערט.

— מען וועט דאַרפען האָבען אַ אידישען גט, ביי אַ רב.

— וואָס מען וועט הייסען, וועל איך טאָן.

אַ לאָיער האָט אַריינגעגעבען די פּאַפּירען אין לינדענטאון אויף אַ גט. לויט דער עצה פון דעם לאָיער, איז מען געפאָהרען קיין ניו יאָרק נאָך אַ גט פון אַ רב, ביז עס וועט פאַרטיג ווערען דער גט אין קאָורט. אין קאָורט איז געווען אַ זיכערע זאַך מיט׳ן גט, ווייל גאַנץ לינדענטאון ווייסט וואָס עס

האָט פּאַסירט און ס'איז דאָ געגוג נויטיגע עדות אַז חיה זאָל קריגען אַ גט פון דזשאָר'ען.

וועגען דעם געזעצליכען גט פון קאָורט האָט זיך בושוויל ניט גע־זאָרגט. דאָס איז שוין געווען אַ זאַך וואָס האָט באַלאַנגט צו לינדענטאַון. און וואָס בושוויל האָט זיך גע'קהל'ט, איז וועגען דעם אידישען גט, וואָס ביי בושוויל איז עס געווען פאַררעכענט פאַר'ן וויכטיגערען גט.

בושוויל האָט ניט געהאַט קיין רב און ניט קיין טייך. אַ אידישער גט מוז געגעבען ווערען אין אַ שטאָט וואו ס'איז דאָ אַ טייך.

נאָכ'ן גט האָט מען געמוזט פאָהרען קיין ניו יאָרק. אין ניו יאָרק זיינען דאָ אַלערליי רבנים און אַלערליי טייכען.

דעם פריהמאָרגען, וואָס מען האָט זיך אויסגעקליבען קיין ניו יאָרק דאָרטען צו מאַכען דעם גט, איז בושוויל געווען אויף, פריהער ווי אַלעמאָל. אַזאַ זאַך ווי אַ גט האָט בושוויל נאָך קיינמאָל ניט געהאַט, און עס האָט אין בושוויל געקאָכט ווי אין אַ קעסעל פון גאַנץ באַגינען.

אויסערליך האָט די שטעטעל געזוכט צו האַלטען זיך רוהיג, ווייל עס האָט אַלעמאָל געדריקט דער רחמנות אויף חיה'ן; אָבער אין יעדען הויז האָט זיך געטאָן מעשים. מען האָט גערעדט און דיסקוטירט הויך אויפ'ן קול. (בושוויל רעדט שטענדיג אויף די הויכע טענער). מען האָט באַדויערט, געלאַכט, געזאָגט וויצען און געזיפצט. בלויז אויסערליך האָט יעדער בוש־ווילער איד און אידענע געזוכט אָנצושטעלען אַ שטילען, ערנסטען פּנים; אין דער אמת'ן אָבער האָט זיך יעדער געקאָכט און געטומעלט ווי דאַן, ווען מען האָט דזשאָר'ס ווייב אַרונטערגעבראַכט פון יוראָפּ.

אַ סך טשיקאָווע בושווילער האָבען זיך געריסען צו פאָהרען קיין ניו יאָרק זעהן ווי אַזוי מען וועט מאַכען דעם גט. יעדערער האָט זיך אָנגע־באָטען צו זיין אַן עדות, אום צו האָבען די זכיה צו פאָהרען צום „פּיקניק". מיסטער גרינטרי האָט אָבער געגומען טענה'ן, אַז עס איז ניט שעהן פאַר די רבנים, און ס'איז געבליבען, אַז נאָר די נויטיגע צוויי עדות זאָלען פאָהרען.

עס זיינען געפאָהרען היימי פּינקוס און מיסטער גרינטרי אַליין.

פּינקוס איז געפאָהרען מיט מיסטער גרינטרי אין זיין, גרינטריי'ס, אָטאָמאָביל, און זיי האָבען מיטגענומען מיט זיך חיה'ן. זיי האָבען איינגע־לאַדען סעמקע'ן צו פאָהרען, אָבער ער האָט זיך אָוועקגעדרעהט. ער האָט ניט געוואָלט פאָהרען.

סעם ראַבינאָוויטש, וועלכער איז שטענדיג געווען אַ מין שטעדטעל־

דיגע געזעלשאַפטליכע פירמע פאַר זיך, האָט אַרויסגענומען זיין אַטאָמאָ־ביל און נאָכגעפאָהרען גרינטרי'ס אַטאָמאָביל קיין ניו יאָרק.

צייט היימי פינקוס האָט אָפּגעטאָן זיין שטיקעל אַרבייט אין לינדען־טאָון און האָט, ווי סעם ראַבינאָוויטש האָט גע'טענה'ט, „פאַרשעהמט די אידען", איז ראַבינאָוויטש געוואָרען אַ גוטער־ברודער מיט דזשאָו'ען. איצט האָט ער דזשאָו'ען מיטגענומען אויף זיין אַטאָמאָביל. געטאָן האָט ער עס ניט אַזוי אַלס גוט ברודערשאַפט צו דזשאָו'ען, ווי אַלס תירוץ אַז עס זאָל ניט הייסען דאָס ער שלעפּט זיך נאָך קיין ניו יאָרק ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען. סעם ראַבינאָוויטש האָט אין זיין אַטאָמאָביל געפיהרט דעם גלאָוונעם מחותן, ס'הייסט טאַקע דעם חתן פון דעם גט.

גאַנץ בושוויל איז געוועזן אין דער הויפּט־גאַס. דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען לעבען די הייזער, און ווען די צוויי אַטאָמאָבילס האָבען זיך געריהרט, איז די גאַנצע שטאָט נאָכגעגאַנגען און אַרויסבאַגלייט זיי ביז אַרויס פון בושוויל.

עס האָט זיך געצויגען אַ לויה־פּראָצעסיע קיין ניו יאָרק, די אַטאָ־מאָבילס האָבען אַוועקגעאיילט אויפ'ן געפלאַסטערטען וועג, און דער עולם האָט זיך צוריקגעקערט מיט זיפצען, מיט וויצען, מיט אַרגומענטען, מיט טרויעריגע פנים'ער און מיט געלעכטערס.

אין מיסטער גרינטרי'ס אַטאָמאָביל איז חיה געזעסען, ניין, ניט גע־זעסען, נאָר געלעגען, געלעגען ווי אַ צומישטע, ווי אַ הון מיט וועלכער מען האָט אָפּגעשלאָגען כפרות און זי ליגט אַ געבונדענע אונטער'ן באַנק און וואַרט אויף דער שחיטה.

סעם ראַבינאָוויטש איז נאָכגעפאָהרען מיט דזשאָו'ען, און ער האָט גערעדט צו איהם, געזוכט צו זיין מיט איהם גוטער ברודער:

— ס'איז אַלראיט, דזשאָו; איך האָב פינקוסקע'ן אין דער ערד.

ביי ראַבינאָוויטש'ן איז דער גאַנצער אויפטו פון דעם גט געווען ווי צו להכעיס פינקוס'ען.

דזשאָו האָט ניט געהערט קלאָר וואָס ראַבינאָוויטש רעדט צו איהם. ער האָט געמורמעלט זיין פזמון:

— וואָס מען וועט הייסען, דאָס וועל איך טאָן.

דזשאָו איז געזעסען ווי אַ באַטרונקענער. ער איז ניט געווען באַטרונ־קען פון בראָנפען, נאָר פון דעם גאַנצען טומעל אַרום איהם. עפּעס האָט זיך איהם געטומעלט אין קאָפּ אַז מען פיהרט איהם ווידער אין קעסעל־גאַרדען אַראָפּנעמען נאָך אַ ווייב מיט אַ קינד. ער איז געווען דערשלאָגען, דזשאָו. ער איז געווען איינגאַנצען שוין אַהנמעכטיג פון די פילע קלעפּ, וואָס בושוויל

און לינדענטאון האָבען איהם געגעבען. זיין לעצטער ביסעל ווילען איז שוין אין איהם געווען דער'הרג'עט. ער האָט געמורמעלט, אַז וואָס מען וועט הייסען וועט ער טאָן, און ער האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון וואוהין ראַבינאָוויטש פיהרט איהם און וואָס ער וועט דאַרפען טאָן.

ביים רב אין הויז, אין אַ גרויסען פאַרעלטערטען צימער, מיט אַלטע ספרים אויף אַלטע פּאָליצעס אַרום די אַלטע פאַרפלעקטע ווענט, האָבען זיך דזשאָו'ס און חיה'ס אויגען באַגעגענט.

עפּעס אַזוי ווייט האָבען זיי זיך דערפיהלט איינע פון די אַנדערע, ווי זיי וואָלטען זיך ניט געזעהן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. ס'איז צווישען זיי געווען אַזאַ ווייטקייט, דאָס די כעס'ן, די בייזקייטען, די פאַרביטערקייטען האָבען זיך ניט אָנגעזעהן, ניט געהאַט קיין פלאַץ וואו צו האַלטען זיך.

ווען מען וואָלט אָנגעהויבען פרעגען, זוכען מיט קשיות ביי חיה'ן און ביי דזשאָו'ען פאַרוואָס זיי ווילען זיך גט'ען, וואָלטען זייביידע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. זיי וואָלטען ניט געקענט פאַרענטפערען דעם גט.

אָבער מען האָט זיי ניט געפרעגט. דער גט האָט זיך שוין מעכאַניש געאַרבייט געגען אימיצען'ס ווילען. ס'איז שוין געווען דער ווילען פון דעם רב'ס פרנסה, פון דער פרנסה פון דעם אונטער־רב'ל, וועלכער האָט גע־שריבען דעם גט.

וואָלט די גאַנצע מעשה פאַרגעקומען אין זאַטשינא, וואו דעם רב'ס אויפגאַבע איז קודם כל אָפּצורעדען פון דעם גט, וואו דעם רב'ס פרנסה איז ניט אָנגעוויזען אויף גט'ען, וואָלט צווישען דזשאָו'ען און חיה'ן ניט פאַרגעקומען קיין גט. עס וואָלט זיך נאָך ווייטער פאַרציהען דער לעבען מיט די יאַדענישען, מיט די פוילענישען און מיט די צרות פון מאַלי'ן.

ס'איז אָבער געווען אין אַמעריקע, וואו דער רב וואַרט אויף אַ גט און אויף אַ חתונה. יעדע חתונה קען ברענגען אַ גט, און יעדער גט קען ברענגען אַ חתונה. די רבני'שע הייזער, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט גט'ען און חתונות, מאַכען ניט קיין סך מחזקות און זעהען אַז די ביזנעס זאָל צופיל ניט געשטערט ווערען.

דער רב, אַן עלטערער אידעל, איז געזעסען אויף אַ שטול, געהאַלטען די אויגען ווי אין אַ דרעמעל; אַן אינגערער רב, אַ בעל הבית'ל מיט אַ געשאָרענער בערדעל, וואָס האָט עפּעס אַ נערוועזען ציטער געהאַט אין זיין קאָפּ און האָט דעם קאָפּ מאָדנע אומגעשאָקעלט, איז געזעסען ביים גרויסען טיש און געשריבען, און געפרעגט די נעמען פון דזשאָו'ן און חיה'ן און די נעמען פון זייערע טאַטעס.

אַ גרויסע פליג האָט זיך צוגעזעצט צום אינגערען רב'ל, געזשומעט

איבער זיין קאָפּ, איבער׳ן פּאַפּיר, און ער, דער רב׳ל, האָט געפּאַטשט מיט זיינע הענט, טרייבענדיג די גרויסע פליג פון זיך.

ס׳איז געווען שטיל אין דעם גרויסען פּאַרעלטערטען צימער ביים רב. פּינקוס און גרינטרי זיינען געזעסען איינע לעבען די אַנדערע ניט ווייט פון טיש. סעם ראַבינאָוויטש איז געזעסען אַביסעל ווייטער פון טיש, איינער אַליין, און דזשאָו און חיה זיינען געזעסען אין צוויי באַזונדערע זייטען פון צימער, אַרום די ווענט.

חיה איז געזעסען אַ פּאַרצאַרנטע, און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זיצט זי שוין פון שטונדען לאַנג ביים אַמעריקאַנער קאָנסול אין יוראָפּ און וואַרט אויף דער וויזע צו פאָהרען ווייט, ווייט אין אַמעריקע. זי האָט פון צייט צו צייט געזעהן דזשאָו׳ען, ווי ער זיצט דאָרטען ווייט, ווייט ביים פענסטער, ביי דער אַנטקעגענדיגער וואַנט.

דזשאָו איז געזעסען אינגאַנצען אַ פּאַרזונקענער, ווי אַ פּאַר׳משפט׳ער, וואָס וואַרט אַז מען זאָל איהם נעמען צו דער תליה. ער האָט זיך ניט באַוועגט. ער האָט געקוקט מיט די אויגען אַרונטער און פון צייט צו צייט האָט ער געזעהן פון ווייטען חיה׳ס שיך. אַ פּאָר מאָל האָט ער אַ הויב געטאָן די אויגען צום טיש וואו די רבנים זיינען געזעסען, און ער האָט געזעהן די צוויי רבנים, און אין זיינע גלאַנציגע אויגען האָט זיך איהם אויסגעמאָלען, אַז די רבנים האָבען צו צוויי קעפּ.

ס׳איז געווען שטיל אין הויז, אַזאַ שטילקייט, ווי דאָס וואָלט געווען ווייט, ווייט פון שטאָט.

די שטילקייט איז איבערגעריסען געוואָרען, ווען דער אַלטער רב האָט מיט אַ טעמפּער שטימע אַרויסגערעדט :

— נו, קומט אַהער.

אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט מיט אַזאַ מאָדנעם צאַפּעל, ווי ווען מען הויבט אָן אַרויסטראָגען אַ מת פון הויז.

דער רב האָט פּאַרגעלעזען דעם גט, דורכגעפיהרט די צערעמאָניע, און מען האָט זיך איינע נאָך די אַנדערע אַרויסגערוקט פון הויז.

ווען מען איז געפאָהרען אַהיים, איז שוין געווען פּאַרנאַכט. אויפ׳ן וועג איז צוגעפאַלען די נאַכט.

מיסטער גרינטרי און פּינקוס זיינען ביידע געזעסען אין דעם פּאָדער־שטען פּלאַץ פון אָטאָמאָביל, און חיה האָט זיך אומגעוויגט איינע אַליין אויף דעם הינטערשטען סיט.

סעם ראַבינאָוויטש איז נאָכגעפאָהרען איינער אַליין מיט זיין אָטאָמאָ־ביל. דזשאָו איז אַוועק. ער איז אַוועק צום טרעיך.

טיף אין האַרצען האָט חיה ניט באַשולדיגט דזשאָ'ען. זי האָט באַשולדיגט אַלעמען אין דער וועלט אין איהר אומגליק, אָבער ניט דזשאָ'ען. דזשאָ'ען האָט מען פאַרפיהרט. דאָס איז געווען חיה'ס פילאָזאָפיע וועגען דער גאַנצער טראַגעדיע. זי האָט די איבערצייגונג געהאַלטען פאַר זיך טיף אין האַרצען. פאַר וועמען דאָס אַרויסצו'טענה'ן האָט זי ניט געהאַט.

ווען זי איז געקומען אַהיים, איז זי געפאַלען אויף סעמקע'ס האַלז און געוויינט; אויף דאָס ניי האָט זי זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

סעמקע האָט איהר מיט אומגעדולד דערוואַרט. דער יונגער, אונערפאַהרענער סעמקע האָט זיך ניט גערICHט אַז מען וועט דאַרפען וויינען. דער מאַמע'ס יאָמערען האָט איהם אָבער אַזוי צונומען, אַז ער האָט זיך צוכליפּעט נאָך שטאַרקער פון איהר.

ביידע האָבען זיי געוויינט, אייגעקלאַמערט איינע אין די אַנדערע. ס'איז געווען אין הויז ווי דאָס קומען פון אַ לויה. די אַלמנה און דער יתום האָבען באַוויינט ניט דעם טויטען, נאָר זיך, זיך אַליין.

סעמקע האָט ערשט איצט עפּעס דערפיהלט פון דער מוטער'ס וועהטאָג.

— מאַמע, — האָט ער געכליפּעט, — מאַמע, עס וועט זיין אַלראַיט, דו'סט זעהן; איך וועל אַרבייטען פאַר דיר: עס וועט דיר גאָרניט פעהלען.

די טרייסט־ווערטער האָבען זיך צו איהר ניט צוגענומען. סעמקע'ס טרייסט־ווערטער זיינען געפאַלען אויף איהר פאַרקילטער וועהטאָגדיגער האַרץ ווי די טרייסט־ווערטער וואָס מען זאָגט צו אַן אבל ווען דער טויטער ליגט נאָך פאַר די אויגען.

אַ צוויי שטונדען נאָכדעם ווי חיה איז געקומען, איז דזשאָו אָנגעקומען אין שטעטעל.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אַרום זיין הויז און ניט געהאַט קיין מוט אַריינצוגעהן נאָך זיינע זאַכען.

ניט ס'איז איהם גאָר איינגעפאַלען צוצונעהמען זיינע זאַכען פריהער מיט עטליכע טעג, און ניט ער וואָלט געהאַט מוט דאָס צו טאָן.

ער איז צוערשט אַוועק אין גאַראַדזש נאָכ'ן טראָק.

אין הויז האָבען חיה און סעמקע געהערט ווי מען נעמט דעם טראָק פון גאַראַדזש. קיינער פון זיי איז ניט צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן אין פענסטער.

דזשאָו האָט אַרויסגעפיהרט דעם טראָק פון גאַראַדזש, אָפּגעשטעלט זיך אין דרויסען, געשטאַנען אַ היבשע ווילע ביים טיר פון הויז.

ענדליך איז ער אַריין אין הויז מיט וואַקלענדע טריט, ניט אומגעקוקט זיך, און גענומען זיך צו זיינע זאַכען אין קלאָזעט.

חיה און סעמקע זיינען געזעסען איינע לעבען די אנדערע אַרומגע־

נומען, און זייערע הערצער האָבען געציטערט; זיי האָבען ניט געוואָגט אַ באַוועג צו טאָן זיך, ווי זיי וואָלטען געזעהן אַ רויבער אַריינקומען.

חיה האָט צו דעם רויבער געפיהלט אַ שרעק, אָבער ניט קיין שנאה. נייך, זי האָט געהאַט אַ וואַרימען געפיהל צו דעם רויבער, און זי האָט זיך עס געשעהמט צו זאָגען פאַר זיך אַליין.

דזשאָו האָט צוזאַמענגענומען זיינע קליידער, עפּעס אַ פּאָר געצייגען, צוגעגאַנגען מיט׳ן פּעקעל צום טיר און געבליבען שטעהן אויף אַ מאָמענט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן פלאָר צו דער זייט וואו חיה מיט סעמקע׳ן זיינען געזעסען ווי פאַרטשאַדעטע. זיין קאָפּ האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף זיינע אַקסלען, און ער איז שטיל אַרויס מיט שווערע, וואַקלענדיגע טריט.

זיינע טריט אויף די טרעפּ האָבען אָפּגעקלונגען אין חיה׳ס מח ווי ווייטע, ווייטע קלאַנגען פון אַמאָל, אַמאָל אין זאַטשינא.

זי האָט געגלעט סעמקע׳ן, געכליפּעט מיט אַ שווערען שלוקערץ.

— מאַמע, — האָט איהר סעמקע צוגעדריקט שטאַרק צו זיך, — דו דאַרפסט זיין צופרידען; זשאַלעווע איהם ניט.

— ניין, ניט דאָס, — האָט חיה געכליפּעט, — ניט זשאַלעווען, מיין זוהן, ניין, ניט דאָס.

דאָס האַרץ איז איהר געשפּרונגען מיט טיפען פּיין. זי האָט זיך געפיהלט ווי אַן אומגליקליכע כלה, פון וועמען דער חתן, אַ פאַרדאַרבענער מענש, איז אַנטלאָפען פון אונטער דער חופה.

ניין, ניט דער שאָדען פון דעם פאַרלוירענעם חתן האָט איהר געוועה־טאָגט.

ניין, ניט דער חתן; ס׳איז דער וועהטאָג פון אַ צושטערטער חופה.

זי האָט געקלעמט, געקלעמט, און אויסגעבראָכען אין אַ ספּאַזמע־געוויין.

ניין, ניט נאָך דזשאָו האָט זי געוויינט; זי האָט באַקלאָגט איהרע אַמאָליגע מיידעלשע יאָהרען.

דזשאָו איז אַרויסגעפאָהרען מיט׳ן טראָק פון בושוויל און זיך פאַר־נומען אויפ׳ן וועג צו דזשיימסוויל.

אַרויספאָהרענדיג פון שטעטעל, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אַהינטער, אויף די פּיערלעך פון די בושווילער הייזער. און ס׳האָט איהם געדריקט אַ שווערקייט אויפ׳ן האַרצען.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געהאַט די צרות פון וואַקלענישען צווי־שען בושוויל און לינדענטאַון, צווישען בושוויל און דזשיימסוויל, האָט ער געהאַט איין זאָרג — ווי אַזוי קומט מען צו אַ גט. אַ גט האָט פאַר איהם ניט נאָר געמיינט די באַפרייאונג פון חיה׳ן, נאָר אויך פון בושוויל, פון אַלע

נאַגענישען, פון מענשען, וועלכע האָבען זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער.

און ווען ער איז אַרויסגעפאָהרען פון בושוויל אויף אַלעמאָל, האָט זיין האַרץ געמורמעלט: „ניין, ניט דאָס, ניט אַזוי האָב איך געמיינט".

ער האָט געמיינט עפּעס אַנדערש, ניט דאָס וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען.

ס'איז געווען דעם ערשטען מאָל, וואָס דזשאָו איז געפאָהרען אָהן חשק צו מאָלי'ן.

עס האָט איהם געריסען זיין האַרץ נאָך סעמקע'ן. ער האָט גאָר קיינ־מאָל ניט געוואוסט ווי טייער סעמקע איז ביי איהם. און אויף חיה'ן, אויף חיה'ן האָט ער רחמנות געהאָט; אויף זיך אַליין האָט ער רחמנות געהאָט.

ער האָט געטריבען דעם טראָק און אָנגעהויבען צו כליפּען.

ער האָט געכליפּעט ווי אַ פאַרטריבענער, פאַרבלאָנדזשעטער אינגעל, וואָס ווייסט ניט אין וועלכען זייט זיין היים איז, און אַ שווערקייט האָט ער געפיהלט אויף זיך, ווי ער וואָלט געווען אַן אַלטער שוואַכער מאַן.

ביי איינער נאָר, בלויז ביי איינער, האָט אַ ליכטיגער פייער'ל אויפגע־ברענט אין האַרצען — ביי מאָלי'ן, ביי מאָלי דער געלער, אין דזשיימסוויל.

איהרע לאַנגלעכע פלאַטשיגע ווייבליכע אויגען האָבען געבליסטשעט מיט גאָר אַ נייעם סאָרט גלאַנץ. זי האָט געפּרעסט איהר אויסגעוואַשענע ווייסע ווייסטעל, און עס האָט פון איהר פרייד אַרויסגע'יובעלט.

ע נ ד ע.

קורצע ערצעהלונגען

הינדע

זיבעז אַזייגער אינדערפריה, ווען די קינדער זייַנען געשלאָפען, איז איזידאָר ראָזין, אַ מענש אין די פופציגער, געזעסען ביים ברעקפעסט, און זיין פרוי האָט צו איהם גע׳טענה׳ט. נאָך פון נעכטען ביינאַכט אָן האָט זי איהם געהאַלטען אין איין דערצעהלען וועגען דעם סקאַנדאַל וואָס זיינע קינדער האָבען איהר געמאַכט.

— איך בעט דיך, רעד שטילער, — האָט דער מאַן איהר געשושקעט — זאָלען די קינדער ניט הערען ווי דו רעדסט אויף זיי.

זי האָט גערעדט און געוויינט, און זי האָט איהם עטליכע מאָל אַדרעסירט „מיסטער ראָזין", אַנשטאָט רופען איהם ביים ערשטען נאָמען, ווי אַ ווייב רעדט צו איהר מאַן. זי האָט זיך רעכט נאָך ניט צוגעוועהנט צו רופען איהם איזידאָר, ווייל זי איז מיט איהם געווען פאַרהייראַט ערשט איין יאָהר, און גאַנצע ניינצעהן יאָהר פאַר זייער הייראַט האָט זי איהם געקענט אויף אַזאַ סאָרט אופן און אין אַזעלכע אומשטענדען, אַז עס איז איהר איצט אַלץ געווען פריקרע — זי האָט פשוט ניט געהאַט די חוצפה צו זאָגען איהם „דו" און רופען איהם ביים ערשטען נאָמען.

נאָכדעם ווי ער האָט איהר צערטליך אויסגעהערט, אַ גלעט געטאָן איהר, און געבעטען זיך אַז זי זאָל האָבען געדולד, האָט זי שוין צו איהם געזאָגט „דו".

ווען ראָזען איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר אויפ׳ן וועג צו זיין מעבעל-געשעפט — אַ סטאָר אויף דער איסט סאַיד — האָט זי איהם אָפגעהאַלטען און געפרעגט:

— איז זאָגסטו מיר צו, איזידאָר?

— איך בעט דיר, לאָז עס דערווייל געהן. מיר׳ן זעהן, — האָט דער מאַן געענטפערט אין אַ פּיינליכען טאָן.

— ניין, איזידאָר, דו מוזט ריידען מיט די קינדער.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך רייד מיט זיי, — האָט ער געענטפערט. — דו דאַרפסט זיך סטאַרען פון דיין זייט.

— איזידאָר — האָט די פרוי געוואָרענט — מיין ניט, אַז דאָס איז אַ

קלייניגקייט. וואָס איז געכטען געווען, איז געגוג, אָהער אָדער אַהין — האָט זי געזאָגט מיט כעס.

— מיר׳ן זעהן, מיר׳ן ריידען שפּעטער, — האָט דער מאַן איהר גע־בעטען, און האָט אַרויסגעאיילט פון הויז.

אויף דער אַנדער זייט פון טיר האָט ראָזין אַרויסגעזיפצט:

— עך, עך, פּלוצלונג גאָר, אַ גאַנצע איבערקערעניש.

עס איז דורך דעם נעכטיגען טאָג ווירקליך פאָרגעקומען אַן איבער־קערעניש אין דער הויז פון דער ראָזין פאַמיליע. דאָס אויפגעקאָכטע ציטער־ניש, וואָס האָט געטליעט אונטער אַ צודעק פון געדולד, שעמעוודיגקייט און איינזעהעניש מיט דעם פאָטער און מאַן, האָט אַרויסגעפּלאַצט.

נעכטען אין דער פריה האָט די צוואַנציג יאָהריגע איוואַ געגעבען דעם סיגנאַל צו דער לאַנג־ערוואַרטעטער מלחמה, מיט איהר אויסשרייען:

— הינדע! וואָס פאַר אַ טריקס שפּילסטו דאָ אין הויז? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט אויסגעוואַשען די זאָקען?

— איך בין דאָ ניט דיין דינסט, — האָט הינדע געענטפערט צום ער־שטען מאָל מיט פעסטקייט, — איך וואַש ניט קיין זאָקען מעהר.

— דו ביזט יע דאָ די דינסט! — האָט איוואַ אויסגעשריען אי מיט חוצפה אי מיט וועהטאָג.

— איך בין מעהר קיין דינסט ניט! — האָט הינדע צום ערשטען מאָל געוואָגט צו ערקלערען — איך בין די באַלעבאָסטע!

— קוק איהר אָן! — האָט איוואַ גע׳חוזק׳ט, — קוק נאָר ווער עס איז די באַלעבאָסטע!

פון אַ צווייטען צימער האָט אַרויסגעקוקט די עלטערע טאָכטער ענן, שוין אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג, און זי האָט געזאָגט צו הינדע׳ן מיט גרויס פאַרביסענקייט:

— דו קענסט דאָ די באַלעבאָסטע קיינמאָל ניט ווערען, הינדע. מען האָט דיר אָהער געבראַכט אַלס דינסט.

נאָך אַזאַ קריגעריי, וואָס האָט אַרויסגעפּלאַצט נאָך אַ יאָהר שטילע להכעיס׳ן און הינטער־קוליסען אינטריגעס, האָט הינדע אָפּגעוויינט דעם גאַנצען טאָג פאַר זיך, ביי איהר אין צימער, און די צוויי מיידלעך זיינען אַרומגעגאַנגען מיט צעוועהטאָגטע הערצער.

מען האָט געדאַרפט קענען די דאָזיגע הויז פון איזידאָר ראָזין; מען האָט געדאַרפט וויסען די געטרייע צוגעבונדענקייט פון די צוויי שוועסטער צו הינדע׳ן און פון הינדע׳ן צו זיי, אום צו פאַרשטעהן דעם וועהטאָג וואָס דער אויסברוך האָט זיי אַלעמען פאַרשאַפט. סך הכל, ווען אימיצער זאָגט

צו הינדע׳ן אזא סארט שארפען זידעל־ווארט מיט א יאהר צוריק, וואלטען די צוויי מיידלעך מיט יענעם זיך געשלאגען ביז אין בלוט אריין פאר הינ־דע׳ס פארטיידיגונג.

הינדע, איזידאר ראזינ׳ס צווייטע פרוי, איז ניט קיין געוועהנליכע צווייטע פרוי, מיט וועלכער אן אלמן פון דערוואקסענע קינדער האט חתונה. איידער הינדע איז געווארען די צווייטע מיסעס ראזין, איז זי גאנצע ניינצעהן יאהר געווען א געטרייע דינסט צו דער ערשטער מיסעס ראזין, און אן איבערגעבענע ניאנקע צו די קינדער, מיט וועלכע עס קומט איהר איצט אויס צו שטעהן אין א מלחמה.

עס קאסט הינדע׳ן גענוג געזונט, ווי א מאמען קאסט שטיקער געזונט, ווען זי דארף זיך קריגען מיט איהרע קינדער. אבער אן אמת׳ע מאמע קען זיין פרייער מיט א ווארט אויסצוקיהלען איהר ביטער הארץ. הינדע טאר די פרייהייטען זיך ניט נעמען.

א שטונדע נאכדעם ווי ראזין איז אוועק צו זיין געשעפט, האבען גענו־מען אויפשטעהן די קינדער, מיט וועלכע הינדע איז שוין געווען אויף מע־סערס פון נעכטיגער קריג.

די ערשטע איז אויפגעשטאנען איוואַ, די אינגסטע. זי האט זיך פארטיג געמאכט צו געהן אין קאלעדזש. אויפ׳ן טיש איז געשטאנען אנגעגרייט א ברעקפעסט. הינדע האט אנגעגרייט ברעקפעסט פאר די קינדער ווי אלע טאג, אבער איוואַ האט אוועקגעאיילט, ניט צוריהרענדיג זיך צום ברעק־פעסט. זי איז אוועק מיט א צו־להכעיס׳דיגען קלאפ אין טיר.

דאן איז אויפגעשטאנען הערי, דער עלטסטער. ער איז שוין א יאהר דרייסיג, און ער איז מיט׳ן פאטער אין געשעפט. הערי האט זיך געזעצט צום טיש. דאס האט הינדע׳ן דערפרעהט איהר הארץ. הערי איז טאקע דער בעס־טער פון זיי אלעמען, האט זי געטראכט; ער איז ווי א שטילע טויב.

זי האט איהם צוגעטראגען די קאווע, און מיט א געבעט האט זי געזאגט:

— איוואַ איז אוועק אהן ברעקפעסט, זי איז נאך אין כעס. דאס בא־צאהלט זי מיר פאר אלע —

הערי האט איהר איבערגעשלאגען:

— ליוו מי עלאון, דאנ׳ט דרעג מי אינטו איט (לאז מיר צופרידען, שלעפ מיך ניט אריין אין דעם).

ביי הינדע׳ן האבען זיך גענומען טרייסלען די הענט ביים אוועקשטע־לען די קאווע אויפ׳ן טיש, און הערי, א קוק טוענדיג אויף איהר מיט אביסעל צער און מיט א ביסעל צארן, האט ער צוגעגעבען:

— דו האָסט עס אַליין געבראַכט אויף זיך.

ער איז אַוועק אַ פאַרכמורעטער אָהן אַ גודבאַי.

העריס ענטפער, הויפּטזעכליך זיין ערשטע און שטילע אַנצוהערעניש דאָס זי האָט ניט געדאַרפט חתונה האָבען מיט זיין פאָטער, האָט הינדע׳ן מעהר דערשלאָגען ווי די טומעלדיגע קריגס־ערקלערונג פון די צוויי מיידלעך, איוואַ און ענן.

הינדע האָט זיך בערוועז גענומען איילען אין שפּייז־מאַרקעט איינצוקויפען פאַר׳ן טאָג. זי האָט געוואָלט אַרויסגעהן פון הויז איידער ענן, די עלטערע מויד, וועט אַרויסקומען פון איהר צימער.

די מויד (אַזוי דריקט זיך הינדע אויס אין איהר געדאַנק וועגען ענן׳ן פאַר די לעצטע מאָנאַטען, זינט די מלחמה איז געגען איהר געעפענט געוואָרען). ענן איז די פאַרביסענסטע געגען הינדע׳ן. זי איז שטענדיג אין הויז און האָט ניט וואָס צו טאָן אַנדערש ווי אינטריגירען געגען הינדע׳ן. ענן איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין די רייכסטע יאָהרען פון ראַזינ׳ס ביזנעס, און זי איז די צובאַלעוועטסטע קינד. זי איז טאַקע סתם אַ שלעכטע, ענן. איהר באַציהונג צו הינדע׳ן איז דורכאויס מיט גיפט און גאַל. זי כאַפּט זיך אפילו אַרויס איבער די סטאָרס איינקויפען שפּייזען, אַלערליי הויז־אַרטיקלען מיט דער אַבזיכט אַוועקצונעהמען ביי הינדע׳ן איהר ראָלע אַלס באַלעבאָסטע. זי האָט גענומען ריידען הויך איבער׳ן הויז. זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַזוי ווי עס איז מעהר ניטאָ ווער עס זאָל אַרבייטען אין הויז, דאַרף מען זיך ווענדען צו אַן איידזשענסי וועגען אַ מיידעל. זי האָט אַזוי, באַטירליך, גערעדט ווען דער פאָטער איז ניט געווען אין הויז, און זי האָט עס אַדרעסירט מעהר צו הינדע׳ן ווי צום ברודער און שוועסטער.

אַזעלכע און עהנליכע שטעך־ווערטלעך האָט ענן גענומען וואַרפען אין די ערשטע דריי מאָנאַטען זינט זייער פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט דער דינסט. פריהער האָט זי עס געזאָגט בלויז צו איוואַ׳ן און הערי׳ן. שפּעטער אָבער האָט זי גענומען ריידען דוקא אַז הינדע זאָל הערען.

הינדע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון הויז איינצוקויפען, ווי זי טוט עס שוין דאָ פאַר דער פאַמיליע פאַר איבער צוואַנציג יאָהר. זי האָט איבערגעלאָזען אַ געגרייטען ברעקפעסט אויפ׳ן טיש פאַר דער פאַרביסענער ענן.

*

הינדע איז אָנגעקומען אין הויז מיט איבער צוואַנציג יאָהר צוריק. מיסעס פוירל ראָזין האָט דאַן געבוירען איהר דריטע קינד, איוואַ, און אַ לאַנדס־פרוי האָט אַריינגעבראַכט אַ יונגע, געזונטע ווייבעל, האָט איהר פאַר־

געשטעלט אַלס הינדע, און אַט די הינדע איז געוואָרען די דינסטמיידעל פון דער ראָזין פאַמיליע.

הינדע איז אויך געווען דער קימפּעטאָרינ׳ס אַ לאַנדס־פרוי, אָבער די ראָזינ׳ס האָבען איהר פון פריהער ניט געקענט. איזידאָר ראָזין איז דאַן גע־ווען זעהר רייך. זיין מעבעל ביזנעס איז געווען אין דער סאַמע בליהונג און אויך אַנדערע געשעפטען, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלעגט געלט, זיינען געגאַנגען זעהר גוט. די ראָזינ׳ס האָבען שוין דאַן געוואוינט אויף איינעם פון די נייעסטע און שעהנסטע בלאָקס פון גרענד קאָנקאָרס.

פוירל ראָזין, די באַלעבאָסטע, איז אַמאָל געווען אַ באָרימטע שעהנ־הייט צווישען די גרענד סטריטער באַלעבאַטישע מיידלעך. זי איז געבאָרען געוואָרען אויף גרענד סטריט, ניו יאָרק, און ראָזין אַלס אַן אימיגראַנט, האָט איהר קוים געקראָגען, די שעהנע היגע מיידעל, די אַמעריקאַנער־געבוירענע.

אין הויז איז געווען פון אַלדאָס גוטס. די צוויי סקול־קינדער, הערי און ענן, זיינען געווען זעהר איידעל ערצויגען, האָבען טאַקע אַט די אַלע זאַכען געשיינט פאַר הינדע׳ן אַלס אַ גוטע, ליבע היים. הינדע איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר איינגער פון איהר באַלעבאָסטע, אָבער ניט קיין שעהנע. זי האָט דורכגעמאַכט אַ טרויעריגען טעות אין איהר הייראַט און איז קוים באַפרייט געוואָרען פון אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט פאַרטאַכלעוועט איהר געלט — איהר לעבענס־האָרעוואַניע.

מיסעס ראָזין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט הינדע׳ס טרויעריגער לאַגע, זי האָט אויסגעהערט איהר טראַגעדיע, וואָס הינדע פלעגט דערצעה־לען עפּיזאָדענווייז פון צייט צו צייט. מיסעס ראָזין און הינדע זיינען געווען אין שטוב ווי צוויי געטרייע שוועסטער, נאָר די באַלעבאָסטע איז געווען אַ שעהנע, אַ דעליקאַטע און האָט ניט געקענט אַרבייטען שווער. הינדע, ווידער, איז געווען אַ ברייט־פּלייציגע, אַ געזונטע און מיט אַ גרויסען חשק צו אַרבייטען, אָבער, ווי געזאָגט, ניט קיין פאַרשוין.

די געטרייע, האָרעפּאַשנע הינדע איז ווי געבוירען געוואָרען צו ניאַנ־טשען קינדער, צו באַדינען מענשען. ווען זי איז נאָך געווען זעהר אַ קליין מיידעל, האָט איהר מוטער, אַן אלמנה, איהר פאַרדונגען צו ניאַנטשען אַ קינד אין אַ באַלעבאַטישער הויז.

ניט הינדע און ניט די ראָזינ׳ס האָבען זיך אַרומגעזעהן ווי עס זיינען אַריבערגעפלויגען נייצעהן יאָהר זינט הינדע איז דאַ אין הויז. די קינדער האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז הינדע איז פון אייביג אַן זייער באַדינערקע, זייער שפּייזערקע, זייער פאַרזאָרגערקע, זייער גוטע, געטרייע הינדע.

ווען מיסעס ראַזין איז געשטאַרבען, איז הינדע זיי געבליבען די איינ־ציגע טרייסט.

הינדע, וועלכע ווערט איצט אַזוי באַליידיגט, אַזוי ערנידעריגט, זעהט פאַר איהרע אויגען יענע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז, מיט עפּעס מעהר ווי אַ יאָהר צוריק, ווען מען איז געקומען פון דער לויה. אַלע דריי קינ־דער האָבען זיך געטוליעט אַרום איהר. די צוויי מיידלעך האָבען איהר אַרומ־גענומען און געוויינט, פאַרגאָסען זייערע טרערען אויף איהר, אויף הינדע׳ס פּנים, אויף איהר האַלז, אויף איהר ברייטען בוזים. מיט געבעט האָבען זיי אַרויפגעקוקט צו זייער געטרייער הינדע. אַזוי ווי זיי וואָלטען געזאָגט: ליבינקע, זיי דו כאָטש געזונט און פאַרלאָז אונז ניט.

לאַנג אָבער האָט די דאָזיגע שטימונג ניט אָנגעהאַלטען.

נאָך אין דער וואָך פון שבעה האָבען הּאייניגע ווייבער און אידען, וואָס האָבען ליב צו באַלבען, אַריינגעוואָרפען ווערטער און ווערטלעך, פון וועלכע הינדע, אַזוי גוט ווי מיסטער ראַזין, האָבען זיך דערפיהלט מאָדנע אומ־באַקוועם.

טאַקע אָט די לייטישע ווערטלעך האָבען אונטערגעהעצט, אָנגערעגט געדאַנקען און געפיהלען, וואָס זיינען סאַי ווי סאַי געווען ביי הינדע׳ן, ווי אויך ביי ראַזינ׳ען, פאַרבאָרגען אין האַרצען.

עס איז הינדע׳ן אַפּט געוואָרען אומהיימליך אין שטוב אין ראַזינ׳ס געגענוואַרט, ספּעציעל אין די אָווענטען, ווען קיינער פון די קינדער איז ניט געווען דערביי.

איזידאָר ראַזין איז ביי זיין פרוי׳ס טויט שוין ניט געווען דער רייכער מאַן ווי פריהער. דאָס מעבעל געשעפט האָט קוים, קוים געטראָגען אויף אָנצוהאַלטען די הוצאה פון שטוב, וואו מען איז געוואוינט זיך צו פיהרען ברייטלעך, און קיינער פון די דערוואַקסענע קינדער האָט נאָך ניט פאַרלאָזען דאָס הויז חתונה צו האָבען.

ער איז געווען דערשלאָגען, ראַזין, סאַי פון דער ביזנעס־לאַגע און סאַי פון דעם שיקזאַל פון זיינע קינדער.

יוגענטליכע פאַרלאַנגען זיינען איהם אין זינען ניט געלעגען. וועגען פאַרפיהרען בייע גרויסע וועלטען האָט ער שוין ניט געשטרעבט ; איז האָט ער אָנגעהויבען צו קוקען אויף הינדע׳ן, אויף איהר געטרייער אַרבייט אין הויז, אויף איהר ניט גאָר שעהנעם אויסזעהן ; און ער איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטוב אַ פאַרטראַכטער.

אַז הינדע האָט דערפיהלט זיין קוקען אויף איהר און האָט דערזעהן

ווי ער איז פאַרטראַכט, האָט זי זיך דערפיהלט זייער אומהיימליך. זי האָט ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיך פון עפּעס אַ מאָדנעם געפיהל.

איינמאָל, ווען הינדע האָט געזעהן ווי ראָזין טראַכט און קוקט אויף איהר, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי רעכענט צו פאַרלאָזען דאָס הויז.

— פאַרוואָס, הינדע, זאָלסטו מיך און די קינדער איצט, אין אַזאַ צייט, איבערלאָזען? — האָט ראָזין ווי געפרעגט. — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אָדער די קינדער דיר געטאָן?

האָט אויף דעם געענטפערט הינדע:

— חלילה, מיסטער ראָזין, איך האָב צו אייך גאָר ניט; און די קינדער, געזונט זאָלען זיי זיין, זיינען מיר איינגעבאַקען אין האַרצען.

— איז וואָס־זשע, גראָדע איצט ווילסטו אונז איבערלאָזען?

— מען רעדט אויף מיר, — האָט הינדע געזאָגט פאַרשעמט.

— וואָס עפּעס רעדט מען אויף דיר? וואָס איז דאָ צו רעדען אויף דיר?

— מאַלע וואָס עס איז ניטאָ וועגען וואָס צו רעדען. אַבי מען רעדט.

יענעם אָווענט האָבען זיי זיך אַזוי דורכגערעדט, לאַנג, לאַנג וועגען זיך און וועגען די קינדער, און זיי האָבען באַשלאָסען חתונה צו האָבען.

ראָזין האָט געמיינט דערמיט צו פאַרשטאַרקען די הויז. ער האָט עס געטאָן צוליב די קינדער, וואָס ביי קיינעם פון זיי איז נעבעך ניטאָ קיין טאַלק, און זיי דאַרפען דעם טאַטענ׳ס הילף און הינדע׳ס „פלייצע” אַלס בעל־הבית׳טע אין שטוב.

ראָזין און הינדע האָבען הויפּטזעכליך געהאַט אין זינען די קינדער, זיי האָבען אָבער זייער חופּה געהאַלטען עטליכע וואָכען אַלס אַ סוד — ניט געהאַט קיין מוט צו דערצעהלען.

אַז די קינדער האָבען זיך אָבער דערוואוסט, האָבען ראָזין און הינדע „אויסגעפּויערנישט” אַ בעדרום פאַר זיך און דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ גאַנצע דראַמע.

ראָזין און הינדע האָבען זייער חתונה באַטראַכט פאַר אַ גלייכע זאַך פאַר אַלעמען. היינט פאַרוואָס זאָל דערפון אַרויסקומען אַ גאַנצער טראַבעל? ווארים וואָס וואָלט פון אַלעמען געוואָרען אָהן דער געטרייער מוטערליכער הינדע?

אָבער ביי די קינדער האָט דער חשבון אויסגעלעגט זיך פּונקט פאַרקערט. זיי האָט זיך געדוכט, אַז ווען זייער פאָטער וואָלט גענומען אַ ווילדפרעמדע אידענע אַלס אַ ווייב, וואָלטען זיי דאָס געקענט פאַרטראָגען. אַז

הינדע אָבער זאָל פאַרנעמען זייער מוטער׳ס פלאַץ, דאָס איז זיי געווען אומ־מעגליך זיך פאָרצושטעלען. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט צוזעהן ווי הינדע איז געוואָרען זייער פאָטער׳ס ווייב. יעדעס מאָל ווען זיי האָבען הינדע׳ן געזעהן אַריינגעהן אין דעם ניי־אויסמעבעלירטען צימער, וואו דער טאַטע איז אַוועק שלאָפען אַנהויב אָווענט, זיינען זיי אויפגעבראַכט געוואָרען פון ווייטאָג און פון צאָרן.

אַ שטיקעל צייט האָט דער פייער געטליעט און ניט אויסגעבראָכען, ווייל הינדע איז דאָך ביי די קינדער געווען באַליבט; און ווען די אַנצוי־הערענישען און שטעך־ווערטלעך האָבען זיך אָנגעהויבען, האָט הינדע צוערשט ניט געוואָגט צו ענטפערען, ווייל זי איז דאָך פאַרט געווען די דינסט, און זי האָט זיך געפיהלט שולדיג. איהר האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז זי האָט טאַקע ראָזינ׳ען פאַרפיהרט; און די קינדער זיינען איהר געווען טייער.

ערשט דאָ ניט לאַנג האָט הינדע אָנגעהויבען אָפּצוענטפערען, און דאָס האָט די קינדער צוגעגעבען מעהר געוואַגטקייט, און אַן אָפענע גרויסע קריג האָט אויסגעבראָכען, און „די דינסט״ — וואָרים ביי די קינדער איז זי נאָך אַלץ געווען די דינסט — האָט מיט זיי פאַרפיהרט אַ מין סטרייק. זי האָט ניט אויסגעוואַשען זייערע זאָקען און אַנדערע קלייניגקייטען, ווי זי פלעגט עס טאָן אַלע יאָהרען, מחמת מען קען עס ניט אָפּגעבען אין דער לאַנדרי.

דער אויסברוך האָט זיך אָנגעהויבען פון דעם וואָס איוואַ׳ן האָט אויס־געפעהלט ריינע זאָקען. איוואַ האָט ווי געוואָרט אויף דער דאָזיגער געלע־גענהייט אַז זי זאָל קענען אַרויסקומען מיט אַ גערעכטער טענה און געשריי בעגען הינדע׳ן.

דורכ׳ן טאָג זיינען די צוויי טעכטער געווען ביים פאָטער אין סטאָר, באַקלאָגט זיך אויף הינדע׳ן, וואָס זי טוט ניט איהר אַרבייט אין שטוב און זי קריגט זיך מיט זיי.

ראַזין האָט ניט געהאַט קיין מוט צו פאַרטיידיגען הינדע׳ן, ניט געקענט אַפילו רעדען וועגען איהר אַלס זיין ווייב אין דער געגענוואָרט פון די קינ־דער. ער האָט זיך געשעמט, און עס האָט איהם אויך געריסען דאָס האַרץ אויף די קינדער וואָס זיינען געבליבען אָהן אַ מאַמע׳ן און אָהן אַ תכלית אין לעבען. און ענן איז שוין ניט גאָר יונג, און חתונה געהאַט האָט ער גאָר.

— וואָס קען איך טאָן? — האָט זיך דער פאָטער גענומען בעטען — מען דאַרף פאַרשווייגען.

— דהאָט הינדע איז טעריבל! — האָט איוואַ זיך גענומען קאָכען. — זי וויל זיך צו אונז ניט צוהערען.

— מיר קענען איהר ניט פאַרטראָגען, — האָט ענן גענומען רעדען שוין מעהר דירעקט צום וויטאָגדיגען פונקט — זי שרייט, אַז זי איז די באַלעבאָסטע, אַז זי איז... — און זי האָט זיך צעוויינט.

אויף איהר קוקענדיג האָט זיך איווא צעוויינט, אַוועקפאַלענדיג אויף דעם פאָטער'ס ברוסט.

אויך ראָזינ'ען האָבען גענומען שטיקען טרערען, און ער האָט געזאָגט:

— וואָס האָב איך געקענט טאָן? אודאי וואָלט איך עס ניט געטאָן ווען איך פאַרמאָג דאָס געלט וואָס אַמאָל. איך וואָלט זיך איינגעאָרדענט גאַנץ אַנדערש.

דאָס האָט ראָזין צום ערשטען מאָל אַרויסגערעדט פאַר זיינע קינדער וועגען זיין חתונה האָבען מיט הינדע'ן. אַ מין מתודה זיין זיך איז עס געווען.

— איך האָב געמיינט וואָס בעסער, — האָט דער פאָטער גערעדט פאַרשולדיגט, — אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט.

ראָזין אַליין איז ביי זיך ניט געווען זיכער, וואָס ער האָט ווירקליך גע־מיינט מיט די ווערטער „אַ טעות געהאַט". צי האָט ער געמאַכט דעם טעות וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט הינדע'ן, צי דער טעות איז געווען דעם, ווי די קינדער באַהאַנדלען הינדע'ן. ביי די קינדער אָבער איז קיין צווייפעל ניט געווען, אַז דער פאָטער האָט טאַקע חרטה אויף זיין חתונה, און אַז ער אַליין האָט דאָ צוגעגעבען, אַז הינדע קען ניט פאַרנעמען דעם אָרט פון זייער מוטער.

מען האָט זיך דורכגערעדט פון האַרץ צו האַרץ, אויסגעוויינט זיך, געוואָרען מיט'ן פאָטער אַזוי נאָהענט ווי אַמאָל, ווען די מאַמע איז געווען, ווען די פאַמיליע איז געווען גאַנץ.

אין אָוונט, ווען די פאַמיליע איז זיך צוזאַמענגעקומען, איז געווען שטיל — שטיל ווי נאָך אַ שטורעם און פאַר אַ שטורעם.ביידע צדדים — די קינדער און הינדע — האָבען זיך געפיהלט זיכער און באַרוהיגט. בלויז ראָזין האָט זיך ניט געפיהלט זיכער און איז ניט געווען רוהיג.

שפעט ביינאַכט האָט הינדע גענומען פרעגען ראָזינ'ען, צי ער האָט גערעדט מיט די קינדער. וואָס האָט ער זיי געזאָגט, און וואָס האָבען זיי צוגעזאָגט?

— לאָז אָפּ, הינדע, — האָט ראָזין זיך געבעטען, — אַ דאגה דיר וואָס איך האָב מיט זיי גערעדט. זאָל עס געהן ווי עס געהט.

— עס קען דאָך ניט געהן ווי עס געהט, — האָט הינדע געזאָגט אין אַ ברוגז'ן טאָן.

— איז וואָס ווילסטו ? — האָט ראָזין געפרעגט געערגערט, — איך זאָל אַרויסטרייבען די קינדער ?

הינדע האָט פאַרשטאַנען, אַז ראָזין האָט פּאַר איהר גאָרניט געטאָן. זי האָט זיך דערפיהלט געפאַלען, און קריגען זיך האָט הינדע קיין מאָל ניט געקענט ; אַ דערשלאָגענע איז זי געווען. און דאָ, אין ראָזינ׳ס הויז, איז זי געווען הויפּטזעכליך דערשלאָגען זינט זי איז געוואָרען די ווייב פון איהר בעל־הבית.

— איך האָב דיך ניט געבעטען אַרויסטרייבען די קינדער ; איך ווייס, אַז איך בין אַ צווייטע ווייב און אַ געוועזענע דינסט.

ראָזין האָט ניט געענטפערט אויפ׳ן שטעל. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וואָס ער וועט ענטפערען אויף די וועהטאָגדיגע ווערטער : „צווייטע ווייב און דינסט", וועט נאָך ערגער מאַכען.

אָבער אַז עס זיינען אַוועק אַ פּאָר מינוטען, איז פון זיין ניט־ענטפערען געוואָרען נאָך ערגער ; האָט ער זיך דאַריבער ענטשלאָסען און געזאָגט :

— מיר איז דאָך שלעכט פון ביידע זייטען. ווען איך בין אַזוי רייך ווי אַמאָל, וואָלט איך די קינדער געגעבען גענוג געלט און זיי וואָלטען גע־קענט פיהרען זייער אייגענעם לעבען באַזונדער.

הינדע האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט געפיהלט, אַז זי איז דורכ־געפאַלען, אַז זי וועט שוין דאָ אין הויז איהר מלחמה ניט געווינען.

ס׳איז געווען אַ שטומע קריגעריי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגען האָט זי זיך איינגעפּאַקט. ווען די פאַמיליע איז געקומען פאַרנאַכט אַהיים, איז הינדע מעהר ניט געווען ; דאָס הויז איז ניט געווען צוגעקלי־בען ; קיין סאַפּער איז ניט געווען.

ראָזינ׳ען האָט זייער פאַרדראָסען וואָס הינדע האָט איהם דאָ אַזוי אָפּ־געטאָן און וואָס זי וויל ניט פאַרשטעהן ווי שלעכט איהם איז. ער איז ניט געגאַנגען גלייך בעטען איהר צו קומען אַהיים. ער האָט געוואוסט וואו זי איז. זי האָט ניט קיין אַנדער אָרט וואו אַוועקצוגעהן ווי צו איהר קוזינע דאון טאון, אויף הענרי סטריט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ראָזין פאָרט געגאַנגען איהר איבערבעטען. ווען ער האָט איהר צוריק־געבראַכט, זיינען די קינדער גערן געוואָרען וואָס זי איז צוריק געקומען. דאָס זיינען קינדער וואָס זיינען זייער גאַנץ לעבען געוואוינט געוואָרען באַדינט צו ווערען פון דער געטרייער, האָרע־פּאַשנער הינדע. נו, האָבען זיי אין די פּאָר טעג אַנגעוואָרפען און אַנגעשליי־דערט איבער׳ן גאַנצען הויז.

ווען הינדע האָט זיך באַוויזען, זיינען די קינדער געווען שטיל. איוואַ,

וואָס ציגדט זיך לייכט אָן, איז זאָגאַר צוגעגאַנגען צו איהר, אויפ׳ן פּאָטער׳ס פּאַרלאַנג, און געזאָגט: „אֵי עם סאָרי, הינדע״.

הינדע איז אַריין אין קיך, גענומען זיך צום באַרג פּאַרטריקענטע ניט־געוואַשענע געשיר; פון אויווען האָבען זיך שנעל דערהערט גוטע ריחות פון איהרע מאכלים.

יעדער האָט דערפיהלט, אַז הינדע מוז דאָ זיין; און הינדע, אַרבייטענדיג מיט חשק, באַוועגענדיג מיט איהרע ברייטע שווערע פּלייצעס, האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינגעזעהן, אַז די קרוין פון דער בעל הבית׳טע וועט מען איהר דאָ קיין מאָל ניט געבען. זי איז אַ דינסט הינדע, אַ דינסט. זי דאַרף זיך באַנוגענען מיט דער חופה וקדושין שטילערהייד, ניט אויפ־רייסען די אויגען ביי די קינדער, וואָס, נאָך אַלעמען, זיינען זיי איהר איינגעבאַקען אין האַרצען; און מיט איהר שטענדיגען חשק האָט זי זיך פאַרטאָן אין דער אַרבייט דאָ אין קיך, אין איהר קעניגרייך.

ענדליך איז איהר מאַן געשטאָרבען

זי האָט איהם קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און ענדליך איז ער געשטאָרבען.

צוואַנציג יאָהר פון אונערטרעגליכען פאַרהייראַטען לעבען האָט זי גע־טראָגען אין איהר האַרצען אַ באַהאַלטענעם וואונש צו ווערען פריי פון דעם מאַן, וועלכען זי האָט ניט ליב געהאַט.

ענדליך איז ער געשטאָרבען.

אויף גרענד סטריט, אין דעם פיונעראַל פּאַרלאָר (די פּריוואַטע שעהן אויסגעצירטע טהרה־שטיבעל) איז דער טויטער געלעגען אין קאַסטען, און די אלמנה איז געזעסען דערביי אויף אַ שטול און האָט געגאָסען מיט טרערען, געוויינט און געשלוכצט.

דער עולם פון דער משפחה, איבערהויפּט פון דעם מאַנ׳ס צד, האָט זיך געשושקעט אין די ווינקעלאַך פון דעם „פיונעראַל פּאַרלאָר".

— זי זיצט און וויינט נאָך איהם ווי אַ רעגעלע אלמנה, — האָט איי־נער באַמערקט.

— ווי זי מאַכט עס דעם אָנשטעל, — האָט אַ צווייטער אונטער־געברומט.

אַלע פון דער משפחה האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ לעבען עס איז געווען צווישען דייוויד׳ען און לינאַ׳ן. די פריינד און קרובים האָבען, אייגענטליך, געוואוסט אַ סך מעהרער פון לינאַ׳ס אונגעטריישאַפט צו איהר מאַן, ווי ער, דער מאַן אַליין. זיי האָבען געוואוסט וועגען איהר פיל ערגערע זאַכען, ווי זי אַליין האָט געוואוסט און ווי זי איז אין דער אמת׳ן געווען; און ווען עס האָט געטראָפען דער אומגליק מיט דייוויד׳ען, און ער איז גע־לעגען אַ טויטער אין קאַסטען, איז פאַר אַלעמען געווען פריקרע, וואָס לינאַ האָט אַזוי איינגעלעגט די וועלט מיט איהר וויינען.

אויפ׳ן מיטען פון דעם הויפּט־צימער פון דעם „פיונעראַל פּאַרלאָר" איז געשטאַנען דער ארון מיט׳ן טויטען קערפּער, און ביי דער זייט געגענ־איבער דעם ארון איז געזעסען די פאַרוויינטע אלמנה. דער עולם, וועלכער איז געגאַנגען אין אַ רייהע אַ קוק טאָן אויף דעם טויטען, זאָגען איהם דעם לעצטען „גוד באַי", איז אויסגעקומען צו זיין צווישען דעם טויטען דייוויד׳ן און צווישען דער פאַרוויינטער לינאַ׳ן.

יעדערער האָט מיט אַ פּנים פון אויסדרוק פול מיט שמערץ געקוקט צום טויטען און ניט ווילענדיג גלייך אָפּגעקערט זיך צו דער פאַריאָמערטער לינאַ'ן, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַ שמייכעל.

די אלמנה, ווי אַלע האָבען איהר געקענט, האָט מיט איהר ווײנען גע־שאַפען אַ בורלעסק אַטמאָספערע ביי דער לויה.

אייניגע זיינען פּשוט קוים איבערגעלאָפען דעם פלאַץ צווישען טויטען און דער אלמנה אום ניט אויסצושיסען מיט אַ געלעכטער אין אַזאַ טרויע־ריגער צייט. און די נאָהענטע קרובים, וואָס האָבען זיך קוים אַרויסגע־ראַטעוועט פון דער אונאַנגענעמער לאַגע, האָבען נאָכדעם געמורמעלט מיט כעס:

— אַ, אַ, אַזאַ חלול השם, אַזאַ שאַנדע, אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגען.

אַלע האָבען געפיהלט צו לינאַ'ן, ווי זי וואָלט געווען דער מלאך המות, און זי איז געקומען רייצען זיך מיט אַלעמען און זאָגען מיט איהר ווײנען:

— אַהאַ, איהר זעהט, איך האָב אויסגעפיהרט. ער איז געשטאָרבען און איך וויין, און טוט מיר עפּעס.

לינאַ סאָלאָוועיטשיק, די פאַריאָמערטע ווייב פון דעם בר־מינן, איז געווען באַוואוסטזיניג וועגען דעם, וואָס די משפּחה־מענשען טראַכטען וועגען איהר. זי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען וועגען וואָס די קוזינעס שושקען זיך. זי האָט געוואוסט, אַז איהר צו־שטאַרקער ווײנען רייסט אויף אַלעמען די אויגען.

זי האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען זיך פון ווײנען, אָבער זי האָט ניט געקענט.

זי האָט ניט געקענט אויפהערען ווײנען, ווייל די טרערען האָבען זיך געגאָסען אַליין פון זיך, און איהר האַרץ האָט אַזוי וועה געטאָן.

אָט איז איהר מאַן געשטאָרבען. זי בלייבט אַן אלמנה; און דער טויט, וואָס איז דער סוף פון דעם לעבען, איז אַזוי נאָהענט צו איהר.

זי האָט געוויינט אויף איהר ניט דערלעבטען לעבען און אויף דער טראַגעדיע פון די קינדער, פון איהרע דריי קינדער, וועלכע זיינען געבלי־בען יתומים.

כל זמן דייוויד האָט געלעבט האָט זי געהאַפט און געשטרעבט, אַז זי וועט נאָך געניסען פון לעבען.

זי איז באַגראָבען געוואָרען פאַר אַ מענשען, וועלכען זי האָט ניט גע־קענט ליבען.

די גאַנצע צייט האָט זי געטראַכט און איז געווען איבערצייגט, אַז שטענ־דיג קען דאָך אַזאַ אונערטרעגליכער לעבען ניט זיין. יעדען טאָג פון נאָך

דער חתונה האָט זי ניט אַריינגערעכענט אין איהר לעבען. דאָס זיינען אַלץ געווען ניט געלעבטע יאָהרען. זי האָט געהאַלטען איהרע אויגען צו דער צוקונפט און ניט געזעהן דעם חשבון פון די פאַרגאַנגענע טעג און יאָהרען.

און אַט איז דייוויד טויט, און די צוואַנציג יאָהר נאָך דער חתונה אָן זיינען אויסגעוואַקסען פאַר איהר אין זייער פולער לענג. זי בלייבט אָן אלמנה מיט דריי יתומים. שוין דאַכט זיך, אַז אַלעס ענדיגט זיך. קיין סך צייט צו האָפען איז שוין ניט פאַרבליבען. אַט קומט זי באַלד אַריין אין די מיטעלע יאָהרען; און אפשר איז זי שוין אין די מיטעלע יאָהרען?

אָן אלמנה פאַרבלייבט זי, און נאָך אַ יאָהר אַכט, זי וועט זיין אַ פופציג יאָהריגע פרוי. ווען מען זיצט לעבען אַ טויטען, ווערען די יאָהרען אַזוי קליין, אַזוי קורץ. זי האָט ביז איצט אַט דאָס אַלעס גאָרניט פאַרשטאַנען, גאָרניט געזעהן.

זי האָט דאָך נאָך גאָרניט געלעבט, און אַט ליגט איהר מאַן אַ טויטער.

זי האָט געשלוכצט; איהר האַרץ האָט געדריקט; קוואַלען טרערען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען.

זי האָט ניט געוויינט אויף דער טראַגעדיע, וואָס דייוויד איז געלעגען אַ טויטער, נאָר אויף דעם, וואָס זי איז געווען די פרוי פון דעם טויטען.

אויפ'ן בית עולם, ווען מען האָט געגומען אַרונטערלאָזען דעם ארון אין קבר, האָט זיך לינאַ צואוויינט מיט היסטעריקע, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ צום חלש'ען, און איהרע ברידער האָבען איהר אונטערגעהאַלטען אונטער די אָרימס.

דעם מאַנ'ס משפחה־לייט, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט פון דער לויה געהאַלטען זיך פון איהר פון דערווייטען, האָבען אַלץ אַריינגעזאָגט איינע די אַנדערע:

— זעהסט, זעהסט, ווי זי קען עס די „געים"!

— וואָס־זשע, ווען זי וואָלט ניט געווען אַזאַ איבערטריבענע שטיקעל סחורה, וואָלט זי דען דייוויד'ען געקענט בלאָפען דעם גאַנצען לעבען?

פון דער לויה געהענדיג האָט זיך פון דייוויד'ס משפחה כמעט קיינער מיט איהר ניט געזעגענט. די, פון דעם פאַרשטאָרבענעמ'ס צד, וואָס האָבען נאָך מיט איהר פון פריהער געהאַט אַביסעל סימפּאַטי, האָבען עס פאַרלוירען, צוזעהענדיג ווי זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל מיט איהר חלש'ען, און דער־ווויסענדיג זיך, אַז דייוויד האָט איהר איבערגעלאָזען אינשורענס אויף צוויי טויזענד דאָלער.

— אַזאַ פאַרנאַרישטער מאַן געווען אַט דער דייוויד, — האָט אימיצער

באַמערקט, — געלעבט ווי אַ בהמה. נאָך איבערגעלאָזען אינשורענס, אַז זי זאָל קענען לעבען אַ טאָג מיט איהרע געליבטע.

— אַט אַזוי איז דאָס, — האָט זיך אָפּגערופען דעם פאַרשטאָרבענעמ׳ס אַ קוזינע. — איך, מענער, דאַרף מען גאָר בלאָפען. אַז מען איז צו אייך געטריי, טויג ניט.

— נו, — האָט איינער געגומען פאַרענטפערען, — ער האָט דאָך גע־דאַרפט עפּעס איבערלאָזען פאַר די קינדער.

— ווייס איך וואָס, — האָט לינאַ׳ס אַ שטענדיגער געגנער גע׳טענה׳ט. — די קינדער וועט זי געבען? זי האָט זיך דען וועגן געסטאַרעט פאַר די קינדער? זי פלעגט זיי איבערלאָזען מיט דייוויד׳ן און אַוועקגעהן פאַר־ברייגגען.

— און דער עלטערער באָי, — האָט אַ ניט־פאַרגינער אונטערגעכאַפּט. — איז שוין ניינצעהן יאָהר אַלט. ער וועט געהן אַרבייטען. באַלד וועט די מיידעל אויך אָנהויבען פאַרדינען, און זיי וועלען ביידע איהר ברייגגען די „פּעידעס".

— אַז זיי וועלען זיך גאָר צולויפען פון הויז, — האָט די קוזינע גע־זאָגט, — לינאַ וועט באַלד אַריינגעהמען צו זיך אָט דעם לאָיער, דעם אַלטען בחור, און די קינדער וועלען זיך צולויפען.

— אָי, דייוויד, דייוויד, — האָבען די אבלים פון זיין צד איהם באַדוי־ערט, — ער איז, נעבאָך, אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט, און געלעבט האָט ער אַן אומגליקליכען לעבען.

אינגאַנצען האָט דייוויד ניט געלעבט אַזאַ אונגליקליך לעבען ווי לייט האָבען זיך משער געווען. ער האָט ליב געהאַט זיין פרוי, ניט געוואוסט און ניט געזעהן אַזוי פיל, ווי לייט האָבען געזעהן. בכלל איז ער געווען אַ רוהי־גער צופרידענער מענשעל און געהאַט זיינע גליקליכע מאָמענטען מיט איהר, וואָס האָט פאַרגעבען פאַר אַלעס.

דייוויד איז באַדויערט געוואָרען פון לייטען זייער פיל, ווייל ער האָט געהאַט אָט יענעם צופרידענעם אויסדרוק אויף זיין פּנים, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַן אָפּגענאַרטען מאַן. אמת׳ע מבינים, אַז זיי גיבען אַ קוק אויף אַזאַ רוהיגען באַרויטעלטען פּנים ווי דייוויד האָט געהאַט און אויף אַזאַ אויסזעהן ווי לינאַ האָט געהאַט, פיהלען זיי גלייך, אַז אָט דעם מאַן דאַרף אַזאַ פרוי אָפּנאַרען.

לינאַ איז געווען פון יענע וויבעלדיגע ווייבלאַך, וואָס האָבען בענקענ־דע אונרוהיגע אויגען, וואָס זוכען עפּעס, און פון יענע ווייבלאַך, וואָס האָבען פיגורלאַך, אָט יענע, וויכע צאַפּעלדיגע פיגורקעלאַך, אויף וועלכע עס פאַלען

נייגעריגע מענער־אויגען, אויגען פון בענקענדע מענער, וואָס זוכען און פאָרשען.

לינאַ האָט געהאַט אַט יענעם אויסזעהן און יענע באַנעמונגען, וואָס רופט גלייך אַרויס חשד ביי לייטען און פאַרשאַפט טריאומפירענדע הנאה דעם מאַן, וואָס באַזיצט איהר. און דער מאַן, וואָס באַזיצט איהר, גלויבט איהר. עס לאָזט זיך גלויבען יעדער קוקעלע, וואָס זי שענקט מיט פיל צניעות׳־דיגען חן. לינאַ האָט געהאַסט איהר מאַן, געהאַסט איהם פון טיפען הארצען, זיך געפיהלט אונגליקליך מיט איהר פאַרהייראַטען לעבען. זי האָט געבענקט נאָך אַביסעלע ליבע. גלייך נאָך דער חתונה האָט זי גענומען קוקען מיט זשעדנע אויגען אויף געוויסע מאַנספאַרשוינען פון איהר קרייז. געגאַנגען מיט זיי אָפט פאַרברייגגען, געפיהלט אַ זודיגקייט ווען יענער האָט איהר גענומען אונטער׳ן אָרעם.

זי האָט אָבער געפיהלט אויף זיך דעם יאָך פון זיין די ווייב פון דייוויד סאַלאָוועיטשיק, פון זיין אַ מאַמע פון דריי קינדער. און וויל זי האָט עס גע־מוזט זיין, האָט זי צוליב דעם „מוז״ איהם געהאַסט, געהאַסט פון טיפען הארצען.

אין איהרע געדאַנקען פלעגט אָפט קומען אַ געוואַגטע מחשבה, דאָס עס טרעפט דאָך אַז אַ מאַן שטאַרבט, אַז אַ פרוי בלייבט אַן אַלמנה. זי פלעגט זיך אפילו אַליין דערשרעקען פאַר דער מחשבה. זי האָט אָבער זיך ניט גע־קאָנט העלפען. עס האָט זיך איהר אַזוי געטראַכט, וויל איהר ווילען אָפצו־אָטעמען פריי איז געווען שטאַרק, זעהר שטאַרק.

זי האָט זיך געפיהלט ווי אַ געבונדענע, אַ דורשטיגע, און דאַ האָבען איהר אַ סך לעכצענדע אויגען גערופען, געצויגען.

זי האָט געהאַט אַ סך פאַרעהרער; צווישען איהרע פאַרעהרער זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע זי האָט געהאַלטען אַלס גרויסאַרטיגע מענשען, און מענשען אַזעלכע וואָס זיינען אַפילו איבגער פון איהר געווען. ווי מלאכים האָבען זיי פאַר איהר אויסגעקוקט.

איהר זשעדנעקייט נאָך ליבע האָט זייערע אויגען געצונדען. זי האָט גוט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַן אַפעטיט, מיט וואָס פאַר אַ בעטלעריי זיי קוקען צו איהר אַרויס. און זי האָט געדאַרפט לעבען מיט אַ מאַן וואָס איז פאַר איהר געווען אַ למך, אַ מעכטיגער למך וועלכער האָט איבער איהר געוועלטיגט אָהן קיין שום צערטליכקייטען. זי איז דאָך געווען זיין ווייב; ער האָט איהר ליב געהאַט, געהאַט אַ געזעצליכען פאַספאָרט אין זיין קעניג־רייך, און זיין צוגאַנג צו איהר איז געווען, ווי אַ טעקס־קאַלעקטאָר קומט נאָך די שטייערען.

און שטענדיג, ווען זי האָט גע'חלומ'ט וועגן איהרע אידעאַלע „גרויס־אַרטיגע" מענשען, איהרע פאַרעהרער, איז איהר למדנ'דיגער „טעקסט־קאָ־לעקטאָר" צוגעקומען צו איהר.

אָך, ווי דערווידער ער איז איהר געווען, און דאַן האָט זי ביי זיך גע־טראַכט, אַז עס טרעפט דאָך אַז אַזאַ מאַן שטאַרבט.

אַזוי האָבען זיי געלעבט; אַזוי זיינען געגאַנגען די יאָהרען, און פלוצ־לינג האָט עס פאַסירט.

אומגעריכטערהייד, אין מיטען נאַכט, איז איהם ניט גוט געוואָרען און מען האָט איהם צוגענומען אין האָספּיטאַל.

דאַן האָט זי דוקא ניט געהאַט דעם מינדעסטען געדאַנק אָט פון יענע זינדיגע מחשבות, אַז זי זאָל בלייבען אַן אַלמנה.

ער איז געשטאָרבען.

ווען מען האָט איהר אָנגעזאָגט אין האָספּיטאַל, אַז ער איז געשטאָרבען, האָט זי זיך דערפיהלט זייער שלעכט, און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך איהר עפּעס דערמאָנט אין קאָפּ אַן אַלט־באַקאַנטער אַפּיקורסישער וואונש.

אין דעם „פיונעראַל פּאַרלאָר", וואו דייוויד איז געלעגען אַ טויטער אין אָרון, און די קינדער זיינען געשטאַנען אַרום איהם און געוויינט, איז זי איינגאַנצען צוזאַמענגעבראָכען פון איהר אייגענער טראַגעדיע. פיינליכע וועהטאָגען האָבען געשניטען איהר פון־לאַנג־פאַרוואונדעט האַרץ.

דעם מענשען'ס גליק פון לעבען איז דאָס וואָס די געדאַנקען פון טויט האַלטען זיך ניט לאַנג אין זיין מח כל זמן די בלוטען וויברירען אין זיינע אָדערען. אַזוי ווי נייע פרישע גראָזען שפּראָצען אַרויס אין ווינטערדיגע וואַרימע זוניגע טעג צווישען איין שניי און אַ צווייטען, אַזוי שפּראָצען אַרויס דעם מענשען'ס לעבענס פאַרלאַנגען פון זיין האַרץ צווישען איין נשמה־דערדריקונג ביז אַ צווייטער.

עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט נאָך דייוויד'ס לויה; אין הויז האָט מען וועגען דעם פאַרשטאָרבענעם מעהר ניט גערעדט; קרובים און באַקאַנ־טע האָבען אויפגעהערט קוקען אויף איהר מיט יענע פאַרשעמדע בליקען, מיט וועלכע מען קוקט אויף אַן אַלמנה, ערוואַרטענדיג, אַז זי זאָל זיין שטאַרק געפאַלען: און הויפּטזעכליך האָט זי דערפיהלט ערפרעהענד, וויסענדיג, אַז ער איז טאַקע ניטאָ, ניטאָ אָט דער וועמען זי האָט ניט געקענט אַנזעהן.

זי האָט זיך גענומען אָנטאָן אין איהרע שעהנע קליידער, אריינגעקוקט אין שפּיגעל, און דערזעהן, אַז זי איז נאָך טאַקע גאַר־גאָר אַלראַיט. זי האָט זיך גוט עקזאַמענירט, און זי איז זיך געפעלען געוואָרען.

איהר פאַרבענקט ליבעס־פאַרהונגערט האַרץ האָט זיך פאַרבאַריי־טעט פאַר די באַקאַנטע געשטאַלטען, וואָס זיינען איהר געווען טייער.

צוליב לייטען, און איבערהויפט צוליב די קינדער, האָט זי די ערשטע צייט זיך פאַרנומען בלויז מיט איהרע פאַר חבר'טעס.

זי איז אַרומגעגאַנגען מיט איהרע חבר'טעס און געטראַכט וועגען מיס־טער שניטקין, וועגען מיסטער אַבראַמסקי'ן, וועגען דזשאָו לעיבמאַן און וועגען נאָך אַנדערע, וועמענס בליקען זי האָט נאָך געפיהלט אויף איהר לייב.

מאַדנע, מאַדנע, עס זיינען אַוועק מאָנאַטען און מאָנאַטען און זי האָט ענטדעקט, אַז פון דעם פריהערדיגען קרייז פון איהרע פאַרעהרער איז גע־וואָרען אַ תל.

מיט דייוויד'ס טויט זיינען טייל פון זיי געוואָרען אַנדערש און צו טייל פון זיי איז זי געוואָרען אַנדערש.

ווען איהר אונערטרעגליכער למך'דיגער מאַן האָט געלעבט, האָבען אַלע איהר געזוכט, און אַלע זיינען פאַר איהר געווען פאַסענד און גוט. אַזוי שנעל ווי זי איז געוואָרען אַן אַלמנה האָט זיך די לאַגע גאַנץ שטאַרק געענדערט.

פריהער איז געווען אַ מאַן אַ למך, וועמען זי האָט געהאַסט, אָבער וועל־כער האָט געמאַכט אַ לעבען. דאַן האָט איהר געפעהלט בלויז ליבע, בלויז די באַהענטקייט פון אַ געליבטען מאַן. אַן אַנדערער איז דאַן גוט געווען אַבי ניט דער אונערטרעגליכער דייוויד. אַז זי איז געוואָרען אַן אַלמנה, האָט שוין איהר געפעהלט צו דער ליבע אויך תכלית. אויך יענע, די פאַר־עהרער, האָבען זיך פריהער באַצויגען צו דער פרוי, וועלכע האָט פון זיי קיין זאַך ניט געקענט פאָדערען אויסער שעהנע רייד און צערטליכע באַ־נעהמונג. פאַר דער אַלמנה האָבען זיי זיך דערשראָקען.

מיסטער שניטקין און דזשאָו לעיבמאַן וועלכע זיינען געווען אי פאַר־מעגליכע אי פרייע מענשען, אָהן פאַמיליעס, האָבען זיך אויפגעהערט צו באַווייזען. פריהער האָבען זיי איהר אויסגעמידען מיט איידעלקייט, און דאַן גאַנץ פרעך אויסבאַהאַלטען זיך. מיסטער אַבראַמסקי, אַן אַרימאַן און אַ פאַרהייראַטער, האָט זיך יע באַוויזען, און ליבאַ, די אַלמנה האָט ניט איינגע־זעהן וואָס פאַר אַ תכלית עס קען זיין, אַז זי זאָל אַרומגעהן מיט איהם, און זי האָט זיך גענומען פון איהם דערווייטערען. אַ זעהר גרויסער פאַרעהרער איהרער, מר. ענטין, וועלכער פלעגט איהר שטענדיג אַריינשושקען אין אויער, אַז ער וואָלט זיך געגט מיט זיין ווייב אויב זי זאָל נאָר איינשטימען איבערצולאָזען איהר מאַן, האָט זיך אויך באַוויזען, אָבער ער האָט זיך גע־

האַלטען אַ סך פרעכער ווי אַלעמאָל, און האָט וועגען גט׳ען זיין ווייב שוין ניט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט.

זי האָט זיך געפּרואווט באַגעגענען מיט נאָך אַ פּאָר פריהערדיגע באַ־קאַנטע, און צו איהר איבערראַשונג, האָט זי אין זיי ענטדעקט אַזעלכע חסרונות, וואָס זי האָט פריהער ניט געזעהן, ניט געטראַכט גאָר, אַז מען דאַרף וועגען אָט אַזעלכע חסרונות טראַכטען. דער איז אַ פוילער, מאַכט קיין מאָל קיין לעבען ניט. יענער איז אַ בלאָפער, אויף וועמענס וואָרט מען קען זיך ניט פאַרלאָזען. זי האָט זיך געוואונדערט, לינאַ, וואָס דוקא פון אָט דעם מענשען איז זי שטענדיג נתפּעל געוואָרען ווען ער האָט גערעדט. ער האָט גערעדט זעהר שעהן, און איז ביי איהר אַלעמאָל פאַררעכענט געווען פון די „גרויסאַרטיגע מענשען".

מאָדנע, מאָדנע, עפּעס ווי מיט דייוויד׳ס אַרונטערנידערען אין קבר, זיינען זיי אַלע באַגראָבען געוואָרען, אַלעמענס ווערט איז פאַרשאָ־טען געוואָרען אונטער אַ באַרג ערד.

זי האָט געמאַכט נייע באַקאַנטשאַפטען, און ניט געקענט זיך צו־פּאַסען צו איינעם וואָס זאָל זיין עפּעס רעכטס.

עס איז אַוועק אַ יאָהר, און צוויי, און די סענטימענטאַליטעטען פון ליבע האָבען זי גענומען פאַרבענקען, און זיך געלאָזען פון פריינד ריידען שידוכים, צוגעשטימט צו די שידוכים ריידענישען.

מיט די שידוכים האָט זיך אויסגעלאָזען די זעלבע געשיכטע. עס האָט זיך ניט צוגעפּאַסט עפּעס רעכטס; און אַז איינער איז שוין געווען ביים וועג, אַ מענש, אויף וועמען זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט ליבען, האָט ער אריינגעוואָרפען אַ וואָרט פון אונצופרידענהייט וועגען איהרע קינדער.

די שידוכים ריידענישען האָט איהר אין גאַנצען דערשלאָגען. מען האָט צו איהר געבראַכט שווערע אַלטע אידען, אידען פון וועלכע עס האָט געשמעקט מיט בית עלמין.

ווען לינאַ האָט פּראָטעסטירט צו איהרער אַ פריינדין פאַר ברענגען אַ זקן אַ איד צו איהר, האָט די פריינדין געזאָגט:

— וואָס דענקסטו זיך, לינאַ? ער קען קריגען אַ מיידעל; ער איז אַ פאַרמעגליכער איד.

בקיצור, אַלע די, וואָס האָבען איהר זעהר געוואָלט, און געוואָלט איהר גליקליך מאַכען, זיינען געווען אַלטע כביאָקעס, אַ סך עלטער ווי דייוויד איז געווען און אַ ביסעלע מעהרער אונגעהובעלט און לעקישע־וואַטע, ווי דייוויד איז געווען.

איהר לעבען מיט דייוויד'ן האָט איהרע ליבעס־געפיהלען געהאַלטען אונטער אַ שווערען צודעק, האָבען דערפאַר די פאַרלאַנגען פון איהר געוואונקען מיט טויזענטער כישופ'ן. מיט דייוויד'ס טויט האָט דאָס לע־בען פאַר איהר פאַרשפּרייט אַ גרויען פאַרהאַנג פון תכלית, פון זאָרג, און איהרע פאַרלאַנגען זיינען געוואָרען גרויע, אומעטיגע. מעהרער ווי צו אַן אַלטען אידען האָט זי זיך ניט געקענט דערשלאָגען.

ווען דייוויד האָט געלעבט איז זי געווען איבערצייגט, אַז די וועלט האָט פאַר איהר ערגעץ איהר ניט־געלעבטען גליק; אַז די וועלט וואַרט אויף איהר מיט גרויס אומגעדולד. מיט דייוויד'ס טויט האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז די וועלט האָט איהר גענאַרט; אַז די וועלט האָט פאַר איהר גאָרניט אָנגעגרייט.

די יאָהרען זיינען געגאַנגען. די קינדער זיינען אויסגעוואַקסען און אַוועק זייער אייגענעם וועג. זי איז געבליבען איינע אַליין, אַן עלענדער מענש.

לינאַ האָט זיך דערשראָקען פאַר עלענדקייט, און זי האָט אַוועק־געלעגט אַ האַמעטענע לאַטע אויף איהר ניט־געלעבטען לעבען.

זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ האַמעטנעם, שווערען, ברודיגען, אַלטען אידען, אַ איד מיט ציטערדיגע, נערוועזע הענט, וועלכער האָט געהאַט עטליכע טויזענד דאָלער אין באַנק.

איהרע באַקאַנטע אַלמנות האָבען איהר דאָך מקנא געווען.

„רומס צו די פראַנט"

אַ פּאָר יאָהר נאָכאַנאַנד האָט מיסעס יעטע אַראָנאָוויטש געהאַלטען אין איין זוכען פּאַסענדע רומס צו די פראַנט, און אַלץ ניט געקענט קריי־גען. עס איז איהר שטענדיג אויסגעקומען צו וואוינען אין הינטערשטע רומס, וואו מען האָט דורכ'ן פענסטער קיין זאַך ניט געזעהן אויסער וועש־לאַינס. די קינדער פלעגען זיך שפּילען אין גאַס, און זי פלעגט ניט קענען זעהן וואו זיי זיינען, וואָס זיי טוען. אַז זי האָט געדאַרפט שיקען אַ קינד ערגעץ אַ גאַנג, פלעגט זי אָדער דאַרפען אַרונטערגעהן די שטי־גען רופען דאָס קינד, אָדער דאַרפען באַאומרוהיגען דער שכנה פון די פראַנט, אַריינגעהן צו איהר און אַרונטערשרייען צו די קינדער אין גאַס אַרויס.

און דאָס איז נאָך ניט געווען די הויפּט זאַך פאַרוואָס מיסעס אַראָ־נאָוויטש האָט געוואָלט רומס צו די פראַנט. זי האָט זיך געגויטיגט אין פרעהליכערע רומס צוליב זיך אַליין, צוליב איהרע נערווען. איהר מאַן־ריס איז אַ גאַנצען טאָג ביי דער אַרבייט; די קינדער איהרע זיינען אין סקול אָדער שפּילען זיך אין גאַס, און זי ווערט נערוועז צו זיין איינע אַליין גאַנצענע טעג אין די רומס „צו די בעק". ווען זי האָט רומס צו די פראַנט, קוקט זי אַרויס צו דער גאַס, זי זעהט מענשען, רעדט צו איהרע קינדער דורכ'ן פענסטער. מען איז ניט אָפּגעריסען פון דער וועלט.

האָט יעטע כסדר געקוקט אויף די צעטלעך „רומס טולעט", און אַלץ ניט געזעהן קיין פּאַסענדע רומס צו די פראַנט. אַז זי האָט שוין געזעהן רומס, זיינען זיי געווען צו הויך — דריי שטיגען. אַז שוין מופען, האָט זי געוואָלט עס זאָל זיין אויף דעם ערשטען פלאָר, איין שטיגע. זי האָט שוין קיין כוחות ניט צו געהן טרעפּ. אויפ'ן סטופּ האָט זי ניט געוואָלט. מען איז קיינמאָל ניט זיכער מיט עפּעס, ווען מען האַלט אָפען אַ פענסטער אויפ'ן סטופּ. האָט זי שוין געזעהן רומס צו די פראַנט, אויפ'ן ערשטען פלאָר, זיינען עס געווען צו קליינע אָדער צו גרויסע — צו טייער. האָט זיך שוין געמאַכט, אַז אַלעס איז שוין גוט, איז אַ סטריט־קאַר געגאַנגען דאָרטען. די קאַר וועט ביינאַכט ניט לאָזען שלאָפען.

אַזוי ווי אין דרויסען איז זי חלילה ניט געזעסען; רומס האָט זי

געהאַט ניט קיין שלעכטע, נאָר צו די בעק, האָט זי זיך גענומען צייט און אַלץ געזוכט, אָנגעקוקט דירות.

ענדליך האָט זי אָנגעטראָפען אַ פּאַסענדע זאַך — רומס ווי גע־וואונשען. די רומס זיינען געווען צו די פראָנט, אויפ׳ן ערשטען פלאָר, אַלע ליכטיגע, ניט צו־טייער, אַ ריינער שעהנער אַריינגאַנג, אַ פיינער בלאָק, און קיין סטריט קאַר איז דאָרטען ניט געווען. ס׳איז אַפּילו נאָך געווען קאַר־טרעקס אויפ׳ן סטריט, אָבער קיין קאַר געהט שוין דאָרטען ניט. עס געהט אַ באַס. אַ באַס איז טאַקע וויגאָדנע; מען קען צופאָהרען וואוהין מען וויל.

יעטע אַראָנאָוויטש האָט ניט געפרעגט קיין סך קשיות, און זי האָט איבערגעמופט אין נייע רומס צו די פראָנט. די קינדערלאַך האָבען זיך געפרעהט מיט די נייע רומס, און איהר מאַקס, דער מאַן איהרער, וועלכער מישט זיך ניט אין די רומס ביזנעס, זאָגט קיינמאָל ניט גוט, זאָגט קיינ־מאָל ניט שלעכט, האָט דעם מאָל טאַקע צוגעגעבען, אַז ס׳איז גוטע רומס.

אָפּגעוואוינט די ערשטע וואָך אין די רומס, געווען ביזי מיט איינ־שטעלען זיך, און אויף דער צווייטער וואָך — אֵי ווײַ, יעטע האָט ענטדעקט אַ גרויסען חסרון וואָס איז דאַכט זיך געווען פון אויבען אויף און זי האָט עס פאַרזעהן.

זי איז אַזוי געשטאַנען אין פראָנט רום, און זי האָט דערהערט אַ גע־וויין אין גאַס. זי קוקט אַרויס אין גאַס, און זי זעהט אַז פון אַלע הייזער שטעקען אַרויס קעפּ. פרויען זיצען ביי די פענסטער אָנגעשפּאַרט אויף קישעלאַך און קוקען אַרונטער אַהין, פון וואַנען דער געוויין קומט. און יעטע האָט דערזעהן אַ לויה, און זי האָט דערזעהן אַז פונקט אַנטקעגען איבער איהרע נייע רומס איז דאָ אַן אַנדערטעיקער שאָפּ. אַ קברות־מאַן. עס האָט זיך איהר אָפּגעריסען אין האַרצען. וועה, וועה, צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן?

פאַר יאָהרען האָט זי געזוכט רומס צו די פראָנט פון פרעהליכקייט וועגען. פאַרזעהט זי גאָר, אַז אויף דעם בלאָק געפינט זיך אַן אַנדערטעי־קער, און זי וועט כסדר זעהן לויות דורך איהרע פענסטער, כסדר הע־רען געוויינען און יללות. וועה, וועה, ווי זי איז דאָ אַריינגעפאַלען מיט די רומס. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?

פאַרנאַכט, ווען מאַריס איז געקומען פון דער אַרבייט, האָט זי איהם גאָרניט דערצעהלט. זי האָט איהם גאָר ניט געוואָלט זאָגען וועגען דעם. וואָס קען ער איהר העלפען? ער וועט זיך נאָך רייצען מיט איהר. ער

וועט זיכער איהר זאָגען: „נו, עס האָט זיך דיר געוואָלט די רומס; דו האָסט דאָך אַליין אויסגעפונען די מציאה".

יעטע האָט גערעכענט, אַז זי וועט שטילערהייד אָנקוקען אַנדערע רומס, און דאַן וועט זי מאָריס'ן זאָגען, אַז זי וויל מופען, און פאַרוואָס זי וויל מופען.

אויף מאָרגען, גלייך אין דער פריה, איז יעטע געגאַנגען צום פענ־סטער אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך מיט דעם אַנדערטעיקער. אפשר איז דאָס גאָרניט אַזוי געפעהרליך, אפשר קומט פאָר זעלטען אַ לויה. ס'איז געווען ערשט ביין אַ זייגער אין דער פריה, און יעטע האָט געזעהן, אַז דער טויטען־וואָגען שטעהט שוין אונטען. אַקוראַט אַנטקעגען די פענ־סטער פון איהרע רומס. צעהן אַ זייגער איז שוין געווען אַ לויה. אין צוויי שטונדען אַרום איז געווען אַ נייע לויה, נייע געשרייען, נייע יללות.

דוקא איז דער אַנדערטעיקער זעהר אַ סוקסעספולער, און אַ גאַנ־צען טאָג קומען פאָר לויות איינע נאָך די אַנדערע. יעדע פאָר שטונדען דערהערט זיך נייע היסטעריקעס. דאָ צוואַווינט זיך אַ טאָכטער: „פאַפּאַ, פאַפּעלע מיינער!" און דאָ צורעוועט זיך אַ מאַן, און אָט חלש'ט אַ פרוי און שרייט מיין מאַן לואי, מיין טייערער לואי. אַי, זי וועט עס ניט אויס־האַלטען, יעטאַ. וואָס טוט מען? זי געהט אַוועק פון פענסטער און עס ציהט איהר צוריק צום פענסטער אַ קוק טאָן.

אום עס זאָל איהר ניט זיין אַזוי סטראַשנע, קוקט זי צו די פענ־סטער פון די הייזער, פון וואַנען עס שטעקען אַרויס די קעפּ. פרויען זיצען ביי די פענסטער געמיטליך, גיבען זייערע קינדער עסען; קאָר־מענען די בעיבעלאָך, קוקען אַרונטער צו די לויות, און ריידען זיך דורך, שרייען איינע צו די אַנדערע און פרעגען: „ווער איז דאָס געשטאָרבען, אַ מאַן צי אַ פרוי?".

„ניין אַ קינד", ענטפערט אַ פרויען קאָפּ פון אונטען, פון סטופּ.

„אַן ערוואַקסענע קינד?"

„אַ מויד פון צוואַנציג יאָהר", ענטפערט אַ צווייטע.

„אָט דאָס איז מסתמא די מאַמע איהרע, דאָ?"

„ניין, דאָס איז אַ באָבע", ענטפערט איינע וואָס קריגט אַלע אויס־קינפטע ביי דעם טעלעפאָן־מיידעל פון דעם אַנדערטעיקער. „קיין מאַמע איז ניטאָ, נעבאָך".

אַזוי שמועסען זיך דורך די וויבערשע קעפּ דורך די פענסטער. זיי פאַרשען, פרעגען אויס איינע די אַנדערע וועגען די העלדען פון יעדער

לויה. און ווער עס וויל זיך לאָזן וואוילגעהן, פאַרגיסט אַ טרער, וויינט זיך אויס גוט, און פיהלט אַביסעל לייכטער אויפ'ן הארצען.

„און ווער איז דאָס געשטאָרבען?" פרעגט איינע פון די אונטער־שטע פענסטער.

„אַ פרוי, אַ מאַמע פון קינדער", ענטפערט אַן אונטערשטע קאָפּ.

אַז די לויה נעמט זיך רירען, הויבען אָן קומען באַמערקונגען פון די פענסטער.

„אָט דאָס איז דער מאַן?"

„ער געהט נעבאך ווי אַ באַגראָבענער".

„אַי, מרס. ליפשיץ, זאָרגט זיך ניט פאַר איהם. ער וועט באַלד נע־מען אַן אַנדערע".

„אַן אַנדערע און אַ שענערע".

„ער וועט נעמען אַ מיידעל".

די אַלע באַמערקונגען, די שמועסען פון דעם עולם וויבערשע קעפּ דורך די פענסטער, צו יעדער לויה, ווערט יעטאַ'ן זייער אינטערעסאַנט. זי נעמט אויך אַ ווייכע קישעלע צום פענסטער, שפּאַרט זיך אויף איהר אָן, קוקט אַרויס, הערט, און פרעגט אויך אַ פראַגע. און, אַזוי ווי זי איז פון דעם ערשטען פלאָר, און זי זעהט און הערט בעסער ווי די פרויען פון צווייטען און דריטען פלאָר, פרעגט מען שוין איהר עפּעס. זי ענטפערט, און הויבט אָן געבען איהרע פירושים, איהרע קאָמענטאַרען װעגען די לויות, וועגען די פאַרשידענע מתים און די קרובים וואָס געהען נאָך דעם טויטען־וואַגען.

אַזוי, טאָג פאַר טאָג, איז דער אָנטקעגענדיגער אַנדערטעיקער שאָפּ מיט די לויות געוואָרען יעטאַ'ן אַלץ וויניגער סטראַשנע. פאַרקערט, זי האָט זיך צוגעוואוינט, און די פראָצעסיעס זיינען געוואָרען פאַר איהר רעגעלע „שאָוס". זי איז אַריין אין דעם קרייז פון די שכנות פון דעם בלאָק. זי האָט גענומען צוקומען צום פענסטער יעדען טאָג ווי צו איהר שטענדיגער לאָזשע אין טעאַטער. באַגריסט זיך מיט די אַנטקעגנדיגע פענסטער, אויסגעפרעגט וועגען אַ פריהערדיגער לויה, וואָס זי האָט פאַר־זעהן, און זי האָט אָנגעהויבען הנאה האָבען פון די רומס.

יעטאַ האָט איינגעזעהן, אַז דאָס זיינען רומס, וואָס האַלטען איהר טאָג טעגליכען לעבען געשפּאַנט מיט אינטערעס, דוקא צוליב דעם אַנט־קעגענדיגען אַנדערטעיקער. אַמאָל ווײנט זי זיך אויס מיט גרויס אַפּע־טיט, אַמאָל האָט זי אַ סך שפּאַס פון די באַמערקונגען פון די פרויען,

וואָס קוקען שוין אַרונטער דאָ אויף לויות פאַר צעהן און פופצעהן יאָהר, און ס'איז איהר אמת אַמוזאַנט.

ס'איז אַ פרעהליכער בלאָק. מענשען קומען, מענשען געהען. כסדר זיינען דאָ פּראָצעסיעס. אָפט קריגען זיך די קרובים ביי אַ לויה צוליב כבוד, ווי ביי אַ חתונה, און דאָס איז פאַר יעטאַ'ן אַ גרויסער אינטערעס. נאָך מאַנכע לויות און ספּאַטיצקעס ביי לויות, דיסקוטירט יעטאַ מיט איהרע שכנ'טעס וואָכען לאַנג.

אַזוי זיינען די נייע רומס צו די פראָנט פאַרבליבען אַלס אַ גרויסער סוקסעס. יעטאַ האָט זיך פאַר מאָריס'ן שוין ניט באַקלאָגט. פּאַרקערט, יעדען פאַרנאַכט, ווען מאָריס קומט פון דער אַרבייט, האָט זי פאַר איהם אַ סך נייעס צו דערצעהלען; זי זעהט זיך אָן אַ וועלט.

די אַראָנאָוויטשעס וואוינען שוין אין די דאָזיגע רומס פינף יאָהר, און ווען מען זאָל געבען יעטאַ'ן אַנדערע רומס אומזיסט, וואָלט זי זיך ניט געביטען. זי וועט ניט מופען ערגעץ אין אַ פאַרשלאָגענעם געגענד. זי וועט איהר פראָנט פענסטער צום אַנדערטעיקער שאָפּ ניט פאַרלאָזען פאַר כל הגעלטען.

וואָלט דאָך שוין אַלץ געווען גוט, איז אָבער אַנגעשטאָנען אַ נייער טראָבעל, און דער טראָבעל שטאַמט פון לילי'ן, פון דער עלטערער טאָכטער.

ווען מען האָט אַריינגעמופט אין די רומס, איז לילי געווען אַ יאָהר פערצעהן. אַ מיידעל, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, איז געווען געזאָגט. וועלכע רומס דער מאַמען איז געפעלען געוואָרען, איז געווען גוט פאַר אַלעמען. איצטער איז שוין לילי באַלד צוואַנציג יאָהר אַלט. זי האָט קאָמ־פּאַני, זי מאַכט פּאַרטיס, און זי האָט טאַקע שוין אַ שטענדיגען יונגען־מאַן וואָס קומט צו איהר אַרויף אַלע זונטאָג און אויך אין די אָוועגטען. האָט לילי געוואָרפען אַן אום־חן אויף די רומס צוליב דעם אַנטקעגענ־דיגען אַנדערטעיקער מיט די לויות. לילי האָט גענומען סקאַנדאַלעווען אַז מען זאָל מופען פון די רומס, און יעטאַ זאָגט, „איין מאָל ניין". זי וועט פון די רומס, פון אַזעלכע פרעהליכע רומס ניט אָוועקמופען.

„וואָס, טענה'ט די מאַמע, האָסטו צו די רומס?"

„איך שעם זיך פאַר מיינע פריינד", שרייט לילי! „מיינע פריינד מאַכען „דזשאָוקס" וועגען אונזערע רומס מיט דעם אַנדערטעיקער".

„זאָג דיינע פריינד", אַז זיי האָבען קיין שכל ניט, און ס'איז ניטאָ וואָס צו „דזשאָוקען", ענטפערט די מאַמע.

אָבער לילי וואַרפט זיך און קערט אַ וועלט. דעם אמת'ן אמת פאַר־וואָס זי וויל מופען שעמט זי זיך צו זאָגען.

ס'איז איהר נעבאָך ניט גוט צו פאַרברענגען מיט איהר „באָי־פרענד". אַ זונטאָג, אָדער אַ שבת ביינאַכט, ווען זי זיצט אַליין אין הויזביים פענסטער מיט איהר „באָי־פרענד", איז איהר און דעם יונגען מאַן גאַנץ פריקרע צו האַליובען זיך, ווען דער טרויערעג־חוצפה'דיגער אַנדערטעיקער'ס שילד און די לויות פאַרפאַלגען זיי מיט פחד.

„איך וועל דאָ ניט שטעהן אין די רומס!" סקאַנדאַלעוועט לילי.

„דו וועסט יע שטעהן". — שרייט די מוטער, — איך „איך מוף ניט פון דאַנען".

לילי נעמט טופען מיט די פיס, וואַרפען זיך נערוועז, און יעטאַ צו'טענה'ט זיך: „מאַריס, מאַריס, וואָס שוויגסטו?"

„איך מיש זיך ניט", ענטפערט מאַריס; „מיר ארט ניט. מופט יע, מופט ניט".

„איך וועל פון דאַנען ניט מופען!" — דונערט יעטאַ.

„און איך וועל דאָ ניט שטעהן!" — דונערט צוריק לילי און וויינט זיך פאַרנאַנדער.

יעטאַ עפענט אויף די פענסטער, קוקט אַרויס צום דרויסען, וואו אַ סך באַקאַנטע ווייבערישע קעפ ליגען אויף קישעלעך און קוקען, און זי זאָגט באַהאַרצט, „נו, וואָס זאָגט מען צו איהר?" ס'איז דאָך „פלע־זשורדיגע רומס".

אַ פאַלשער אַדרעס

עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז ביטריס זאָל אַלע איהרע יאָהרען דאַרפען פאַר אימיצען מורא האָבען. און געשטראָפט געוואָרען איז זי מיט דער מורא, ווייל זי איז געבענשט געוואָרען צו זיין אַ שעהנע ווייבעל.

ביטריס איז פון יענע פרויען, וואָס די שעהנקייט, דער פרויען־רייץ, איז צו איהר געקומען ערשט נאָך דער חתונה. און ווייל אַלס מיידעל האָט זי גאָר ניט געוואוסט, אַז זי איז געווען אַזוי צויבערליך שעהן, האָט זי חתונה געהאַט אויף אַ געוועהנליכען אופן, מיט אַ געוועהנליכען מענשען, מיט לואי פיינשטיין, אַן ארבייטער, וועלכער איז נאָך דער חתונה געוואָרען אַ ביזנעס־מאַן, אַן אָרימער ביזנעס־מאַן, פאַרשקלאַפט אין אַ דראַי־גודס סטאָרקע.

אַז מיסעס ביטריס — איז יע, ווי קען מען איהר דאָ אָנרופען? איהר חתן, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט און פון וועמען זי האָט געהאַט אַ קינד, האָט דאָך געהייסען לואיס פיינשטיין; איהר געליבטער, וועלכער איז געווען איהר מאַן צוועלף יאָהר, זעקס מאָל אַזוי פיל יאָהרען ווי פיינשטיין איז געווען איהר מאַן, האָט געהייסען גריגאָרי לעמקאָוו, און איהר איצטיגער מאַן, מיט וועמען זי האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט, איז היימאַן גולדען, איז איהר נאָמען גולדען, ביטריס. גולדען הייסט זי איצט, און צוליב דער לעצטער שרעק וואָס איז איהר איצט באַפאַלען, וועט זי שוין מסתמא פאַרבלייבען מיסעס גולדען.

איז אַז מיסעס גולדען האָט אַ יאָהר נאָך דער חתונה אָפּגעהאַט דאָס קינד, האָט זי זיך צובליהט אין אַ יוגענדליכער ראַזעווידיגקייט, וואָס האָט גאַנץ מאָדנע געצויגען אַלעמענ׳ס אויפמערקזאַמקייט.

זי אַליין האָט פון איהר בליהעווידיגקייט און פון איהר ווערען וואָס ווייטער שענער און שענער, ביט אַזוי אַקוראַט געוואוסט ביז עס האָט זיך באַוויזען גריגאָרי לעמקאָוו, און ער האָט עס איהר געזאָגט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן.

גריגאָרי לעמקאָוו האָט זיך באַוויזען אין דעם געשטאַלט פון אַ סעילסמאַן, וואָס האָט איהר פאַרקויפט אַ וואַקיום קלינער צו רייניגען דעם קאַרפעט פון איהר פאַרלאָר.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז מיסטער לעמקאָוו פון איהר יונג־ווייבליכקייט פאַרכאַפּט געוואָרען, און זי איז פון זיינע בליקען און קאָמפּלימענטען פאַרכאַפּט געוואָרען.

עס איז געווען אַ צווייטע און אַ דריטע און אַ פערטע באַגעגעניש, און דאַן האָבען זיי ביידע זיך דערוואוסט, אַז זייערע פריהערדיגע הייראַטס, זי מיט פיינשטיינ׳ען און ער מיט זיין פרוי, זיינען געווען טעות׳ען, און אַז פון די אייביגע אייביגקייטען זיינען זיי פון גאָט און פון דער נאַטור אָנגעצייכענט געוואָרען איינע פאַר די אַנדערע.

ביטריס איז אַוועק מיט גריגאָרי לעמקאָוו, מיטנעמענדיג מיט זיך איהר קינד, אַ איינגעלע.

עס זיינען געווען די געוועהנליכע סקאַנדאַלען פון ביטריס׳עס מאַן פון איין זייט, פון לעמקאָוו׳ס ווייב פון צווייטען זייט און ביטריס מיט איהר געליבטען און מיט איהר קינד האָבען זיך באַהאַלטען, שטענדיג געווען אין דער מורא, שטענדיג איבערגעקליבען זיך, שטענדיג געביטען די אַדרעסען.

עס זיינען אַוועק עטליכע יאָהר, די אָפּגעגעבאַרטע — פיינשטיין און מיסעס לעמקאָוו — האָבען אַרויסגעקראָגען גט׳ען, און אַזוי איז ביטריס פאַרבליבען גריגאָרי לעמקאָוו׳ס פרוי, לויט ווי עס איז באַשטימט געוואָרען פון די אייביגע אייביגקייטען.

דאָס קינד האָט פון גאָרניט געוואוסט. לעמקאָוו׳ן האָט ער געקענט אַלס זיין פאָטער, און ער, לעמקאָוו, איז געווען אַ געטרייער פאָטער צום קינד.

און ביטריס איז געווען שטאָלץ אויף איהר ליבע, שטאָלץ אויף דעם וואָס גריגאָרי איז געווען אַ פאָטער צו איהר קינד, וואָס דאָס קינד האָט קיין אַנדערען ניט געקענט אַלס פאָטער אויסער איהר גריגאָרי׳ן.

דאַן זיינען אַריבער נאָך אייניגע יאָהר, און די ליבע, ווי אַ שטענדיג פליסענדער, שטיפערישער וואַסערעל, האָט זיך ניט געקענט אָפּשטעלען אויף איין אָרט.

ביטריס איז טאָקע געווען אַ שעהנע און רייצענדע ווייבעל, אָבער צו שעהנקייט און רייץ איז ניטאָ קיין גרונד. עס וואַקסען אונטער נייע שעהנע, און רייצענדע, און איינגערע, און גריגאָרי לעמקאָוו האָט אַנטדעקט, אַז ער האָט ווידער געמאַכט אַ טעות; אַז ער באַלאַנגט גאָר צו אַן אַנדערער, וועלכער ער האָט אַנטדעקט ערגעץ אויף אַ פּאַרטי.

גריגאָרי איז אַ מאַן, און דעם מאַן איז לייכט צוצוגעבען אַ טעות. ביטריס, נעבאַך, איז אַ פרוי, און נאָך היבשע עטליכע יאָהר אָפּזיין די

פרוי פון אַ צווייטען מאַן, איז איהר שווער געווען צוצוגעבען אַ צווייטען טעות. האָט זי גריגאַריי'ס אָוועקגעהן מיט אַן אַנדערער באַטראַכט פאַר אַ רציחה, פאַר אַ פאַרראַט.

אַזוי ווי גריגאַרי לעמקאָוו האָט שוין מורא געהאַט פאַר צוויי פאַר־לאַזענע ווייבער, וואָס וועלען מאָנען פון איהם אַלימאָני, איז ער מיט זיין נייער באַשערטער אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען פון ניו יאָרק. ביטריס האָט איהם מערער ניט געזעהן, ניט געהערט פון איהם.

איז ביטריס געבליבען מיט איהר זוהנעלע וועלכען זי האָט געבוי־רען פון לואיס פיינשטיין, און דער זוהנעלע האָט נאָר געוואוסט, אַז לעמקאָוו איז זיין פאָטער.

ס'איז פאַר'ן זוהנעלע פאַרבליבען, אַז לעמקאָוו איז זיין פאָטער.

ביטריס, ווי זי איז געווען פאַרביטערט געגען גריגאַריי'ן, האָט זי ניט געקענט אויסזאָגען איהר זוהנעלע דעם אמת, אַז אָט דער באַטריגער איז ניט זיין אמת'ער פאָטער. ניין, זאָל בעסער ביים אינגעלע פאַרבליי־בען דער פאָטער אַ באַטריגער, אַבי ניט זי, די מוטער, אַן אָפּנאַרערקע. זי איז אַ פרוי, און אַ פרוי קען ניט צוגעבען, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות; אַז איהר האָט זיך ניט געלוינט אָוועקצוגעהן פון פיינשטיינ'ען, כאָטש פיינשטיין איז שוין געוואָרען אַ פאַרמעגליכער מענש, און זיין צווייטע פרוי האָט פאַר איהם געלעבט אין לוקסוס.

אַ שעהנע פרוי איז ביטריס נאָך אַלץ געווען. מען האָט נאָך אַלץ אויף איהר געקוקט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט היימאַן גולדען, אַ מענשעל אַ שטילער, פון דעם אַלטמאָדישען שניט, ווי איהר גאָר ער־שטער מאַן, לואי פיינשטיין. גולדען האָט זיך אונטערגענומען צו זאָרגען פאַר איהר און זיין צו איהר קינד ווי אַ געטרייער פאָטער.

נאָכדעם ווי אַלעס האָט זיך ווידער איינגעאָרדענט, ביטריס האָט שוין געהאַט אַ גוטע היים פאַר זיך און פאַר איהר קינד, אַ געטרייען מאַן, וואָס האָט איהר זעהר געליבט, האָט זי זיך גענומען שרעקען פאַר איהר גאָר ערשטען מאַן, פאַר פיינשטיינ'ען.

לואיס פיינשטיין איז געשטאָרבען. זיינע אַן עלטערע שוועסטער איז געקומען צו ביטריס'ן און האָט איהר דערצעהלט, אַז לואי איז פלוצלונג געשטאָרבען.

— וואָס זאָגט איהר עס מיר? — האָט ביטריס גע'כעס'ט.

— איך בין דיר געקומען זאָגען, — האָט די פרוי ערקלערט — ווייל דער אינגעל דאַרף זאָגען קדיש.

— וואָס הייסט דער אינגעל דאַרף זאָגען קדיש? — האָט זיך

ביטריס גענומען פלאַנטערען אין אַ מאָדנער שרעק פאַר׳ן טויטען, וואָס איז דורך זיין שוועסטער געקומען מאָנען זיין קינד.

— אָודאי דאַרף דער אינגעל זאָגען קדיש, — האָט די אידענע פרום גערעדט — לויט האָט איבערגעלאָזען צוויי מיידלאך, בלויז טעכטער האָט ער איבערגעלאָזען, און דער אינגעל דאַרף זאָגען קדיש נאָך זיין פאָטער; ער איז דאָך דער איינציגער זוהן.

— וואָס פאַר אַ טאַטע איז לויט געווען דעם קינד? — האָט זיך ביטריס געוועוערט. — ניט ער האָט ווען געזעהן דאָס קינד, ניט דאָס קינד האָט איהם ווען געזעהן.

— ביטריס, — האָט די אַבערגלויביגע שוועסטער געזאָגט — דאַרפסט זעהן, אַז דער אינגעל זאָל זאָגען קדיש. מיט אַ טויטען שפּילט מען זיך ניט. לויט איז זיין פאָטער געווען, און הויב זיך ניט אָן מיט׳ן טויטען.

די אידענע האָט איהר גוט אָנגעסטראַשעט און איז אַוועק.

איז טאַקע ביטריס געבליבען אַ פאַרציטערטע. זי האָט פאַר פיינשטיינ׳ען קיינמאָל זיך ניט אַזוי געשראָקען ווען ער האָט געלעבט, ווי עס איז איהר באַפאַלען דער פּחד פון דעם טויטען.

מיט אַ טויטען שפּילט מען זיך ניט. זי וואָלט טאַקע געוואָלט, אַז דער זוהנעלע זאָל זאָגען קדיש, אָבער ווי אַזוי זאָל זי זאָגען דעם אינגעל, אַז ניט גריגאָרי איז זיין פאָטער, נאָר אַן אַנדערער? ווי אַזוי?

אָבער פיינשטיין איז טויט, און דער אינגעל איז זיינס, און ער דאַרף זאָגען קדיש.

ביטריס האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען. זי האָט מורא געהאַט פאַר איהר אינגעל, און זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם טויטען פיינשטיין, פון וועמען זי האָט צוגענומען זיין קדיש.

זי האָט געמאַכט אַ פּשרה מיט דעם טויטען און אַ פּשרה מיט דעם זוהן.

זי האָט געזאָגט דעם זוהן, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען, אָבער זי האָט איהם ניט אויסגעזאָגט וועלכער טאַטע דער פאַרשטאָרבענער איז געווען.

עס האָט ביטריס׳ן אָפּגעגאָלטען, וואָס אין שול דאַרף מען ניט אָנגעבען דעם פאַמיליען־נאָמען. זי האָט דעם אינגעל געהייסען זאָגען דעם שמש, אויב ער וועט פרעגען, אַז דעם טאַטענ׳ס אידישער נאָמען איז געווען לייבע.

און דער אינגעל זאָגט קדיש נאָך זיין טאַטען לייבע, האָבענדיג אין זינען דעם טאַטען, וואָס ער האָט געקענט, לעמקאָוו'ן.

דער קדיש גערט אויף אַ ניט־ריכטיגען אַדרעס, אָבער ביטריס האָפט, אַז דאָרטען, אויף יענער וועלט, וועט דער קדיש אָנקומען צום ריכ־טיגען מת.

וואָס עס שרעקט איהר, ביטריס'ן, איז, אַז גריגאָרי לעמקאָוו זאָל זיך חלילה ניט באַווייזען אין ניו יאָרק; אַז דאָס קינד זאָל איהם כאָטש ניט באַגעגענען.

ווען דאָס זאָל חלילה פּאַסירען, איז זי אַ פאַרפאַלענע. וואָס וועט זי דאַן קענען טאָן?

וואָס וועט זי קענען זאָגען איהר זוהן וועגען דעם פאַלשען אַדרעס, וואָס זי האָט איהם געגעבען פאַר זיינע קדישים?

מאַרגאַרעט׳ס איבעררַאשונג

— פּאַפּאַ, כ׳האָב דיר עפּעס צו זאָגען. ס׳איז שוין לאַנג, אַז...

אַזוי האָט זיך די זעקס־און צוואַנציג־יעהריגע מאַרגאַרעט געקליבען אַנצוהויבען איהר געשפּרעך מיט איהר פאָטער.

דער פאָטער, הערמאַן גורעוויטש, איז געזעסען אַנטקעגען איהר, גע־קוקט אין זיין צייטונג. זי האָט געקוקט אויף איהם און אַלץ געפּלאַנט און געטראַכט ווען און ווי אַזוי אַנצוהויבען דעם געשפּרעך.

ניט דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, וואָס מאַרגאַרעט האָט זיך געקליבען צו ריידען מיט איהר פאָטער וועגען דעם וויכטיגען ענין.

עס איז געווען אַ מאָנטאָג אָוונט, צווישען אַכט און ניין אַזייגער. אויף דער ראַדיאָ האָט מען נאָר־וואָס פאַרגעשטעלט דעם אַמעריקאַנער טענאָר דזשעימס מעלטאָן, וועלכער האָט געזונגען זינגען שובערט׳ס סערענאַדע. ווען דער ראַדיאָ־אַנאָנסער האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען דזשעימס מעלטאָן, האָט זיך אַ צופּ געטאָן ביי מאַרגאַרעט׳ן אין האַרצען. איהר ליבער פריינד, וועגען וועמען זי קלייבט זיך צו ריידען מיט׳ן פאָ־טער, הייסט אויך דזשעימס.

ניט זעהר אָפט קומט לעצטענס אויס, אַז מאַרגאַרעט זאָל זיין אַ לאַנגע צייט מיט איהר פאָטער אין הויז. אַלץ איז עפּעס איילענדיג; יע־דערער פון זיי איילט פאַר זיך און עס איז ניטאָ קיין צייט צו זיין נאָהענט איינע מיט די אַנדערע, כאָטש דוקא איצטער ווילען ביידע זיין נאָהענט און פיהלען אויסערגעוויינליך צערטליך איינע צו די אַנדערע.

נעכטען איז געווען זונטאָג; מאַרגאַרעט איז אַ גאַנצען טאָג געווען מיט איהר פריינד דזשעימס בראַון. איצט זינגט דזשעימס מעלטאָן די וואונדערליכע שובערט־סערענאַדע, — דאָס ליד פון אַלע פאַר׳חלומ׳טע און ליידענדע פאַרליבטע.

מאַרגאַרעט האָט, דאַכט זיך, געענוי געוואוסט וואָס זי האָט צו טאָן, וואָס און ווי אַזוי זי דאַרף זאָגען, און אַלץ האָט זיך ביי איהר געטאָן און גערעדט בלויז אינעווייניג, אין איהר געדאַנק און אין איהר האַרצען. צום וואָרט איז זי ניט געקומען.

אין דעם אַפּאַרטמענט איז געווען אַ דריקענדע שטילקייט. עס איז נאָר־וואָס אָוועק די געדונגענע באַלעבאָסטע, די פרוי וואָס קאָכט אָפּ

דעם סאַפּער פּאַר די צוויי עלענדע פאַרנומענע מענשען, די פאַרבליבענע יתומים נאָך דעם טויט פון מיסעס גורעוויטש.

די פרוי, די קעכין, האָט ביי זיך אַ שליסעל צום אַפּאַרטמענט. ווען גורעוויטש, אַ בוכהאַלטער, איז ביי זיין אַרבייט, און זיין טאָכטער איז אויך ביי איהר אַרבייט ערגעץ אין אַן אָפיס אַלס סטענאָגראַפיסטקע, קומט די פרוי אין דעם אַפּאַרטמענט אַזייגער דריי נאָכמיטאָג. זי ברייננגט מיט זיך די שפייזען, וואָס זי קויפט אַליין איין, שטעלט־צו קאָכען דעם סאַפּער און ראַמט דערווייל אויף די צימערען. ווען גורעוויטש און זיין טאָכטער קומען אַהיים, דערלאַנגט זי דעם סאַפּער צום טיש; זי וואַשט די געשיר, און געהט אַוועק, איבערלאַזענדיג דעם אַפּאַרטמענט אין אָרדנונג.

ווען די קעכין, אַ שווערע פרוי און ניט קיין איבעריגע בריה, איז נאָך געווען און זי האָט געקלאַפּט שטאַרק מיט די טעלער אָדער מיט דער באַרשט, קערענדיג דאָרטען אין קיך, האָט זיך די קלאַפּעריי אָפּגע־רופען אויף גורעוויטש׳עס און מאַרגאַרעט׳ס אָנגעשפּיצטע נערוען אַלס אַ פילפאַכער גרויסער טומעל. אַז די פרוי איז פאַרטיג געוואָרען און אַוועק, האָבען זיי זיך דערפיהלט באַרוהיגט אין דער שטענדיגער גע־דריקטער שטילקייט וואָס איז ענטשטאַנען ציים זיי זיינען געבליבען אַליין אין דעם גרויסען אַפּאַרטמענט.

הערמאַן גורעוויטש האָט זיך פאַרקליבען אין ליווינג־רום, וואו מאַרגאַרעט האָט זיך שוין לאַנג באַזעצט אויף איהר שטענדיגען אָרט אויף דער ברייטער ווייכער זאָפע.

מיט אַ שווערקייט האָט זיך גורעוויטש אַריינגעזעצט אין דעם ווייכען שטול ביים ברידזש לאָמפּ, וועמעס ליכט עס האָט באַשיינט און באַ־גלאַנצט זיין פּליך. ער האָט געהאַלטען זיין צייטונג פאַנאַנדערגעעפענט, אָבער געלייענט האָט ער ניט. זיין מידער מח איז געווען אָנגעפילט מיט די רעיונות פון דעם אונדערטרעגליכען „וויק־ענד” — דעם שבת און דעם זונטאָג.

צייט עטעל איז געשטאָרבען, שוין העכער אַ יאָהר, זיינען די פרייע טעג ביי איהם אַן אָפּקומעניש. ער האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן פון עלענדקייט.

ניט ער האָט וואו צו געהן, ניט איהם ווילט זיך געהן ערגעץ, ניט ער פאַסט זיך אַריין ערגעץ, און ניט ער קען זיין מיט זיך אַליין.

ער איז מיד פון עלענדקייט, גורעוויטש, און ער האַלט אין איין זוכען אַן עצה וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך.

פון זיינע געזעלשאַפטליכע קרייזען, די אַנאַרכיסטישע גרופען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרקאַכט, איז גורעוויטש שוין לאַנג דערווייטערט. פון יענער באַליבטער אַנאַרכיסטישער גרופע, וואָס ער האָט אַליין אַמאָל געגרינדעט, איז גאָר ניט געוואָרען; די געגאָסען זיינע, די גאָר נאָהענטע, זיינען אַוועק אויף אַנדערע וועגען. און די פאַרבליבענע וואָס האַלטען אַן זייער אַמאָליגען אידעאַל, זיינען פיינדליך צו גורעוויטש'ען. זיי האַלטען אַז ער איז קאַליע געוואָרען, אַז ער געהט אויף צוריק, אין דער פינס־טערניש אַריין; אַז זיין רעליגיעזע פרוי האָט איהם פאַרשלעפּט אין דער סינאַגאָגע אַריין. האָט ער זיך דערפיהלט ניט באַקוועם צווישען זיינע אַנאַרכיסטישע גענאָסען און ער האָט זיך דערווייטערט פון זיי. גורעוויטש איז אָבער ניט פאַרשלעפּט געוואָרען אין דער סינאַגאָגע. ער האָט בלויז געלעבט גליקליך מיט זיין פרוי און עס האָט איהם ניט געאַרט אַז זי איז געגאַנגען ימים נוראים אין שול, און איהר האָבען ניט געאַרט זיינע פירונגען.

גאָר אַמאָל, די ערשטע פאָר יאָהר נאָך דער חתונה, זיינען יאָ פאָר־געקומען צוזאַמענשטויסען צווישען איהם און זיין פרוי. דער גרעסטער צוזאַמענשטויס איז געווען ווען גורעוויטש האָט פּראָטעסטירט למאי זיין פרוי און איהר פאָטער האָבען געגען זיין ווילען דורכגעפירט דעם ברית מילה איבער זייער זוהן. עס איז אויך געווען אַ גרויסער איבעררייד, למאי דער שווער האָט אַריינגעגעבען דזשוליוס'ן, דעם זוהן זייערען, אין אַ תלמוד־תורה.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, ווען גורעוויטש איז געווען יונג, ווען זיין אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז געווען אין דעם ביטערען קאַמף מיט דעם רעליגיעזען פאַנאַטיזם. זעהר, זעהר לאַנג איז דאָס געווען. עס איז שוין היבשע יאָהרען אַז גורעוויטש האָט שלום געמאַכט מיט זיין ווייב און מיט דער וועלט.

— דאַרפסט ניט זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט, — פלעגט זי איהם שטענדיג זאָגען, און איצטער דוכט זיך איהם, אַז זי איז גאָר ניט געווען אַזוי אומגערעכט, ווי ער האָט אַמאָל געמיינט.

דער עצם אידעאַל איז אָבער אין גורעוויטש'ען פאַרבליבען. ווען זיין עטעל איז געשטאָרבען, און דער אומעט און עלענד האָט זיך פאַר־קליבען אין זיין האַרצען, האָט ער געגומען געהן צו די מיטינגען פון דער אַנאַרכיסטישער גרופע וואָס איז דאָ אין שטאָט. ער האָט נאָך דאַר־

טען געהאַט איניגע זייער נאָהענטע פריינד. אָבער אין דעם צוזאַמענ־קומען זיך מיט זיין אַמאָליגען קרייז, האָט ער ערשט דערזעהן, ווי ווייט ער איז פון זיי.

ער האָט געהאָפט, אַז לעבען זיינע אַמאָליגע אַנאַרכיסטישע גענאָסען וועט ער זיך גייסטיג אָנוואַרעמען. ער וועט דולדען זייערע אַלטע טע־אָריעס, צוליב דער פריינדשאַפט וואָס ער וועט געניסען; אָבער זיינע אַמאָליגע פריינד האָבען זיך באַצויגען צו איהם מיט פרעמדקייט. קיינער פון זיי גלויבט שוין אויך ניט אין די אַלטע טעאָריעס זייערע. זיי זיינען אָבער צוגעוואוינט געוואָרען צו דעם אַלטען אָנשטעל. פון גורעוויטש׳ען זיינען זיי אָבער סתם אָפּגעוואוינט געוואָרען. די צייט האָט זיי אָפּגע־פרעמדט.

ער איז געגאַנגען צו אַ פּאָר וועטשערינקעס, לעקציעס, און ער האָט אויפגעהערט. איהם פון זיי האָט די צייט אויך אָפּגעפרעמדט.

וועגען געהן צו זיין זוהן און שנור איז גאָר קיין רייד ניט געווען. ניט איהם האָט זיך געוואָלט קומען צום זוהן, ניט דער זוהן וואָלט עס גערן געווען. דזשוליוס, וועלכער איז פון קינדערווייז אויף געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער פרומער אַלטמאָדישער מוטער׳ס פאַמיליע, איז געווען אומפריינדליך צום פאָטער. וואָס עלטער דזשוליוס איז געוואָרען, אַלץ ווייניגער רעספּעקט האָט ער געהאַט פאַר זיין פאָטער, „דהי אָלד מען מיט זיינע פאַני ראַדיקעל איידיעס״. אָבער די הויפּט אורזאַך פון דער דערווייטערונג איז געווען דזשוליוס׳עס פרוי. זי איז צו איהם סתם ניט געווען פריינדליך.

* * *

אויף דער זאָפע איז געזעסען מאַרגאַרעט און געשטריקט עפּעס פאַר זיך. איהרע שיכלעך זיינען געלעגען איבערגעקערט און צעוואָרפען אויפ׳ן קאַרפּעט ביי דער זאָפע, און זי איז געזעסען מיט איהרע פיס אונטערגעקאָרטשעט אונטער זיך.

מאַרגאַרעט איז געווען מיד פון דעם שבת און זונטאָג. זי איז געווען מיד פון האָוועבישען, פון פּאַרטיס, פון „אויסגעהן״, אויספּאַרעבישען.

זי האָט געקוקט צום פאָטער, באַוואַכט זיין יעדע מינע, און געזוכט אַ געלעגענהייט דורכצורײדען זיך מיט איהם פון האַרץ צו האַרץ וועגען איהר „באַי פרענד״ — אַ יונגערמאַן, וועמעס נאָמען עס איז נאָך קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרען דאָ אין שטוב, פון וועמעס עקזיסטענץ עס איז ניט גערעדט געוואָרען, כאָטש מאַרגאַרעט איז שוין געווען באַפריינדעט מיט איהם מעהר ווי צוויי יאָהר.

דזשימי בראַון הייסט דער יונגערמאַן, און ער איז אַ קריסט. זי האָט זיך מיט איהם באַקענט אין דער אָפיס געביידע, וואו דזשימי האָט גע־אַרבייט ערגעץ אויף אַן אַנדער פלאָר אין אַן אָפיס.

מאַרגאַרעט איז געווען שטאַרק פאַרליבט, און זי האָט זיך געשראָקען.

ווען די מוטער האָט נאָך געלעבט, האָט מאַרגאַרעט גאָר ניט אַזוי מורא געהאַט פאַר דער ליבע. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ווייטע זאַך. די רעליגיעזע מאַמע וועט ניט דערלאָזען. וויט, זייער וויט, האָט אויס־געזעהן די רעאַליזירונג פון איהר ליבע צו אַ שייגעץ, ווי די מאַמע פלעגט שטענדיג רופען אַ קריסטליכען אינגעל. מאַרגאַרעט האָט דאַן געפיהלט, אַז די מאַמע, ווי אַן אייזערנע וואַנט, שטעהט צווישען איהר און אַ שידוך מיט אַ קריסט.

און מאַרגאַרעט אַליין איז טאַקע געווען אַן אַלטמאָדישע אידישע טאָכטער. זי איז אפשר ניט געווען אַזוי באַוואוסטזיניג רעליגיעז ווי איהר מוטער, אָבער אבערגלויבעריש איז זי געווען ניט ווייניגער. זי האָט מורא געהאַט צו וואַגען טאָן אַזאַ זאַך.

ווען עס האָט פּאַסירט, אַז דזשימי האָט פאַרלוירען זיין דזשאָב און מאַרגאַרעט האָט אַ צייט איהם ניט געזעהן, האָט זי געוואונשען, אַז ער זאָל זיך טאַקע ניט באַווייזען, וועט נעמען אַ סוף; וועט זי זיך סטאַרען איהם אַרויסשלאָגען פון איהר קאָפּ.

אַנדערש זיינען געוואָרען מאַרגאַרעט'ס געפיהלען צייט איהר מו־טער איז געשטאָרבען און דזשימי האָט זיך ווידער אָפּגעזוכט. ער איז געקומען און גאָר מיט אַ שטאַרקערער צוגעשטאַנענקייט.

פון דעם פאַקט, אַז די מוטער איז מעהר ניטאָ, און פון דעם גע־דאַנק, אַז דער פאָטער, וועלכער גלויבט ניט אין רעליגיע, וועט ניט זיין קיין שטערעניש צו אַזאַ שידוך — זיינען אין מאַרגאַרעט'ען צעפאַלען אַלע כוחות פון ווידערשטאַנד געגען חתונה האָבען מיט אַ קריסט.

בלויז איין שטערונג איז פאַרבליבען — איהר אייגענע מורא, איהר אייגענער פאָראורטייל, וואָס איז אין איהר איינגעפלאַנצט געוואָרען פון קינדווייז אָן פון דער פאַרפרומטער מוטער געגען אַזאַ שידוך.

* * *

עס איז שוין אַריבער אַ חודש אַז מען האָט געשטעלט די מצבה אויף דער מוטער'ס קבר, און דאָס איז געווען די ריכטיגע צייט וואָס מאַרגאַ־רעט האָט באַשטימט צו ריידען מיט'ן פאָטער וועגען דער פערזאָן, וועגען וועלכער זי האָט מיט איהר מוטער ניט געקענט ריידען.

אָבער ווי מאָדנע דאָס האָט אויסגעקוקט פאַר איהר אַליין. זי האָט

ניט געקענט צוטרעטען צו דעם געשפרעך מיט'ן פאָטער. צייט די מוטער איז געשטאָרבען, איז צווישען פאָטער און טאָכטער אויסגעוואַקסען אַן ענגערע נאָהענטקייט, אַ באַזאָרגטקייט איינע פאַר די אַנדערע, און עפּעס אַ מאָדנער שטומער געפיהל וואָס איז פאַר זיי ביידען ניט געווען קלאָר. עפּעס אין דעם גרויסען אומעטיגען אַפּאַרטמענט האָבען זיי זיך ביידע אַרומגעדרעהט מיט געפיהלען פון ענטשולדיגען זיך, אַז אפשר פּאַסען זיי איינע אויף די אַנדערע ניט געהעריג אויף אין אַזאַ רחמנות'דיגער עלענדער צייט פאַר זיי ביידען.

ווען די מוטער איז געלעגען קראַנק — און קראַנק איז זי געווען פאַר לאַנגע חדשים — זיינען פאָטער און טאָכטער געווען צוזאַמענגעבונ־דען אין ליידען און אין פליכטען פאַר דער קראַנקער מוטער און פרוי. צייט אָבער די ערד האָט צוגעדעקט דאָס טייערסטע וואָס זיי האָבען ביידע פאַרמאָגט, האָט זיי געגומען מוטשען עפּעס אַ טרויעריגער געפיהל, אַ מין שעמעוודיגקייט, פאַר ניט באַדינען געגוג איינע די אַנדערע.

איבערהויפט האָט מאַרגאַרעט זיך דערפיהלט מוטלאָז געגען פאָטער, זעהענדיג, ווי ער געהט אַרום אַ פאַרלוירענער, ווי פיינליך עס האָט געווירקט אויף איהם דער מוטער'ס טויט, ווי ער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען אין אַזאַ טרויעריגער געפאַלענער שטימונג. דער פאָטער איהרער. זי איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ גוואַלדיגען רעספּעקט צו איהר פאָטער — אַזאַ רעספּעקט וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט פאַר איהם.

צוויי אינערליכע איינפלוסען האָבען איבער איהר געאַרבייט — ערשטענס, צום פאָטער'ס ליידען, זיין בענקשאַפט נאָך דער מאַמען; צווייטענס, דער גרויסער געפיהל פון זעלבסט־אינטערעס, אַז דאָס וואָס אַלע יאָהרען האָט דער מוטער'ס משפחה געטאַדעלט איהר פאָטער אַלס אַ הפקר־מענש, איז איצט פאַר איהר אַ לעבענס־רעטונג, אַ הילף פאַר איהר שטאַרקער ליבע צו דזשימי'ן.

עס האָט אין מאַרגאַרעט'ען געיובעלט די פרייד פון ליבעס־גליק. זי האָט געוואָלט זיין טרויעריג; זי האָט כסדר געוואָלט וויינען אויף דעם אומגליק פון איהר מוטער, אָבער געגען איהר ווילען האָט פון איהר יונג פאַרליבט האַרץ געטרילערט אַ געזאַנג צום לעבען, ווייל דזשעימס, איהר דזשימי, איז דאָ אויף דער וועלט, ווייל ער וואַרט אויף איהר, און זי ערוואַרטעט איהם. אָט די שולדיגקייט, די כוואַליע פון אַ מאָדנעם אומבאַגרענעצטען עגאָאיזם, וואָס האָט איהר באַהערשט, האָט ביי איהר

אַפּגענומען דעם מוט און דעם לשון אין געגענוואַרט פון איהר פאָטער ווען זי האָט געוואָלט וועמען זי האָט גענומען באַטראַכטען פאַר אַ מאַרטירער, פאַר אַ הייליגען.

זי האָט באַשלאָסען איבערצוואַרטען דעם אָוענט; ס'איז נאָך דאָ צייט. זי האָט זיך שטיפעריש אָרונטערגעגליטשט פון דער זאָפע, גע־נומען איהרע שיכלעך אין די הענט און איז אַוועק צו זיך אין צימער, ברענגען דאָרטען אין אָרדענונג אייניגע זאַכען און אָנגרייטען איהר טו־אַלעט אויף מאָרגען פריה.

די טיר פון מאַרגאַרעט'ס צימער איז געווען האַלב אָפען; זי האָט דאָרטען איבערגעשטעלט זאַכען פון איין שופלאַד אין אַ צווייטען, איבער־געשטעלט פלעשלעך און „קאָמפּעקטס" פון דער „וועניטי" אויף דעם בעט־טישעלע. דער פאָטער איז צוגעקומען:

— געהסט שוין שלאָפען, מאַרגאַרעט?

— ניין, פּאַפּאַ; ס'איז נאָך קיין צעהן אַזייגער ניטאָ.

— דו ביזט נעכטען געקומען זייער שפּעט; איך בין אויך ניט גע־קומען פריה, אָבער דו ביזט געקומען נאָך שפּעטער. געה שלאָפען, מאַר־גאַרעט; רוה זיך אויס.

דער פאָטער איז אַריין צו איהר אין צימער און זיך געזעצט אויף אַ שטול און מיט אַ קרעכץ האָט ער פאַרטגעזעצט:

— איך קום שפּעט; דו קומסט שפּעט; מען זעהט זיך ניט, און ס'איז ניטאָ קיין צייט דורכצורײדען זיך וועגען די נויטיגסטע זאַכען.

— ווען דו וואָלסט מיר אָנגעזאָגט, פּאַפּאַ, וועלכע צייט דו ווילסט איך זאָל זיין אין שטוב, וואָלט איך ניט אַוועק, — האָט מאַרגאַרעט זיך אָנגעכאַפּט מיט גוטסקייט און צופרידענקייט.

— ניין, עס מאַכט ניט, — האָט דער פאָטער גערעדט געלאַסען,

— איך בין צופרידען וואָס דו האָסט אַן אינטערעס „אויסצוגעהן".

דאָ האָט מאַרגאַרעט דערפיהלט אַ געלעגענהייט צו ריידען וועגען איהר פריינד. אָבער דער פאָטער, נאָך אַ קליינע פּאוזע, האָט זיך צוגע־בויגען צו דעם ענד־טישעלע ביי דעם שטול, וואו ער איז געזעסען, האָט אָנגענומען די פאָטאָגראַפיעס פון עטלען און איהם, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טישעלע, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבען געדאַרפט עפּעס באַשטימען וועגען דעם אַפּאַרט־מענט. ס'איז אַ גרויסער אַפּאַרטמענט; מען דאַרף האַלטען אַ שטענדיגען מענשען, און ס'איז קיין זאַך ניט אין אָרדנונג. איז ווייס איך ניט וואָס מען זאָל טאָן.

— מיר דאַרפען ניט אָנהאַלטען דעם אַפּאַרטמענט, — האָט מאַר־גאַרעט געזאָגט, — מיר קענען זיין אין צוויי „פוירנישד רומס".

— מיר וועלען דערמיט גאָרניט פאַרריכטען, — האָט גורעוויטש גענומען חשבונ׳ען, — צוויי „פוירנישד רומס״ איז שוין אַ האַלבער אַפּאַרטמענט. מיר ביידע דאַרפען דריי צימערען, אַניט וועלען מיר דאָך ווערען אָפּגעפרעמדט. מיר דאַרפען דאָך צוזאַמען פאַרברענגען אין דער היים, הערען אַ ראַדיאָ צוזאַמען. דריי „פוירנישד רומס, מיט באַדינער־שאַפט, וועט זיין די זעלבע זאַך. עס וועט אַפילו קאָסטען די זעלבע געלט. מיר וועלען דערמיט גאָר ניט פאַרריכטען. איך האָב אַ סך איבערגע־טראַכט וועגען דעם, פאַנאַנדערגעפרעגט.

— איז וואָס קען מען טאָן ? — האָט מאַרגאַרעט געפרעגט.

נאָך אַ היבשער פּאַוזע האָט גורעוויטש געזאָגט ווי אין פאַר׳־חלומ׳טקייט :

— אַז מיר ביידע זיינען דאָך אי יאָ אַ פאַמיליע, אי ניט קיין פאַמיליע.

עס איז ווידער געווען אַ לאַנגע פּאַוזע, און עס האָט אויסגעזעהן אַז ביידע האָבען ניט מיט וואָס צו ענדיגען דעם געשפּרעך.

— איך וועל דיר זאָגען, פּאַפּאַ, — האָט זיך פון מאַרגאַרעט׳ן עפּעס ווי אומגערן געגומען ריידען און שטאַמלען, — איך האָב, איך טראַכט שוין לאַנג, דאָס הייסט, איך האָב מיט דיר געוואָלט ריידען וועגען אַ פריינד, אַ פריינד מיינעם.

— אַ פריינד ? — האָט דער פאָטער געפרעגט מיט פאַרזיכט.

— אַ פריינד, אַ יונגערמאַן, — איז מאַרגאַרעט געוואָרען דרייס־טער ; — איך וויל איהם פאָרשטעלען פאַר דיר.

— אַ, אַ ! — האָט זיך פונ׳ם פאָטער אַרויסגעריסען אַ פריידענס אויסרוף ; — זאָג זשע אַזוי, וואָס שווייגסטו ?

די לעצטע פּאָר ווערטער האָט גורעוויטש אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרשטיקטען האַלז פון טרערען, אָבער די אויגען זיינע האָבען נאָך אַלץ געהאַט דעם פריידיגען גלאַנץ.

פון דעם מאָמענט אָן זיינען אַלע געדאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס האָבען גורעוויטש׳ען געמוטשעט דעם גאַנצען אָוונט, אַוועק ווי קיינמאָל ניט געווען. אַלעס האָט אויסגעזעהן אומוויכטיג. אַ ים מיט אומבאַקאַנטע, כאַטש לאַנג געגאַרטע געפיהלען האָבען דעם פאָטער איבערגעוועלטיגט. ער האָט זיך איינגעהאַלטען פון וויינען.

מאַרגאַרעט האָט די אויגען געהאַלטען אַרונטער און געוואַרט.

אַז גורעוויטש האָט זיך באַרוהיגט, האָט ער געפרעגט :

— שוין לאַנג אַז דו קענסט איהם ?

— שוין צוויי און אַ האַלב יאָהר.

— טאַקע! צוויי און אַ האַלב יאָהר! און איך האָב דערפון גאָר ניט געוואוסט.

נאָך אַ היבשען שטילשוויגען פוןביידען, האָט גורעוויטש, שוין מיט פאָטערליכער געלאַסענקייט, געפרעגט:

— איז ווי לאַנג איז שוין אַז ביי דיר איז דאָס שוין פאַררעכענט.

— איך מיין אַז ביי איהם איז שוין דאָס אויף באַשטימט?

— איך קען ניט זאָגען אַקוראַט פון ווען אָן, — האָט מאַרגאַרעט גענומען ריידען מוטלאָז; — ביי איהם איז עס שוין געווען אַ באַשטימטע זאַך גלייך ווי מיר האָבען זיך באַקענט.

— און ביי דיר?

מאַרגאַרעט האָט געשוויגען, און דער פאָטער האָט פאַרטגעזעצט:

— דו האָסט איהם ליב?

— יאָ.

— זייט ווען?

— שוין לאַנג.

— ווי לאַנג?

— שוין אַ צוויי יאָהר, שוין מעהר ווי צוויי.

— האָט די מאַמע פון דעם געוואוסט?

— ניין.

— האָסט מיט איהר קיין מאָל ניט גערעדט וועגען איהם?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— די מאַמע וואָלט מיך ניט פאַרשטאַנען.

— די מאַמע וואָלט דיך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס?

ביי מאַרגאַרעט'ן האָבען זיך גענומען בייטען די קאָלירען. אָבער ווי אַ צושראָקענער פּאַציענט דערשלינגט שנעל מיט גוואַלד אַ פּיל, האָט זי שנעל אַרונטערגערעדט:

— ווייל מיין פריינד איז אַ קריסט.

— אַ־אַ, — האָט גורעוויטש אַרויסגערעדט מיט אַ טיפען טאָן; געבליבען אויף אַ מאָמענט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם; — אַ קריסט, אַ קריסט איז ער?

— פאַרשטעהסט, פּאַפּאַ, איך האָב זעהר פיל געליטען; איך האָב געזוכט מיט אַלערליי מיטלען צו פאַרגעסען איהם, ווייל איך האָב דער מאַמען ניט געקענט פאַרשאַפען קיין ליידען.

— אזוי, אַזוי, אַ קריסט איז ער, — האָט גורעוויטש אָפען גענומען אַרויסוויַיזען זיַין זאָרג.

— פּאַפּאַ! — האָט מאַרגאַרעט אויסגערופען פאַרוואונדערט און מורא געהאַט צו פרעגען וועגען זיַין געגנערשאַפט, ניט געוואָלט צוטראָגען דאָס וואָרט צו איהם.

הערמאַן גורעוויטש האָט זיך נעהענטער צוגעזעצט לעבען זיַין טאָכטער, אַריַינגעקוקט איהר אין די אויגען און געפרעגט:

— און דו האָסט געגלויבטווירקליך, אַז מיך וועט עס פרעהען וואָס ער איז אַ קריסט?

— געוויס, פּאַפּאַ, פאַר וואָס ניט? דו ווילסט דאָך מיך זעהן גליקליך, און דו גלויבסט דאָך ניט אין די אַלט־מאָדישע גאַנגען פון לעבען. ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבען פאַרשטעהן דיַינע באַגריפען, פאַר וועלכע די פאַנאַטיקער האָבען דיך פאַרדאַמט דעם גאַנצען לעבען.

— טאָכטער, — האָט זיך גורעוויטש אָפּגערופען, — איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זאָל דאָ פאַנאַנדערקלייבען זיך, אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטעהן; נאָר איך קען דיר זאָגען, אַז אַ קריסטליכער יונגערמאַן איז ניט קיין שידוך פאַר דיר.

— וואהאַי, פּאַפּאַ? איך בין איבעררעאַשט! האָסטו דען ניט געפּרעדיגט אַלע דיינע יאָהרען, אַז אַלע אידען דאַרפען זיך אויסגלייַכען מיט אַלע פעלקער?

— יאָ, איך האָב עס טאַקע געפּרעדיגט.

— וועל?

— די גויים ווילען דאָך אָבער ניט.

— וואָס מייַנסטו דערמיט?

גורעוויטש האָט לאַנגזאַם און שטאַרק באַטאָנט:

— די גויים ווילען ניט אויסגלייַכען זיך; זיי ווילען ניט דעם שידוך מיט די אידען.

— ניט אַלע, פּאַפּאַ, ניט אַלע קריסטען זייַנען אַזוי ווי דו מייַנסט.

— אַלע, מיין טאָכטער, אַלע.

— אַלע? אַלע קריסטען ווילען ניט אויסמישען זיך מיט אידען?

— כמעט אַלע. די שלעכטע פאַרגינען ניט דעם אידען, ער זאָל זיין גלייך מיט זיי, און די גוטע רעספּעקטירען דעם אידען כל זמן דער איד איז אַ איד.

ווען גורעוויטש האָט דאָס געענטפערט צו זיַין טאָכטער, האָט ער אַליין זיך זעהר אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייַנע אייגענע ווערטער,

ווייל די דאָזיגע ווערטער האָט ער פון זיך אַליין געהערט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען. דאָס האָט פאַר איהם געקלונגען ווי אַ ודוי פון זיין טיפען האַרצען, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אַרויסצוברענגען פאַר זיך אַליין — אַ ודוי פאַר זיינע אַמאָליגע איבעראיילטע מיינונגען, פאַר זיין אַמאָליגען איינרייסען זיך מיט זיין פרומער משפחה, מיט דער גאַנצער וועלט, פאַר טעאָריעס, וואָס זיינען ביי איהם שפּעטער אויסגערונען געוואָרען.

פאַר מאַרגאַרעט'ען אָבער האָבען זיינע ווערטער קיין שום זין ניט געהאַט. ניט זי האָט ווען פאַרשטאַנען פאַר וואָס איהר פאָטער איז ניט רעליגיעז, ניט אידישלעך, ניט זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען די לעצטע עטליכע יאָהר, און פאַרוואָס ער רעדט אַזוי.

זי האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרשטעהן, ווייל זי איז געווען איבערפולט אי מיט איהר ליבע, אי מיט איהר אייגענער שרעק פאַר דעם שידוך, פאַר איהר טויטער מאַמען, און דאָ איז דער פאָטער אַ מענש, וואָס גלויבט ניט אין דער סינאַגאָגע, רעדט צו איהר וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס געהען איהר ניט אָן, און ריידען רעדט ער צו איהר אויף אַזאַ אופן, וואָס זי האָט אַזוינס ניט ערוואַרטעט ביי אַזאַ מאָמענט. דער פּאַפּאַ האָט אַפילו ניט געפרעגט דזשימי'ס נאָמען, מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט. זי איז געבליבען זיצען אַ דערשלאָגענע, אַ פאַרטראַכטע, און ווי אַלס פּראָטעסט האָט זי געזאָגט, ווי פאַר זיך ריידענדיג:

— איך האָב קיינמאָל ניט ערוואַרט, אַז מיין פאָטער, אַ ניט־גלויביגער, זאָל מיך ניט פאַרשטעהן.

— איך פאַרשטעה דיך, מאַרגאַרעט, איך פאַרשטעה דיך. אָבער ניט וועגען דעם האַנדעלט זיך. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך זאָל דיר געבען צו פאַרשטעהן, וואָס איך פיהל איצט. עס וואָלט דאָך געווען פאַר מיר די שענסטע בשורה, ווען דער יונגערמאַן וואָלט געווען אַ, — ער האָט געוואָלט זאָגען „אַ איד", און ער האָט זיך פאַרכאַפּט און פאַרענדיגט:

— ווען ער וואָלט געווען דיין גלייכען...

אין אַ ברוגז'ען טאָן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, האָט מאַרגאַרעט געזאָגט:

— דער מאַמע'ס געגנערשאַפט וואָלט איך פאַרשטאַנען. אָבער דיין שטעלען זיך אַנטקעגען איז די גרעסטע איבערראַשונג אין מיין לעבען.

— דיין מאַמען וואָלט געווען לייכטער צוצושטימען צו אַזאַ ליבע, ווייל זי האָט געהאַט אַן עצה, זייער אַ טייערע עצה.

— וואָס פאַר אַן עצה?

— די מאַמע דיינע איז געווען רעליגיעז, און אַז מען איז רעליגיעז, איז אויפ׳ן לעצטען אופן די עצה, וואָס דער יונגערמאַן שטימט איין מגייר צו זיין זיך. דיין מאַמע האָט געגלויבט, אַז ווען מען איז זיך מגייר, ווערט מען אַן אַנדער מענש. איך קען דאָך ניט גלויבען אַזוי; איך בין דאָך ניט רעליגיעז.

עס איז געווען אַ לאַנגע און אַנגעשטרענגטע שטילקייט. דער פאָטער האָט ווידער צוגעבויגען זיך צום טישעלע, ווידער איינגעקוקט זיך אין דער פאָטאָגראַפיע — דאָס בילד פון איהם און עטלען; ער האָט אַ גלעט געטאָן מאַרגאַרעט׳ען איבער׳ן קאָפּ און איז אַרויס מיט די ווערטער:

— מיר׳ן נאָך ריידען וועגען דעם.

הערמאַן גורעוויטש איז אַוועק מיט אַ מידען קאָפּ צו זיך אין צימער, אַוועקגעזעצט זיך אין דער פינסטער אַנגעשפּאַרט זיין פּנים אויף ביידע הענט, און ער האָט זיך דאָן געפיהלט זעהר מיד, אַלט און צובראָכען. ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיך אַליין, וואָס עס איז איצט ניטאָ קיינער אויף דער וועלט מיט וועמען ער זאָל זיך טיילען זיינע געפיהלען און גע־דאַנקען. ניט עס איז דאָ די אַלט־מאָדישע עטעל מיט וועמען ער האָט זיך געקענט טיילען די געפיהלען וועגען דער טאָכטער אין אַזאַ מאָמענט, און ניט עס איז דאָ סתם אַ נאָהענטער, אַ פריינד, פאַר וועמען ער זאָל קענען עפענען דאָס הארץ, זאָגען, ריידען, ווי ער פיהלט זיך אומגליקליך, וואָס זיין טאָכטער וויל חתונה האָבען מיט אַ קריסט.

דערביי האָט ער דערפיהלט עפּעס אַ מאָדנעם חוזק אין הארצען — אַ טרויעריגען חוזק. דעם גאַנצען לעבען האָט איהם ווי געטאָן, וואָס קיינער פון זיין אייגענער הויז־געזינד האָט איהם ניט פאַרשטאַנען. ער איז גייסטיג געווען ווי אַ פאַרשטויסענער, אַ פרעמדער, איצטער קומט זיין טאָכטער צו איהם מיט אַ ליבעס ערקלעהרונג פאַר זיין אַנאַרכיס־טישען אידעאַל, פאַר זיין אידעאַל פון פריידענקער, און דאָס איז ביי איהם אַזאַ טרויעריגער מאָמענט. ס׳איז איהם געווען טרויעריג, וואָס זיין טאָכטער האָט בלויז אין זינען איהר ליבע צום קריסט, און זוכט אַ ברכה פון איהר אַנטי־רעליגיעזען פאָטער; און ס׳איז איהם געווען טרוי־עריג, וואָס ער איז שוין ניט יענער באַגייסטערטער אַנאַרכיסט, וואָס ער האָט זיך געענדערט דערפאַר, ווייל די גוים האָבען זיך ניט געענדערט, ווי ער האָט אַמאָל געהאָפט און געגלויבט. ס׳הייסט ער האָט זיך אַמאָל געענדערט פון איד צו מענש, מיינענדיג אַז דער קריסט וועט אויך אַזוי

טאָן. האָט זיך דער קריסט ניט געענדערט; האָט ער, גורעוויטש, זיך געמוזט צוריק אַריינקלייבען זיך אין זיין אידישער הויט אַריין.

אָט אַזוי האָט גורעוויטש, צוליב זיין טאָכטער'ס דילעמאַ, ערשט דייטליך דערזעהן זיין אייגענע דילעמאַ אַלס ראַדיקאַל, אַלס איד און אַלס פאָטער.

און זיין האַרץ איז געווען פול מיט צערטליכקייט און מיטליד צו מאַרגאַרעט'ען, צו זיין קינד, וואָס זי איז איצט עלענד אין אַזאַ מאָמענט, אין דעם וויכטיגסטען מאָמענט פון מיידעל'ס לעבען. די מאַמע פעהלט איהר איצט זעהר און זעהר. גורעוויטש האָט גאַנץ קלאָר פאַרשטאַנען, אַז די אַלט־מאָדישע עטעל, די שטרענגע פאַרפרומטע אידענע, וואָלט פאַר מאַרגאַרעט'ען געווען אַ פיל בעסערע אַנשפאַרעניש, אַ טרייסט, אין דעם מאָמענט, ווי ער קען עס זיין, כאָטש זיין פאָטערליכע האַרץ איז איצט אַזוי צונומען מיט געפיהלען פאַר זיין טאָכטער.

גורעוויטש האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פאַרזונקענקייט, אַריינגעקומען אין דער ליווינג רום און געזעהן אַז אין מאַרגאַרעט'ס צימער איז נאָך ליכטיג; די טיר פון איהר צימער איז אָפען, און זי זיצט און קוקט פאַרטראַכט אויף דעם אומאָרדענונג אין וועלכען איהרע פלעשעלעך, קעסטעלעך און אַלערליי מכשירים פון איהר מיידעלשען טואַלעט זיינען געבליבען אין אַ שטיל־שטאַנד.

ער איז ווידער אַריין צו איהר אין צימער, אַרויפגעלייגט מיט מילדקייט זיין האַנד אויף איהר שולטער און געזאָגט וויך און לאַנגזאַם:

— איך וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטעהן. קיין פאַנאַטיקער בין איך דאָך ניט; ס'איז דאָך קיין פראַגע וועגען שטערען אין אַ ליבע; וועגען רעליגיע האַנדעלט זיך אודאי ניט. עס האַנדעלט זיך דאָך וועגען דעם פשוט פראַקטישען צוגאַנג צום לעבען. איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט זיך קענען פאַרשטעלען דעם גליק וועגען וועלכען אַ פאָטער חלום'ט פאַר זיין טאָכטער.

מאַרגאַרעט האָט מיט ליבשאַפט אַנגענומען דעם פאָטער'ס האַנט, און זי האָט צוגעטראָגען דאָס טיכעלע צו איהרע אויגען.

דער פאָטער האָט שטיל, זעהר שטיל געשעפטשעט זי זאָל ניט דערקענען, אַז ער האַלט ביים פאַנאַנדערוויינען זיך:

— נו, נו, מיר'ן נאָך ריידען וועגען דעם.

ער האָט איהר אַ קוש געטאָן אויפ'ן קאָפּ. מיט אַ פולען האַלז געשטיקט פון טרערען האָט ער געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, מיר'ן נאָך ריידען.

חיה־פייגע׳ס מזל

פון דריי אַזייגער נאָכמיטאָג אָן געהט חיה־פייגע אַרום אַ צושראָקענע. זי האָט אין הויז אַ באַהאַלטענעם פאַרשוין, און זי ציטערט פאַר דעם מאָמענט, ווען איהר זוהן לואיס וועט קומען פון דער אַרבייט.

געוואַלד, געוואַלד, טראַכט זי, וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן. זי וועט ניט קענען קוקען לואי׳ן אין די אויגען.

דער „באַהאַלטענער" פאַרשוין, וואָס איז געזעסען שטיל און געבויגען ווי אַן אָנגעוואָרפענער און אַ פרעמדער שטוב, איז געווען חיה־פייגעס אייגענער מאַן, זלמן גרובין, איהר זוהן לואיס׳עס אייגענער פאָטער.

דער זוהן לואיס איז שוין אַ בחור אין די יאָרען, און ער טראַכט גאָר ניט חתונה צו האָבען, ווייל זיין לעבען געהערט צו זיין אומגליקליכער „ליבע מאַמעלע". אַזוי רופט ער שטענדיג חיה־פייגע׳ן: — „מיין ליבע מאַמעלע", „מיין שענסטע מיידעל".

ווען לואיס איז געווען אַ קליין אינגעל, האָט ער זיך פאַרשוואָרען, אַז ער וועט אָפּגעבען זיין לעבען פאַר דער מאַמען, ווייל דער טאַטע האָט עס ניט געטאָן.

חיה־פייגע האָט גלייך נאָך איהר חתונה, נאָך מיט איבער דרייסיג יאָר צוריק, אין דער אַלטער היים, געעפענט אַ מאַסטערסקאַיאַ (אַ שאַפּ קעלע) ערגעץ אין אַ מישקאַניע, טיף אונטער אַ גרויסען מויער, געאַרבייט שווער מיט אַ פּאָר לערן־מיידלעך צו ערנעהרען זיך און איהר פיצעל קינד, וואָס איז ערשט געקומען אויף דער וועלט, אַ אינגעל איז דאָס געווען, דער איצטיגער לואי.

איהר מאַן, דער יונגער באַלעבעסעל, אַ גאַנץ שעהנער און פיגורנער מאַנסביל, זלמן גרובין, האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ גרויסער שלים־מזל. וואָס האָט מען געקענט טאָן מיט אַ מאַן אַ שלים־מזל, וואָס האָט ניט געקענט שפּייזען אַ ווייב און קינד? מען האָט אים אַוועקגעשיקט צו קרובים קיין אַמעריקע. דאָרטען, אין אַמעריקע, וועט מען איהם שוין איינשפּאַנען אין אַן אַרבייט, און ער וועט ווערען אַ מענש.

אין ניו יאָרק איז זלמן ניט בלויז געווען דער זעלבער שלים־מזל, נאָר אַ סך ערגער. ער איז דאָ געוואָרען אַ פולשטענדיגער טרעמפּ, אַזאַ מין

טרעמפּ, וואָס פאַר לאַנדסלייט איז שווער געווען איהם צו דערקענען. ניט ער האָט געשיקט געלט אַהיים און ניט ער האָט געשיקט בריף. פון בריף פון לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָט מען זיך גענוג אָנגעהערט ווי מען זעהט זלמנ׳ען זיך וואַלגערען אין העסטער פּאַרק, ווי אַזוי מען זעהט איהם אַרומגעהן אין צוריסענע קליידער וואָס אימיצער שענקט איהם אָנצוטאָן.

די בריה׳דיגע און גוטמוטיגע חיה־פייגע האָט געאַרבייט שווער ביי איהר געניי. פאַר ימים־טובים האָט זי זיך אַ פּאָר וואָכען ניט צוגעלעגט שלאָפען, ווייל דאַן איז געווען די צייט פון פאַרדינען. זי האָט געהאָדעוועט איהר זוהן, געקליידט איהם זעהר שעהן, געשיקט איהם לערנען אין חדר און צו לערנען שרייבען און לייענען.

דער איינגעלע איז אַלט געוואָרען זעקס יאָר, זיבען, אַכט, ביין, און געהערט האָט ער אין הויז כסדר וועגען זיין צרה׳דיגען טאַטען דאָרטען אין אַמעריקע. וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט ער דערפיהלט די מאַרטירערשאַפט פון זיין מוטער און אַלץ מעהר איז די שנאה זיינע געשטיגען צו זיין טאַטען. האָט לואי ביי זיך באַשלאָסען, אַז ער וועט פאַר זיין מאַמען אַרבייטען, דינען איהר, צערטלען איהר, פאַרטיידיגען איהר— טאָן אַלעס וואָס זיין פאָטער האָט פאַרפעהלט צו טאָן.

אין דעם עלטער פון אַכטצעהן יאָהר איז לואי אָוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע. ער האָט שנעל געשיקט נאָך דער מאַמען. אַזוי איז חיה־פייגע מיט אַ יאָהר זיבעצעהן צוריק געקומען קיין ניו יאָרק, וואו זי האָט געפונען אַן אויסמעבלירטע דירה, אין וועלכער זי האָט זיך באַזעצט מיט איהר זוהן.

ביי איהר אָנקומען, האָבען לאַנדסלייט אויפגעזוכט זלמנ׳ען ערגעץ אויף ברום סטריט, צוזאַמענגעפירט איהם מיט חיה־פייגע׳ן, זיי זאָלען זיך כאָטש זעהן. זלמן איז געווען אין אַזאַ טרעמפּישען צושטאַנד, אַז חיה־פייגע האָט בשום אופן ניט געקענט צושטעהן צו לואי׳ן, ער זאָל רופען דעם טאַטען אַהיים כאָטש זי האָט עס געוואונשען. זי האָט געוואוסט, אַז מען קען שוין זלמנ׳ען ניט ראַטעווען, אָבער זי האָט געוואָלט כאָטש זעהן און הערען, ווי איהר לואי רעדט אַרויס דעם וואָרט „טאַטע".

חיה־פייגע האָט זלמנ׳ען געפרעגט וואָס ער מאַכט; זי האָט זיך אויס־געוויינט, קוקענדיג אויף איהם, און דערמיט האָט זיך זייער באַגעגעניש אין אַמעריקע געענדיגט.

כאָטש זלמן איז אַריינגעזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין די שמאָלע געסלאַך ארום די אָרימע סאַלונס, האָבען קרובים פון צייט צו צייט געמאַכט

פאַרזוכען צו ברײנגען איהם צו חיה־פײגען. „ברענגען איהם אהיים", האָבען זײ עס גערופען.

„איך קען ניט", האָט זי זיך געבעטען בײ די קרובים, „איך קען ניט".

זי האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען, אַז די הויפּט שטערונג איז געווען לואי. לואי וואָלט גלײך אַנטלאָפען פון שטוב.

זי האָט אָפט געוואָלט מאַכען אַ פאַרזוך צו פּרואווען אַרײנגעמען איהם, דעם אומגליקליכען זלמן; אפשר, אפשר . . . אָבער זי האָט עס לואי'ן ניט געקאָנט טאָן. לואי אַרבײט שווער אויסצוהאַלטען פאַר איהר אַ הײם; ער האָט ניט חתונה אַלץ צוליב דער מאַמען, וועלכע איז שוין צו שוואַך צו נעמען זיך פאַר אַן אַרבײט.

אָבער דעם דאָזיגען נאָכמיטאָג איז עס פאַרט געשעהן.

מען האָט בײ איהר ניט אָנגעפרעגט, מ'האָט איהר ניט אָנגעזאָגט; צווײ לאַנדסלײט האָבען זלמנ'ען פּלוצלונג אַרײנגעפיהרט אַ בלאַסען, אַן אויסגעפינסטערטען, און איבערגעלאָזען איהם. און זי האָט ניט געקאָנט זאָגען נײן.

דאָס האָט מען איהם געבראַכט פון אַ האָספּיטאל, וואו ער איז אָפּגע־לעגען עטליכע וואָכען, נאָכדעם ווי מ'האָט איהם געפונען אין גאַס.

עס איז איהם אין האָספּיטאַל בעסער געוואָרען, און איצט דאַרף ער האָבען אַ הײם. האָבען איהם די צווײ פרײנט זײנע געבראַכט צו זײן פרוי און זוהן. צו ווּעמען דען האָבען זײ איהם געזאָלט ברענגען?

פון די אַלע יאָהרען, וואָס חיה־פײגע איז אין אַמעריקע, איז זי מיט זלמנ'ען צום ערשטען מאָל געזעסען אַלײן, אויג אויף אויג, נאָכדעם ווי זײנע פרײנט זײנען אַוועק.

ער איז געזעסען אין קיך בײם טיש אויף אַ קאַנאַפּקעלע.

די פרײנד זײנע האָבען איהם אַוועקגעזעצט ווי אַ געפעהרליכען חולה, כאָטש ער איז שוין דאָן ניט געווען געפערליך קראַנק. אַז ער איז געבליבען אַלײן מיט חיה־פײגע'ן, האָט ער אַרונטערגעלאָזען די אויגען, זיך דערפיהלט זעהר אונהײמליך.

זי האָט אויף איהם געקוקט, געקוקט זעהר ניכטער און אויך ניט בײז און ניט מיט צופיל רחמנות אין האַרצען. זי האָט יאָ געפיהלט אַ ציטערדיגען רחמנות אין האַרצען, אָבער דאָס איז געווען אויף זיך אַלײן, אויף איהר מזל, אויף איהר לעבען.

יאָהרען אַז זי האָט מיט איהם ניט גערעדט, און איצט האָט זי איהם ניט וואָס צו זאָגען.

זי פרעגט איהם:

— שוין לאַנג אַז דו ביזט קראַנק ?

— איך בין אַלראַיט, — ענטפערט ער, אויפהויבענדיג זיינע אויגען צו איהר און שנעל זיי אַרונטערלאָזענדיג.

אַ טיפער און וועהטאָגדיגער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען ביי חיה־פייגע׳ן.

נאָך איהר זיפץ איז געוואָרען אַ שטיקענדיגער שווייגען, און דאַן האָט זלמן געזאָגט פאַראומערט :

— אַז איך האָב ניט געהאַט וואָס צו שרייבען . . .

— וואָס שרייבען ? — האָט חיה־פייגע געפרעגט עפּעס ניט גלויבענדיג אַז דאָס האָט זי איצט מיט איהר מאַן אַט יענעם פאַרשפּעטיגטען געשפּרעך דאָ אין קיך אין אַמעריקע.

— אַז איך בין געווען אויף צרות, איז דאָך „נאָ יוז״ שרייבען, — האָט ער געענטפערט.

זיין קול איז געווען אַ הייזעריגער פון אַלקאָהאָל, אַ געפאַלענער קראַנקער קול.

— דו׳סט עפּעס עסען ? — האָט זי איהם געפרעגט.

— מיר ווילט זיך ניט עסען.

זי האָט איגנאָרירט דעם ענטפער זיינעם, געשטעלט צום טיש ברויט, פּוטער, אַן איי.

ער האָט געגעסען, ניט פיל געגעסען.

— לעג זיך צו אויף דער קאַנאַפּקע — האָט זי איהם געזאָגט — איך זעה, אַז דו פיהלסט ניט גוט.

זי איז אַרויס פון קיך, האַלב צוגעמאַכט די טיר און געלאָזען איהם אַליין.

זי איז גערן געווען אַרויסצוגעהן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט גענומען באַקלערען וואָס צו טאָן מיט איהם. וואוהין קען זי איהם אַוועקשיקען ? וואָס וועט זיין ווען לואי וועט קומען, וואָס וועט זי זאָגען לואי׳ן ?! זי האָט זיך געשראָקען פאַר דער באַגעגעניש פון די צוויי מענער.

באַלד טאַקע דאַרף לואי אַריינקומען. ער וועט איהם גלייך דערזעהן. די מאַמע האָט געוואָלט אַז לואי זאָל פריהער אַפּעסען זיין סאַפּער רוהיג. אָבער ס׳איז ניט געווען אַזאַ דירה, און ס׳איז ניט געווען אַזאַ סאָרט גאַסט, וועמען זי האָט געקאָנט באַהאַלטען אויף אַ ווײַלע, כאָטש ביז לואי וועט אָפּעסען. זי האָט געקוקט, חיה־פייגע, אין דער האַלב אָפענער טיר, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געהאַט עפּעס ווי אַ מין דעבאַטע מיט זיך אַליין.

זלמן האָט זיך דאָרטען ניט צוגעלעגט אויפ׳ן קאַנאַפּקע ; ער׳ט זיך

ניט געפיהלט היימליך. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויף זיינע הענט אויפ'ן טיש, און ס'האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז דאָס שלאָפט ער אַזוי; אָבער ער איז נישט געשלאָפן.

אַזייגער האַלב נאָך פינף איז חיה־פייגע נאָך געזעסן אין פראָנט־רום און געוואַרט. און עס האָט זיך געעפענט די טיר און צוגעמאַכט; ס'איז אַ מאָמענט געווען שטיל, און לואי איז האַסטיג אַריין.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט לואי געפרעגט, און ער איז גע־שטאַנען בלאַס ווי קרייד.

— לואי, — האָט די מאַמע אַרויסגערעדט.

— ס'איז ער?

— ס'איז ער.

— וואָס וויל ער ווייטער?

— מען האָט איהם געבראַכט פון האָספּיטאַל. ער איז געפאַלען אין גאַס . . .

לואי איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן צוטומעלט, פאַרטראַכט. דאַן האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און געזאָגט שטרענג און געשעפטסמעסיג:

— אַלראַיט, איך געה גלייך אַרויס און געפין פאַר איהם אַ צימער, בעם איהם אויף אַ טעקסי און איך וועל באַצאָהלען פאַר זיין צימער פאַר אַ מאָנאַט רענט.

— לואי, געה פריהער עסען. איך וועל דיר גרייטען צום טיש.

— מאַמע, — האָט לואי גענומען טענה'ן, — איך קען ניט, איך קען ניט זיין מיט איהם אין איין שטוב. ס'איז דאָך צוליב דיר, מאַמע, פאַרוואָס פאַרשטעהסטו מיך נישט?

עס האָט זיך דערהערט דער הייזעריגער קול:

— צ'אַל־ראַיט, איך דאַרף נישט קיין טעקסי; איך קען געהן צופוס אויך . . .

חיה־פייגע האָט אָנגעלעהנט איהר קאָפּ אויף לואי'ס ברוסט, אָנגענומען מיט איהרע הענט זיינע אָרימס, גערעדט שטיל מיט טרערען:

— לואי, פּליעז, געה אַריין צו איהם, פרעג איהם וואָס ער מאַכט, און הייס איהם היינט פאַרבלייבען. מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועסטו איהם באַזאָרגען ערגעץ אַנדערש.

— מאַמע . . . — האָט זיך לואי געבעטען.

— איך וויל אַז דו זאָלסט עס טאָן צוליב דיר. ער איז דאָך דיין פאָטער. — האָט די מוטער צו איהם געזאָגט.

זי האָט איהם צוגעשטופּט צום טיר און גערעדט:

— פרעג איהם וואָס ער מאַכט; זאָל ער דיר כאָטש אַנקוקן.

לואי האָט געפאָלגט. ער איז אַריין, געגעבן דעם פאָטער די האַנט און געפרעגט:

— דו פיהלסט בעסער?

— אַ קעי, — האָט זלמן געענטפערט.

— עקסקיוז מי, — האָט לואי געזאָגט און איז אַרויס פון צימער.

חיה־פייגע האָט גענומען שטעלן דעם סאַפּער פאַר לואי׳ן. אָבער לואי איז ניט געגאַנגען עסן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט אַראָפּגע־לאָזען זיין קאָפּ אין זיינע הענט איבער די קני, ווי דאָרטען „יענער מאַן", זיין טאַטע. און ס'איז איהם זעהר ביטער געווען אויפ'ן האַרצען.

— געה, מיין זוהן, עסען, — האָט איהם חיה־פייגע גערופען. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, געגלעט איהם, באַקוקט און באַטראַכט איהם ווי ער עלטערט זיך. ער איז שוין אין די דרייסיגער. ער איז אַן עלענדער און זי ווערט אַלט.

עס האָט איהר באַנג געטאָן וואָס ער האָט זיך ניט אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע. ער אַרבייט נעבאַך שווער און פאַרדינט ניט פיל. ער איז עהר־ליך, ער איז געטריי און אָפּפערט זיך צוליב דער מאַמען. און דעם טאַטענ'ס שלים־מזל שלעפּט זיך נאָך איהם נאָך.

אַזוי האָט חיה־פייגע געטראַכט, און אין איהר האַרץ איז דאַן געווען אַ גרויסער חורבן.

— לואי, — האָט זי אויסגערופען, אַרויפלעגענדיג איהר האַנט אויף זיין קאָפּ. — איך וואָלט אַזוי וועלען, אַז דו זאָלסט קריגען עפּעס אַ גוטע מיידעל און חתונה האָבען.

לואי האָט אַרויפגעקוקט צו זיין מאַמען מיט אַ קינדערשער הילפ־לאָזיגקייט און די מאַמע האָט פעסט, און ווי מיט אַ פרומען געבעט געזאָגט:

— האָב חתונה, מיין זוהן. ס'איז ניט גוט צו בלייבען עלענד.

זי האָט אַ קוק געטאָן אַהין, וואו עס איז געזעסען אַן עלענדער, צו־בראָכענער מאַן . . .

נייע מאכלים

פלוצלונג, אין א מיטען מיטוואך, אין א ווינטערדיגען פארנאכט, האט דער אפארטמענט פון איזידאר בריסקין, וואס איז א גאנצע צייט געווען פאראומערט, פארטונקלט און פארקלאגט, אויפגעלויכטען מיט מעהר עלעקט־רישע ליכט ווי געווינליך; דער טיש איז געווען געגרייט ווי גאר אמאליגע צייטען צו א יום־טוב. פון קיך האבען זיך געטראגען אלערליי בא׳טעמ׳טע ריחות פון געקעכטסען און געבעקס. דארט, אין קיך, איז געשטאנען לינא, די נייע פרוי וועלכע איז געקומען אפקאכען דעם סאפער פאר דער בריסקין געזינד. זי איז געשטאנען דארטען, לינא, אין א ווייסער ווייסט און מיט א טיכעל פון „געפרינטעטע" ווארע ארומגעדרעהט אויפ׳ן קאפ; און זי האט טיכטיג געקאלאטשעט מיט א הילצערנעם גרויסען לעפעל אין א גרויסער פענדעל.

איזידאר בריסקין, דער פאטער פון דער פאמיליע, א קאלעקטאר פאר א ישיבה, וועלכער קומט אהיים פאר פרי, איידער די קינדער קומען פון דער ארבייט, איז נאר וואס אריינגעקומען. די נייע פרוי, וועלכע איז באשטעלט געווארען צו קומען יעדען נאכמיטאג אהער, אויפצוראמען די הויז, איינ־צוקויפען שפייז, אפקאכען דאס עסען, צעוואשען די געשיר, און דאן אוועק־געהן צו זיך אהיים, איז עס היינט דא צום ערשטען מאל. ביז איצט, זינט מרס. בריסקין איז מיט א קארגען יאר צוריק געשטארבען, האט דא „אטענ־דעט" דאס הויז אן עלטערע אידענע. „די אידענע" — אזוי האט מען זי דא גערופען. די איצטיגע, די נייע, זינט מען רעדט וועגען איהר קומען, הייסט דא „די פרוי". זי איז טאקע ניט קיין אלטע אידענע אט די נייע, לינא, ווי זי הייסט, און קיין מיאוסע איז זי אודאי ניט.

בריסקין האט וועגען איהר אויסזעהן געוואוסט, מחמת די „בעקסט־דאריגע", מיסעס ליסמאן, האט איהם אלץ דערצעהלט, פארטומעלט איהם דעם קאפ מיט דער פרוי.

— איהר הערט, מיסטער בריסקין, — זי איז א גאלדענע פרוי, א פרוי מיט א טייער הארץ. זי איז נעבעך געבליבען א יונגע אלמנה, און זי וויל ניט חתונה האבען מיט אבי וועמען.

— געזונט זאלט איהר זיין, מיסעס ליסמאן, — פלעגט ער זיך ביי

איהר בעטען ; — אַז איך האַלט ניט ביי אַ שידוך צו טאָן. די וואונד איז נאָך פריש, און מיינע קינדער זיינען דאָך מיט מיר. איך וויל אַז די נייע, ווי זי הייסט דאַרטען, די פרוי, זאָל פאַר די קינדער קאָכען געשמאַקע סאַפערס, ווי זיי גלייכען. די קינדער קענען ניט עסען די געקעכצען, וואָס די אַלט־מאָדישע אידענע קאָכט.

די „נעקסטדאָריגע", אָדער ראָזאַ ליסמאַן, ווי זי הייסט, האָט כסדר גע־רעדט דאָס איהריגע. זי האָט זיך אַריינגענומען אין זינען חתונה צו מאַכען מר. בריסקינ'ען מיט איהרער אַ יוגענט־פריינדינע, וואָס איז געבליבען אַן אלמנה. מרס. ליסמאַן איז געוועזן זיכער מיט אַ זיג אויף בײדע זייטען ; אי איהר פריינדינע לינאַ וועט האָבען אַ גרויסען ערפאָלג מיט איהרע מאכלים פאַר מר. בריסקינ'ס קינדער ; אי עס וועט זיך זיכער עפּעס פאַרקאָכען צווישען איהם און דער שעהנער קאָכערקע.

ראָזאַ האָט צוגעגרייט לינאַ'ן צו די צוויי „היטס" וואָס זי מוז דאָ מאַכען — מיט סאַפערס און מיט זיך אַליין.

לינאַ איז געקומען ווען קיינער פון די בריסקינס איז נאָך ניט געוועזן אין דער היים. דער שליסעל פון אַפּאַרטמענט איז געוועזן ביי ראָזען, ביי דער נעקסט־דאָריגער, ביי וועלכער עס איז אויך געוועזן אנגעגרייט געלט איינצוקויפען אַלץ פון וואָס צו מאַכען דעם סאַפּער פאַר דער פאַמיליע פון פיר מענשען — אַ פאָטער, צוויי טעכטער און אַ זוהן.

ראָזע האָט אַריינגעפירט לינע'ן אין דעם בריסקין אַפּאַרטמענט. לינאַ האָט אויסגעטאָן איהר מאַנטעל, און ס'האָט אַ בליאַסקע געטאָן די פיין אויסגעפּרעסטע ווייסע ווייסט מיט דעם נאָך יונגען באָסט, איהר גאַנץ גע־לוסטיגע וויבליכע טאַליע און אַ דיקליכע פרישקייט אויף איהר פנים. האָט ראָזע דערזעהן אַז לינאַ האָט אַריינגעלעגט אַ היבשע שטיקעל אַרבייט אין איהר איצטיגען אָנטאָן זיך.

— לינאַ, דו ביזט אָלרייט ! — האָט ראָזע אַ זאָג געטאָן כוואַטסקע.

לינאַ האָט אויסגעווישט אַ פּאָר טרערען פון איהרע אויגען און ווי אַ ברוגז'ע טאָכטער האָט זי געענטפערט :

— אַז אָך און וועה ווי אָלרייט ; אַריינכאַפּען אַן אַלטען אָרימען אידען.

ראָזע האָט איהר געטרייסט, אַז מר. בריסקין איז ניט אַזאַ אַלטער מאַן ווי זי דענקט; אַז ער איז אַ היינטוועלטיגער מענש און אַן איידעלער מענש. אָבער ווען זי איז אַרויס, ראָזע, און איז אַריין צוריק אין איהר אַפּאַרטמענט, האָט זי זיך אויך אויסגעווינט אויף לינאַ'ס טרויעריגען מזל.

ווען בריסקין האָט אָפּגעשלאָסען די טיר פון זיין אַפּאַרטמענט, האָט ער שוין דאַרטען געטראָפען די נייע, די פרוי, וואָס האָט אַ בליאַסקע געטאָן

מיט איהר זעלטען „דרעסי״ ווייסע ווייסט און מיט איהר טיכעל אַרום קאָפּ פאַרבונדען מיט צוויי עקען פון אַ שלייף איבער איהר שטערען. ער האָט געזאָגט „גוד איווינינג״, אָבער איהר פּנים האָט ער ניט געזעהן; אפילו איהר געשטאַלט ריכטיג ניט באַמערקט. איהם איז ניט אויסגעקו־מען איהר פאַרבייצוגעהן, ווייל די קיך איז אַן אַ זייט פון דעם אַריינגאַנג. ווען ער וואָלט איהר געוואָלט באַקוקען, וואָלט ער געדאַרפט אָפּשטעלען זיך ביי דער טיר און אַריינקוקען אין קיך. צו דעם האָט ער קיין מוט ניט געהאַט, וואָרים ער האָט געוואוסט וואָס די נעקסט־דאָריגע האָט זיך אָנ־גערעדט שילדערענדיג איהר.

איזידאָר בריסקין האָט נאָך זיין „גוד איווינינג״ ניט געדענקט, צי האָט ער זיך באַגריסט ביים אַריינקומען צי ניט. און אַזוי איז ער אַוועק אין זיין רום און זיך איבערגעטאָן; אָנגעטאָן אַ ווייסע נייע אויבערהעמד, אַ יום־טוב׳דיגע שניפּס. די בע׳טעם׳טע ריחות וואָס האָבען זיך געטראָגען פון קיך האָבען איהם דערמונטערט, האָבען איהם גערופען צו אַזוינע געשמאַקע טעמים, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געהאַט.

ווען ער איז אַרויס פון זיין צימער אַן אָנגעטאָנענער, איז איהם פּלוצ־לונג איינגעפאַלען אַז ער האָט זיך ניט געדאַרפט אַזוי אָנטאָן. עס האָט איהם פאַרדראָסען פאַרוואָס ער האָט ניט אויסגערעכענט אַז עס וועט זיין אונ־אנגענעהם פאַר די קינדער. ער האָט אָבער שוין ניט געקענט חרטה האָבען. די פרוי איז געשטאַנען אין עס־צימער פּונקט אַנטקעגען איהם, איהר פּנים אַ קלאָרער, אַ פרישער, אויגען יוגענדליכע — נאָך ניט אויסגעלעבטע; איר חנ׳עווודיגער קאַנאַריק־קאָלירטער קליין פאַרטוכעל מיט ווייסע לעיס אַרומגענייט און די ווייסט אויף איהר ווי אַן אָנגעגאָסענע וואָליע פון אַ וויי־סער שטאָלצער טויב, האָבען אים ווי צוגעשמידט צום אָרט וואו ער איז אַרויס פון זיין צימער.

זי איז געשטאַנען ביים טיש און צולעגט אויפ׳ן קלאָר ווייסען טישטוך די לעפעל, גאָפּעל־מעסער אַרום די טעלער. זי האָט געגרייט אַ גרויסאַר־טיגען טיש פאַר די נייע מאכלים וואָס די אַראָמאַטען פון געווירצען און איר אייגענער פאַרפלאָמטער געזונטער אויסזעהן האָבען פאַרשפּראָכען.

בריסקין האָט ניט געוואוסט וואוהין זיך צו קערען, צי זאָל ער צוריק אַריין אין זיין צימער, צי זאָל ער דאָ בלייבען אין דעם עס־צימער און ניט זיין איהר אין וועג.

— אייערע קינדער קומען שפּעט פון דער אַרבייט? — האָט זי איהם געפרעגט.

איהר פראַגע, אַזאַ פּאַסענדע, אַזאַ זאַכליכע, האָט איהם אַרויסגעהאָל־

פען. עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מיט דער פראַגע איהם צוגערוקט אַ שטול צום אוועקזעצען זיך.

— מיינע קינדער, — האָט ער געענטפערט צוזעצענדיג זיך אין אַ ווינקעל צווישען דעם עס־צימער און דעם אריינגאַנג — וועלען באַלד אריינקומען. זיי קומען אַלע צווישען פינף און זעקס.

אין זעלבען מאָמענט האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען שוירלי.

— דאָס איז מיין עלטסטע טאָכטער, — האָט ער איהר פאָרגעשטעלט פאַר דער פרוי.

לינאַ האָט איהר אָנגעקוקט, מוטערליך, און מיט אַ צוקערדיגער זשעסטיקולאַציע אויף איהר געזיכט, אַ זאָג געטאָן:

— זעהר אַ שעהנע טאָכטער.

שוירלי איז געבליבען שטעהן מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם פון דער גרויסער ליכטיגקייט, וואָס האָט געפלאַמט אין שטוב. אפילו די „ברעקעטס" אויף די ווענט, וועלכע האָבען טונקעלע אַבאַזשורען, און וועלכע מען נוצט בלויז צו מאַכען שטימונג, זיינען אויך געווען אָנגעצונדען. זי האָט געשטוינט פון דער יום־טוב'דיגקייט, פון דעם געגרייטען טיש, פון דעם טאַטענס קלאָרער העמד און נייעם סוט זיינעם, און פון דער גאַנצער אַטמאָספערע, וואָס האָט אויף איהר אַ שלאָג געטאָן פון דער בריה'דיגער פרוי און פון קיך. זי איז געוואָרען צעטומעלט, שוירלי, און האָט אויפ'ן ערשטען מאָמענט ניט געוואוסט פאַרוואָס. און אַז עס איז געקומען דער צווייטער מאָמענט, און זי האָט באַגריפען פאַרוואָס, האָט זי עפּעס אַזוי אומרוהיג אַ זאָג געטאָן: „עקסקיוז מי" און איז אַוועק אויסטאָן זיך, ניט אַרויסרעדענדיג מעהר קיין וואָרט.

שוירלי איז דאָס שטילע קינד פון דער פאַמיליע. זי האָט דעם „עקסקיוז מי", ניט געזאָגט, חלילה, מיט יענעם טאָן, וואָס הייסט „לאָזט מיר צורוה", אָבער דער „עקסקיוז מי" האָט שוין אַזוי ווי אויסגערויכערט די גאַנצע פאַראַדנע אַטמאָספערע פון די נייע מאכלים.

— זי איז שוין אַ כלה, מיין שוירלי, — האָט בריסקין געזוכט צו פאַרריכטען די שטימונג; — זי נעמט אַ וואוילען חתן, אַ געלערנטען מאַן.

— זי איז עס ווערט, — האָט לינאַ מסכים געווען, אַ קלונג געטאָן ביים אוועקלעגען די לעצטע לעפעל, גאָפּעל און מעסער, און איז אַוועק מיט אַ חנ'עוודיגען גאַנג, ווי אַן אַקטריסע געהט־אָפּ פון איהר פּובליקום צו יענער זייט פון דער בינע.

יאָ, זי האָט אים געפאַנגען. זיין האַרץ איז שוין דאָרטען, אין קיך ביי

די נייע שמעקעדיגע מאכלים, כאָטש ער אַליין איז ניט קיין פרעסער, חלילה. דער גאַנצער אויפטו, צו קריגען אַ פרוי וואָס קען קאָכען, איז געווען צוליב זיי, צוליב די קינדער, הייסט עס; וואָרים זינט זי, זיין פרוי, עליה השלום, איז נישטאָ, האָבען די קינדער קיין רעכטען מאַלצייט ניט געגעסען אין דער היים.

באַלד איז אַריינגעקומען סאַימאָן, דער זוהן. ער איז דער אינגסטער פון די קינדער. אַ זיבעצען־יאָהריגער, הויך־געוויקסיגער אינגעל. ער אַר־בעט אַ האַלבען טאָג און דעם אַנדער האַלבען טאָג לערענט ער. אויך סאַימאָן איז געבליבען שטעהן געפּלעפּט פון דעם אויסזעהן פון דער דאַי־נינג־רום און פון די בשמים׳דיגע ריחות. ער האָט אויסגערופען מיט באַגייסטערונג:

— „דזשי, וויז! איט סמעלס גוד!" איך בין טאַקע זעהר הונגעריג.

— ס׳איז אַלראַיט, סאַימאָן, — האָט דער פאָטער צו איהם געזאָגט, — היינט וועסטו הנאה האָבען פון דעם סאַפּער.

און לינאַ האָט דאַרטען, אין קיך, גרויס נחת געהאַט. איהר ערפאָלג האָט איהר געמאַכט פאַרגעסען, אַז זי דאַרף וויינען פון צייט צו צייט און אַז זי האָט אויף וואָס צו וויינען.

אַז אַלע האָבען זיך שוין אויסגעזעצט ביים טיש, האָט זיך ברייט אָן עפען געטאָן די טיר און קעיטי, די אינגערע פון די צוויי מיידלעך, איז אַריין אויף איהר טומעלדיגען אופן. זי איז אָבער באַלד געבליבען שטעהן, אָפּגעמאָסטען יעדען ביים טיש, דעם טיש אַליין, די ליכט, אַ קוק געטאָן צוביידע ווענט, וואו די ברעקעטס לייכטען, זיך געגעבען אַ בור־לעסקען צאַפּעל, ווען לינאַ האָט צוגעטראָגען אימיצען אַ טעלער זופּ, און זי האָט אויסגעשריען אויף איהר אופן און מיט אַ ביסעלע גיפט־און־אָפּלאַכעריי:

— „העי, וואַט׳ס גאָאינג אָן היר טונאַיט?"

עס איז אין דעם אויגענבליק געוואָרען אַזוי שטיל, אַזוי דריקענד־שטיל ביים טיש, אַז קיינער האָט ניט געקענט אויפהויבען די אויגען. אפילו סאַימאָן, וועלכער האָט זיך צוגעכאַפּט צום געשמאַקען טעלער זופּ, האָט ניט־ווילענדיג אַ ציטער געטאָן.

די „באַגרעבעניש", וואָס יעדערער האָט דערפיהלט דערביי אין זיין נשמה, האָט דורכגעדרונגען אויך קעיטי׳ן אַליין; מיט אַ ציטער דורכ־געדרונגען.

פּונקט ווי לינאַ האָט איבערגעכאַפּט די מאָס פון איהר ערפאָלגרייכען אויסשטאַטען איהר ערשטען אויפטריט, אַזוי האָט דער שטענדיגער „ברי־

טאָן״, ווי מען האָט קעיטי׳ן גערופן אין דער פאַמיליע, איבערטריבען איהרע „אָפענע דיבורים״ ווענען דעם ענין, וואָס האָט יעדען גערדריקט, אַריינגע־רעכענט דעם פאָטער און אויך די פרוי, ווענען די שטילע שוירלי וואָלט אויך ניט געשאָנעוועט, ווען דער טאַטע איז דערביי נישטאָ.

מען האָט געגעסען אָהן טעם די געשמאַקע געריכטען.

דורך דער גאַנצער צייט פון זיצען ביים טיש האָט קיינער ניט געוואָגט, ריכטיגער גוזאָגט, ניט געקענט, אויסריידען אַ וואָרט.

די ספילטשעווע און עזות׳דיגע קעיטי איז אויך געזעסען ביים טיש אַ צעבראָכענע. זי האָט זיך געקלעמט נאָך מעהר ווי אַלע.

שוירלי און סאַימאָן האָבען זיך די ערשטע אַנגענומען מיט מוט און אַוועק פון טיש. דער הויפט־שולדיגער, דער טאַטע, איז געזעסען ווי אַן אַרעסטאַנט אין קייטען, געוואָלט עפּעס זאָגען, פאַרענטפערען זיך, אָבער וואָס צו זאָגען און ווי אַזוי צו פאַרענטפערען זיך האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז עס איז זיין שולד, אַז ער קען איצטער ניט ווייזען זיינע אויגען פאַר די קינדער. ער האָט טאַקע די גאַנצע צייט ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיינע אויגען.

ווען שוירלי און סאַימאָן זיינען אַוועק פון טיש, האָט בריסקין זיין קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויף די הענט, אין וועלכע ער האָט אַריינגענומען זיין פנים, און איז אַזוי געבליבען זיצען מיט די עלענבויגענס איבער׳ן טיש. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט אַרויס פון טיש. אויך קעיטי איז געבליבען ביים טיש. נאָך ניט האָבענדיג געגעסען, איז זי אַנידערגעפאַלען אויף אירע אַרעמס מיט׳ן פנים צום טיש און זיך צעכליפּעט און געצוקט מיט די אַקסלען.

ווען קעיטי, אַנגעלעהנט אויפ׳ן טיש, האָט געוויינט, האָט דער פאָ־טער, אָהן אויסריידען אַ וואָרט, איהר געגלעט, געצערטעלט איהר איבער די האָר פון קאָפּ, און שוירלי האָט באַצאָהלט דער פרוי פאַר דעם טאָג אַרבייט. די פרוי, לינאַ, האָט זיך דורכגעשלייכט דורך דער טיר אַהיים, צו איהר קינד, וואָס ציטערט דאָרטען, אַז די מאַמע זאָל, חלילה, ניט חתונה האָבען.

די בריסקין־פאַמיליע האָט צוריקגענומען יענע אַלטע אידענע צו קאָכען פאַר זיי די אַלטמאָדישע סאָפּערס, פון וועלכע די קינדער האָבען ניט קיין הנאה. אָבער פון דאַן־אָן זעהט מען יעדען זוניגען טאָג איזידאָר בריסקין זיצען מיט דער באַ׳טעמ׳טער לינאַ׳ן אויף אַ באַנק אין דעם נעי־באָרהוד פּאַרק.

עדי

עס איז צווײ אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט. עדי קאַלמאַן, אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, קומט אַהיים, שלײכט שטיל זיך אַריין אין שלאָף־צימער, וואו זיינע ברידער שלאָפען שוין לאַנג, און ער לעגט זיך אין בעט מיט זיין אינגערען ברודער׳ל סעמי.

איידער ער טוט זיך אויס שפּירט ער מיט אַנגעשטרענגטע אויגען, צי די מאַמע אָדער דער טאַטע האָבען זיך ניט אויפגעכאַפּט. אַז ער ליגט שוין אַן אויסגעטאָנענער אין בעט, אָטעמט ער אָפּ פריייער. איצטער, ווען די מאַמע זאָל אַריינקומען פרעגען איהם עפּעס, וועט ער זיך מאַכען אַז ער שלאָפט שוין.

ער ציטערט, עדי, צו באַגעגענען זיך מיט זיינע עלטערען, מיט וועמען ער וואוינט אין הויז, וועמעס ברויט ער עסט, וועמעס קליידער ער טראָגט. ער איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ מאָדנער סיטואַציע, וואָס האָט איהם געבראַכט צו פיהרען אַ דאָפּעלטען לעבען, און ער ווייסט ניט ווי אַזוי אַרויסצוקריכען.

אָנגעפאַנגען האָט זיך עס מיט אַזאַ געוועהנליכער זאַך, וואָס עס פּאַסירט מיט יעדען יונגענמאַן — אַ ליבע מיט אַ מיידעל. מיט עדי׳ן האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז ער איז ניט ווילענדיג אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַזאַ פּלאָנטער, פון וועלכען ער קען ניט אַרויסקומען.

דער צוויי און צוואַנציג יאָהריגער עדי, אַ לאָא סטודענט, איז איינער פון די פיר קינדער וואָס מאַיער און יעטאַ קאַלמאַן פאַרמאָגען.

דער עלטסטער, שוין אַ בחור פון אַ יאָהר ניין און צוואַנציג, איז מאַקס. נאָך מאַקס׳ען איז דאָ אַ טאָכטער, פלאָרענס, זיבען און צוואַנציג יאָהר אַלט. נאָך פלאָרענס׳ען איז עדי, און דאַן דער מוזיניק סעמי, אַ צוועלף יאָהריגער אינגעל.

עדי האָט געקענט פיהרען אַ ליבע, אָבער וועגען חתונה האָבען האָט ער ניט געקענט טראַכטען אפילו. ער דאַרף ערשט ענדיגען קאָלעדזש; ער איז אינגאַנצען אָנגעוויזען אויף די עלטערען; ער האָט אַ שוועסטער וואָס איז עלטער פון איהם, און זי האָט נאָך ניט אפילו קיין שטענדיגען יונגענמאַן, מיט וועלכען זי זאָל אַרומגעהן. דער עלטערער ברודער הערט

זיך נאָך ניט צו צו קיין שידוך צוליב דער שוועסטער וואָס האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. האָט זיך עדי פאַרליבט אין אַ מיידעל, וועלכע איז דוקא ביי איהרע עלטערען דאָס עלטסטע קינד.

ווען עדי האָט זיך באַגעגענט מיט נעאָמי קאָהען, אַ מיידעל אין זיין עלטער, און ער האָט זיך אין איהר זעהר שטאַרק פאַרליבט, האָט ער ניט געוואוסט אַז זי איז די עלטסטע ביי איהרע עלטערען, און עס האָט איהם ניט געקענט איינפאַלען, אַז צוליב דעם וועט ער אַריינגעשלעפּט ווערען אין אַ מאָדנעם שרעקליכען טראָבעל.

ער איז מיט נעאָמי'ן אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר מאָנאַטען, און זי האָט איהם איינגעלאַדען צו איהרע עלטערען אין הויז. ער האָט זיך מיט אַלערליי תירוצים אַרויסגעדרעהט דערפון, ביז נעאָמי האָט איהם ערקלערט, אַז איהרע עלטערען פאַרווערען איהר אַרומצוגעהן מיט אַזאַ באַי, וואָס האָט מורא צו ווייזען זיך.

עדי האָט פאַרשטאַנען נעאָמי'ס לאַגע, ליב געהאַט האָט ער איהר זעהר שטאַרק, אַן עהרליכער אינגעל איז ער דאָך, איז ער אַרויפגעקומען מיט נעאָמי'ן צו איהרע עלטערען.

ער האָט ביי די קאָהענס זעהר אויסגענומען; ער שטודירט פאַר לאָיער מען האָט פון איהם געמאַכט אַ גרויסען פאַראַד ווי פון אַ רעגעלען חתן, און אויף איהם האָט גענומען ציטערען די הויט. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דער הויז. ס'איז איהם געוואָרען אַנגענעם באַטראַכט צו ווערען פון די קאָהענ'ס פאַר אַ פאַלנעם מענשען אין דער צייט וואָס אין דער היים איז ער בלויז אַ אינגעל וואָס דאַרף אַנקומען צום טאַטען נאָך אַ פאָר סענט אויף קאַרפעיר.

ביי די קאָהענ'ס האָט מען זיך געאיילט. זייער נעאָמי איז דאָס עלטסטע קינד, אַ מיידעל פון צוויי און צוואַנציג יאָהר שוין. ביי די קאַלמאַנ'ס אָבער טאָר מען זיך ניט איילען. עדי איז ערשט אַ צוויי און צוואַנציג יאָהריגער אינגעל. עס זיינען דאָ עלטערע פאַר איהם, אַן עלטערע שוועסטער.

וואָס לענגער עדי איז אַרומגעגאַנגען מיט נעאָמי'ן אַלץ געפעהרליכער איז געוואָרען זיין לאַגע — אַ חתן ביי די קאָהענ'ס, פון וועלכען מען האָט געמאַכט אַ גרויסען טאַראַראַם צו יעדען מאָל ווען ער איז געקומען, און אַ אינגעל אין דער היים ביי זיינע עלטערען.

איינמאָל, ווען עדי איז געקומען שפּעט אַהיים פון נעאָמי'ן, האָט איהם זיין מאַמע איבערגענומען.

— ס'איז אמת, וואָס מען דערצעהלט? — האָט זי איהם געפרעגט.

— וואָס? — האָט עדי געפרעגט תם'עוואַטע.

— אַז דו האָסט שוין אַ מיידעל?

— אָ, איט׳ס „נאַטין״, — האָט עדי געזוכט אַרויסצומאַכען זיך און זיך פאַרנומען אין שלאָף־צימער.

— איך וועל איהם געבען פעטש! — האָט זיך דערהערט דעם פאָטער׳ס שטימע פון אַ דערבייאיגען צימער.

די מוטער איז צוגעלאָפען צום פאָטער און גענומען טענה׳ן אין דער שטיל:

— ניט איצט, מאַיער, ניט איצט. לאָז איהם איצטער אָפּ.

דאָס מאָל איז עדי׳ן אַרונטער גלאַטליך, און ער איז אַוועק שלאָפען.

דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען סקאַנדאַלען אין הויז, און עדי האָט אויסגעמידען צו קומען גאָר פריה אַהיים. ווען ער איז אין אָוונט אַוועק פון נעאָמי׳ן פריה, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען איינער אַליין ביז נאָך האַלבע נאַכט, אום אויסצומיידען אַ סקאַנדאַל און פעטש, מיט וועלכע דער טאַטע האָט עדי׳ן געסטראַשעט.

עס זיינען אַריבער אַ פּאָר יאָהר, און עס האָבען זיך אויך אָנגעהויבען סקאַנדאַלען ביי נעאָמי׳ן אין הויז.

מיט גרויסע צרות האָט נעאָמי איינגעהאַלטען איהרע עלטערען זיי זאָלען חלילה ניט געהן צו עדי׳ס עלטערען, וויל עס וועט זיך קערען וועלטען, וויל זי וועט איהם נאָך פאַרלירען.

ענדליך האָבען די קאָהען׳ס ערקלערט עדי׳ן, אַז וויטער קען עס אַזוי ניט אָנגעהן, אַז ער דאַרף זייער טאָכטער ניט פאַרדרעהען דעם קאָפּ.

אין דעם דאָזיגען געשפּרעך האָט עדי געזאָגט, אַז אין אַ מאָנאַט אַרום וועט ער חתונה האָבען, און זאָלען זיי זעהן אַז ער מיינט טאַקע זעהר ערנסט מיט נעאָמי׳ן.

אין יענעם אָוונט איז ביי די קאָהען׳ס אין הויז געוועז פרעהליך, און מעהר ווי אַלע האָט נעאָמי געשיינט מיט גליק.

וואָס פרעהליכער די קאָהענס זיינען געווען, אַלץ אומעטיגער איז עדי׳ן געוואָרען אויפ׳ן האַרצען. וואָס מעהר עס האָט געשיינט נעאָמי׳ס פּנים מיט גליק, אַלץ פאַרצווייפעלטער האָט זיך עדי דערפיהלט.

און שפּעט ביינאַכט איז עדי אַרומגעגאַנגען אַ שטונדע צייט אַ פאַראומערטער אַרום זיין היים, האָט זיך שטילערהייד געלעגט שלאָפען אין בעט לעבען סעמי׳ן, און זיין קאָפּ האָט זיך איהם געשפּאָלטען אויף שטיקער. ווי וועט עס זיין? ווי אַזוי וועט זיך עס אויסלאָזען? ווי אַזוי וועט ער עס קענען ערקלערען אין דער היים? ווי אַזוי וועט עס פאַרקומען אין אַ מאָנאַט אַרום? ווי אַזוי?

די עלטערען האָבען געהערט ווי עדי איז געקומען און זיי האָבען זיך אין דער שטיל דורכגערעדט.

— ער איז שוין דאָ? געקומען דער באַנדיט? — האָט דער פאָטער געוואָרטשעט.

— מאַך ניט קיין טומעל; ער איז דאָך שוין דאָ. ער שלאָפט שוין, — האָט די מוטער געזוכט איינצושטילען איהר מאַן.

— דאַרפען האָב איך געדאַרפט אַרונטערכאַפּען זיך פון בעט און געבען איהם פּעטש, אַזש פונקען זאָלען פליהען פון זיין פּנים. — האָט דער פאָטער גע׳כעס׳ט.

— אַי, מאַיער, וואָס ווילסטו? ער שלאָפט דאָך שוין, דער אינגעל. לאָז דאָס קינד שלאָפען — האָט די מוטער גערעדט.

און דער אינגעל, דאָס קינד עדי, איז דאָרטען געלעגען אַ שלאָפלאָזער, אַ צובראָכענער, ווי אַן אַלטער מאַן מיט אַ שווערען פּעקעל צרות אויף זיין קאָפּ.

זיינע גערא‏טענע קינדער

איז וועגען מיר ווייסט איהר דאך שוין; אנגעפלאגט זיך גוט אין די אמאליגע גרינע יאהרען; נאכדעם געמאכט א שעהנע פאר דאלער, פאר־לארען, און איצט בין איך ווי אלע געוועזענע גבירים — „דאבליו־פי־עי״; איהר ווייסט דאך שוין — א רעליף דזשאב.

זי, חוה — מיין ווייב, האט זיך צוריק גענומען פעדלען מיט גרינס, ווי אין די אמאליגע יאהרען. איז אז עס איז א שעהנער וועטער געהט זי ארויס פעדלען; אין א שלעכטען וועטער געהט זי ניט ארויס פון שטוב, ווייל דער רומאטיזם איהרער מוטשעט איהר.

זי האט דען כח, חוה מיינע, ארומצושלעפען זיך מיט דעם ביסעל גרינס? איהר מיינט, אז מיר איז גוט צוצוקוקען ווי עס ווערט פון איהר א תל?

סך הכל וואלט מען אין שטוב ווי עס איז אויסגעקומען אהן איהרע פרנסות. דורך די יאהרען פון קריזיס האט מען זיך שוין צוגעוואוינט צום אמאליגען קליינעם לעבען. א וואך אדער צוויי יעדען מאנאט גיט דאך מיר די „דאבליו־פי־עי״ ארבייט; און מיין רובי, דער מיטעלסטער זוהן מיינער, אט דער ניט גערא‏טענער, דער טעקסי דרייווער, גיט אין הויז א צוועלף דאלער א וואך. אבער פאר די אנדערע קינדער, די גערא‏טענע, אט פאר די דארף מען צוארבייטען.

אודאי האב איך און מיין חוה נחת פון אונזערע דריי גערא‏טענע קינדער, אבער איהר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגען? עס איז שווער צו זיין א טאטע פון צו־גערא‏טענע קינדער. נחת איז דא, אבער עס איז שווער, זעהר שווער.

מיין טשארלי, דער עלטערער זוהן, ער האט א געוואלדיגען קאפ. א פראפעסאר איז ער. ער איז ניט א „פליינער״ פראפעסאר וואס לערענט אין א קאלעדזש מיט פליינע סטודענטען. ער איז א פראפעסאר פאר פראַ־פעסארען. געענדיגט האט ער צעהן קאלעדזשעס אפשר, אבער קיין צעהן דאלער א וואך קען ער ניט פארדינען. אז ער האט קיין צייט ניט אפצוגעבען זיך מיט פארדינען געלט; דער קאפ זיינער טראגט העט העט ווייט; און זאגען אייך אקוראט וואס ער טוט ווייס איך ניט. עס הייסט איך ווייס יע, נאר איך קען עס אייך ניט ערקלערען. ער קלייבט פאקטען און אלערליי חשבונות וויפיל געלט עס געהט דורך דורך די באנקען אויף דער גאנצער

וועלט, וויפיל מענשען עס פאָהרען מיט טריינס, מיט סטריט קאַרס און מיט אַטאָמאָבילס אויף דער גאַנצער וועלט, און וויפיל מענשען עס אַרבייטען ביי פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. אַט דאָס אַז ער וועט אַלעס צוזאַמענרעכענען, וועט ער אַרויסגעבען אַ בוך, און מען וועט עס לערנען אין אַלע קאָלעד־זשעס, און דערפון וועט מען דערגעהן אַ טאָלק פאַרוואָס עס ווערט אַ קריזיס.

צו זיין אַרבייט מוז מיין טשאַרלי האָבען רוהיגקייט; דאָ אין שטוב, ביי מיר, איז ניט דער פּלאַץ פאַר אַזאַ שכל'דיגע אַרבייט; איז האָט ער אַ סטודיאָ; עס איז אַ קוואַרטיר אַזאַ, און רופען רופט עס זיך סטודיאָ. קומט ער אַהיים בלויז עסען, אָבער אַרבייטען אַרבייט ער אין זיין סטודיאָ, און שלאָפען שלאָפט ער דאָרטען אויך.

ווען עס איז, אַזוי זאָגט ער, וועט ער פון זיין בוך מאַכען אַ סך געלט, וועט ער אונז פאַר אַלעס באַצאָהלען, און דאַן וועט ער אָנהויבען טראַכטען פון סעטלען זיך און חתונה האָבען.

די טאָכטער מיינע, בעווערלי, עס הייסט די אינגערע פון טשאַרלי'ן, די וואָס האָט געלערענט זיך זינגען, איז ווייסט איהר דאָך וואָס פאַר אַ שעהנ־הייט זי איז, האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ גרויסען לייט, אויך אַזאַ געראָטע־נער זינגער, אַ מענש אַ פאַרנעם. זיינען זיי קאַפּריזנע אַט די הויכע סאָרטען מענשען, האָט מען אָפּגעלעבט אַ יאָהר און זיך גע'גט.

גע'גט, און זי דאַרף דאָך ווידער טראַכטען וועגען אַ תכלית — חתונה האָבען.

איז אַ פליינע מיידעל זיצט אין שטוב און געהט אַרויס מיט אַ יונגען מאַן ביים סטופּ, אין אייז־קרים פּאַרלאָר, אין קוני איילענד. אָבער ביי אַזעלכע געראָטענע ווי מיין בעווערלי, ביי אַרטיסטען, ווערען ניט געשלאָסען שידוכים אויף אַזאַ פּראָסטען אופן. איז האָט זי אַ סטודיאָ פאַר זיך, עס הייסט אַ קוואַרטיר; און דאָרטען נעהמט זי אויף איהרע פריינד, מאַכט פאַר זיי פּאַרטיס, און קיין דזשאַב וואו צו זינגען האָט זי ניט. קומט זי אַהיים עסען; און איידער זי געהט אַוועק צוריק אין איהר רוה אַריין, אין סטודיאָ, הייסט עס, נעהמט זי אַרויס וואָס עס איז דאָ אין אייז־באָקס פאַר איהר פּאַרטי דאָר־טען, פאַר איהרע פריינד וואָס קומען אין דער סטודיאָ. וואָס קען מען זיך העלפען? מיר ווילען דאָך אַז זי זאָל קריגען איהר באַשערטען, דעם אמת'ען באַשערטען. זי מוז דאָך זיך זעהן מיט מענשען. צו מיר אין הויז קען מען דאָך ניט פאַרבעטען די גרויסאַרטיגע לייט; מוז זי דאָך האָבען אַ סטודיאָ.

מיין מעקסי, דער אינגסטער, ער איז ערשט נייצעהן יאָהר אַלט, און ער וואוינט אויך אין אַ סטודיאָ און קומט אַהיים עסען און מען דאַרף איהם קויפען אַ סוט, אַ פּאַר שיך.

ער, מעקסי, דארף טאקע האבען זיין סטודיא פאר זיינע ביזנעס. קיין ביזנעס האט ער נאך ניט, אבער טאן טוט ער עפעס. ער קויפט ליים און מאכט דערפון מענשליכע קעפ, בארימטע קעפ. ער קנעט אויס מענשען פון ליים, און זיי זעהן אויס פונקט ווי לעבעדיגע, און מען קען טאקע דערקענען ווער די מענשען זיינען.

מיין מעקסי האט שוין געמאכט פרעזידענט רוזוועלט'ס קאפ, פראפע־סאר איינשטיינ'ס קאפ, דעם קאפ פון דעם טרעזשורער פון מיין פאראיין; ער האט געמאכט אלערליי נאקעטע מענשען און קעפ פון אלטע אידען און אידענעס.

א קונץ איז דאס טאקע א גרויסע; איך וויס, איך וואלט דאס ניט גע־קענט מאכען; און זאגען זאגט ער, אז יעדער קאפ און יעדע נאקעטע מיידעל וואס ער האט אויסגעקנאטען פון דעם ליים, איז ווערט צו עטליכע טויזענד דאלער. און האבען האט ער אין זיין סטודיא אפשר מעהר ווי הונדערט אויס־געקנאטענע מענשען, און אז עס וועלען קומען די ריכטיגע מבינים, וועט ער ווערען א גביר.

און די וועלט האלט פון מיין מעקסי'ן זעהר שטארק, און מען שרייבט וועגען איהם אין די „פייפערס". איך האב אליין געזעהן זיין נאמען אין „פייפער".

נאר איינער, אט דער רובי מיינער, איז ניט קיין געראטענער. ער האט ניט געוואלט לערנען, ניט געוואלט שפילען פידעל; די מאמע האט זיך די לונג אויסגעריסען פון איהם, און ער איז אוועק און געווארען א טעקסי דרייווער.

איז אט דער רובי, אזוי ווי ער פיהלט אליין אז ער איז דערונטער, און קיין נחת האט מען פון איהם ניט, איז ער שטיל, ענטפערט ניט דעם טאטען אנטקעגען ווי די קאפריזנע געלערענטע און טאלאנטפולע קינדער; ער גיט אין הויז יעדע וואך געלט, אז אלע וואס קומען פון די סטודיאס אהיים עסען, זאלען האבען פון דאס שעהנסטע און דאס בעסטע. און אז ער קלייבט אן פאר זיך א פאר דאלער, און אימיצער פון די געראטענע קינדער האט ניט קיין רענט צו באצאהלען פאר דער סטודיא, גיט ער, צאלט ער. ער ווייסט דאך, רובי, אז וואס איז ער? א גארניט.

איז בלויז מיט מיין רובי'ן האב איך שלעכט אויסגעפיהרט. א טעקסי־דרייווער איז ער נעבעך פארבליבען; און אלץ דערפאר, וואס ער האט ניט געהאט קיין חשק און ניט קיין קאפ צו לערנען ווי יענע קינדער, די געראטענע.

יע, יע, אודאי איז עס א גאט־בענשונג, אז קינדער זיינען געראטען. מען האט פון זיי נחת און כבוד. אבער עס איז זעהר שווער צו זיין א טאטע פון געראטענע קינדער.

שבת ביינאַכט

ס'איז שבת שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. אין דרויסען איז זומערדיג. אויף דער שטילער גאַס, באַבליהט מיט בוימער, וואו די גראַדסקי'ס וואוינען, איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז מ'הערט אַזש די „על" טרעין, וועלכע געפינט זיך פאַר גאַסען וויט, און מען הערט די טריט פון יעדען שפּעטיגען דורכגעהער.

מאָריס גראַדסקי שלאָפט שוין לאַנג. די אינגערע צוויי קינדער זיינע, בחורים'לאַך, זיינען שוין געקומען פון זייער „אויסגעהן", און זיי האָבען זיך שוין געלעגט שלאָפען.

סערל, די עלטסטע קינד, אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעקס-און-צוואַנציג, איז נאָך ניטאָ אין דער היים, און דער מאַמען נעמט קיין שלאָף ניט.

די מאַמע, לינאַ גראַדסקי, האָט ביז אַזייגער עלף געטאָן הויז-אַרבייט, געביגעלט, גענייט, און איז אַוועק שלאָפען. זי האָט געכאַפּט אַ דרעמעל, גלייך אויפגעכאַפּט זיך, און מעהרער ניט געקענט צומאַכען מיט אַן אויג.

זי האָט געהערט ווי דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף, און אַ ווייל שפּעטער איז אַריינגעקומען מילטאָן, דער אַכצעהן יאָהריגער זוהן. מילטאָן האָט מיט זיין אַריינקומען און מיט זיין געהן שלאָפען געמאַכט אַזאַ טומעל, אַז דער טאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט. אָבער דער טאַטע איז גלייך ווידער איינגעשלאָפען. אין אַ שטונדע אַרום איז געקומען סעם, דער צוויי-און-צוואַנציג יאָהריגער זוהן. און אַז סעם איז אַוועק שלאָפען, איז די מוטער אַרויס פון בעט, צוגעגאַנגען מיט אַ קליין קישעלע צו דעם אָפענעם פענס-טער און אַרויסגעקוקט אין דעם זומערדיגען שטילען נאָך-האַלב-נאַכטי-גען דרויסען.

מיט אַנגעשטרענגטע אויערען און מיט נערוועזע אויגען זיצט זי ביים פענסטער אין דער פינסטער. קוקט אַהין צום ראָג גאַס, פון וואַנען מען קומט פון דער „על" טרעין. דער זייגער שלאָגט צוויי, און סערל איז נאָך ניטאָ. אַהינצו, צום ראָג פון דער ליכטיגער ביזנעס-גאַס, וואו עס האָט גע-פינקעלט אַן עלעקטרישער שילד פון אַן אייז-קרים פּאַרלאָר, ווענדעט מי-סעס גראַדסקי איהרע בליקען און אין יעדען שאָטען, וואָס דערנעהנטערט זיך, וויל זי זעהן איהר סערלען. אָבער ניין, ס'איז ניט סערל, ס'איז ליידער ניט זי; דאָס זיינען אַנדערע פּאַרלאַך, גליקליכע פּאַרלאַך.

געוועהנליך, אַז אימיצער פון די קינדער איז ניטאָ שפּעט ביינאַכט אין הויז, ווערט לינאַ גראַדסקי ניט נערוועז ביז אַזייגער צוועלף, און שבת ביינאַכט איז זי זאָגאָר רוהיג ביז אַזייגער איינס; און האַלב נאָך איינס איז

זי פון שבת אַנטקעגן זונטאָג אויך ניט צושראַקן. היינט אָבער, איז זי צו־ליב סערלען נערוועז דעם גאַנצן אָוונט.

פון ניין אַזייגער אָן אַז אין לינאַ גראַדסקי׳ס האַרצן נאַגט אַ טיפער וועהטאָג. ניין אַזייגער האָט אָפּגערופן דזשעק ווילקין, דער איינציגער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פון סערל׳ס אַמאָליגען „קראַוד״. ער האָט געפרעגט אויף סערלען. דזשעק; און סערל איז שוין געווען אַוועק פון הויז. האָט שוין די מוטער געוואוסט פון אָנהויב אָוונט אָן, אַז מיט דזשעק׳ן איז סערל היינט ניט „אויסגעגאַנגען״. איז זי שוין ווידער מיט מיסטער מילער, און דאָס איז די וואונד וואָס טאָטשעט דער מאַמע׳ס האַרץ שוין אַ לאַנגע צייט. עס איז אַ גרויסער וועהטאָג, וואָס לינאַ שטיקט אין זיך, און קען זיך ניט אויסרעדען דאָס האַרץ פאַר איהר מאַן, פאַר מאַריס׳ן. אַזוי שנעל ווי זי נעמט מיט איהם רעדען וועגען דעם, הויבט ער אָן צו שרייען און איז גרייט צו מאַכען אַ סקאַנדאַל מיט סערלען דערפאַר. שטיקט עס אַלץ לינאַ אין זיך, און שווייגט, און טראָגט עס אַלעס אין איהר האַרץ.

זיצט לינאַ גראַדסקי ביי דעם אָפענעם פענסטער אין דער שטילער נאַכט, און דער מח קערט זיך איהר איבער. סערל איז איהר עלטסטע קינד; די מוטער אַליין איז נאָך גאַנץ יונג, און זי פאַרשטעהט און פיהלט וואָס ליבע איז, און זי ווייסט זייער גוט, אַז איהר סערל, אַ שעהנע, אַ קלוגע, אַ געלע־רענטע, אַ לעבהאַפטע, איז אין סעמועל מילער ניט פאַרליבט, זיכער ניט פאַרליבט.

און זי קוקט אַהין, לינאַ, צום ראַג־גאַס, און אין איהר פאַרדריקטען מוטערליכען האַרץ טענה׳ט זיך: געוואַלד, געוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ? ווי קומט עס צו איהר קלוגער סערלען אַזאַ זאַך — אַרומצוגעהן מיט אַ מיטעל־יאָהריגען מאַן, אַן אַלמן, וואָס האָט שוין דערוואַקסענע קינדער. כאָטש מיסטער מילער געהט אַקוראַטנע און שעהן אָנגעטאָן, זעהט ער דאָכט זיך אויס עלטער פון מאַריס׳ן, סערל׳ס פאָטער. מאַריס האָט נאָך אָפּילו קיין גרויע האָר ניט; און ער, מיסטער מילער, איז מיט באַווייסטע שלייפען. ווי קומט עס אַזאַ זאַך צו סערלען, צו איהר סערלען, פון וועמען אַלע ווערען נתפעל, וואָס אַלע בענטשען זיך מיט איהר שכל. און אין דעם האָספּיטאַל, וואו זי אַרבייט, וואו זי איז אָנגעקומען אַלס בוכהאַלטערין, איז זי דאָך גע־וואָרען די גאַנצע מענעדזשערקע. פרעמדע, פרעמדע מענשען, ווערען נתפעל פון סערל׳ס שכל און שעהנקייט, פון איהר גרויסען פאַרשטאַנד, און עפּעס ווי אַ קליפּה איז אין איהר אַריין; מיט אַ מיטעל־יאָהריגען געהט זי אַרום.

וויפיל מאָל די מאַמע האָט מיט איהר גערעדט וועגען דעם, געבעטען זיך, געוויינט, האָט עס סערל געמאַכט צו גאַרניט, און מיט אַלערליי שפּאַ־

סען זיך אַרויסגעדרעהט צו ריידען וועגען דעם. געוואַלד, געוואַלד, אַזאַ ערנסטע מיידעל ווי איהר סערל איז. אַפּילו אַט אין דער דאָזיגער משוגעת זעהט מען דאָך סערל'ס ערנסטקייט. מיסטער מילער איז ניט קיין רייכער מאַן. סערל קוואַפּעט זיך ניט אויף געלט.

פלוצלינג הויבט אָן דער מוטער רייסען דאָס האַרץ, און זי האָט אויף סערלען אַזאַ רחמנות, וואָס דערלאָזט איהר ניט צו עסק'ן זיך צופיל מיט דער אומגליקלעכער טאָכטער ; זי וויל איהר ניט וועה טאָן צופיל. וואָרים די מוטער פאַרענטפערט ביי זיך אָט די משוגענע זאַך מיט זייער אַ טרויעריגען תירוץ. ביי דער מוטער קומט אויס, אַז איהר סערל, די שעהנע, קלוגע און לעבענסלוסטיגע טאָכטער איהרע, באַגעהט דאָ פאַר כעס איהר יונג-פרוי-אישען זעלבסטמאָרד.

פריהערדיגע יאָהרען, פון זעכצעהן ביז צוואַנציג יאָהר אַלט, איז סערל געווען אַרומגערינגעלט מיט אַלערליי פיינע יונגע לייט, זיהן פון גוטע היי-מען, פעהיגע און שעהנע יונגע לייט. דאָן איז פון אַלעמען גאָר ניט געוואָ-רען. אייניגע זיינען אַוועקגעפאָהרען שטודירען, און געה וואַרט אויף זיי ; אייניגע מוטשען זיך מיט זוכען שטעלעס, און האָבען ניט קיין מוט צו ווייזען זיך ; און אייניגע זיינען סתם געוואָרען פוסט-און-פּאַסניקעס, האָבען חתונה געהאַט און זיך גע'גט, וואַלגערען זיך אַרום און טעלעפאָנירען אַהער, און סערל געהט ניט צו צום טעלעפאָן צו ענטפערען זיי. בלויז דזשעק ווילקין איז פאַרבליבען, און ער טרעט ניט אָפּ פון הויז. די מוטער גיט צו אין איהר אייגען האַרץ, אַז כאָטש דזשעק איז אַן עהרליכער באָי, אַ שטילער באָי, און ער פאַרדינט גאַנץ פיין, איז ער ניט אַזאַ יונגערמאַן, אין וועלכען סערל קען זיין פאַרליבט. ער איז זייער קליין-שטעטעלדיג, און קיין חכם איז ער אויך ניט. קומט אויס דער מוטער, אַז איהר סערל איז פאַרביטערט געוואָרען פון דער לאַגע, און פאַר כעס וויל זי חתונה האָבען מיט סעמועל מילער, דעם מיטעל-יאָהריגען מענשען, דעם אַלמן.

אַזוי דענקט לינאַ גראָדסקי וועגען איהר טאָכטער ; איהר סערל וויל באַגעהן עפּעס אַ פאַרצווייפעלטען טאַט, אַ זעלבסטמאָרד איבער איהרע טרויעריגע מיידעלשע יאָהרען. און ווירקליך, מען קען דאָך טאַקע פון זיי-נען אַרונטער, אַז אַזאַ מיידעל ווי איהר סערל, פון וועמען יעדער איינער איז באַגייסטערט, זאָל זיך ניט מאַכען קיין רעכטער יונגערמאַן פון איהר גלייכען.

איז לינאַ אין כעס סתם אין דער וועלט אַריין, אָבער ניט אויף סערלען. סערלען פאַרשטעהט זי ; זי האָט אויף איהר רחמנות, און עס געהט איהר אויס דאָס האַרץ אויף דעם קינד, אויף אַזאַ גאָלדען קינד.

לינאַ גראָדסקי זעהט צוויי שאָטענס דערנעהנטערען זיך מיט לאַנג-

זאַמע טריט. זי דערקענט די פּרויען־פיגור, ס'איז סערל. יע, זי דערזעהט סערל'ס העלע קעפּ. ווען די צוויי געהען פאַרביי דעם גאַסען־לאַמפּ דער־קענט זי מיסטער מילער'ן.

זי פאַרשט מיט איהרע מוטערליכע בליקען צו דעם לאַנגזאַם־געהענ־דיגען פּאַרעל. אָך, וויפיל פריידע וואָלט זי געהאַט, די מאַמע, ווען אַלעס וואָלט געוועזן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווען זי וואָלט געזעהן איהר סערלען שפּאַצי־רען אַט אַזוי אין דער זומערדיגער נאָך־האַלבע־נאַכט מיט איהר גלייכען, מיט דעם, אין וועלכען זי וואָלט געווען פאַרליבט. און פונ'ם געדאַנק, אַז דאָ האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איהר סערלען אַ מיטעל־יאָהריגער מענש, אַן אַלמן, מיט גרויע שלייפען, ווערט דער מוטער'ס האַרץ פאַרדריקט; טרע־רען רינען פון איהרע אויגען, און עס דוכט זיך איהר, אַז אַט דער מיטעל־יאָהריגער מענש פירט איהר ליב, געראַטען קינד צו דער לויה. זי כלי־פּעט שטיל, די מוטער, און זי רעדט צו זיך און טענה'עט מיט זיך:

— איך ווייס, איך ווייס, מיין קינד, ווי דו פיהלסט.

ווען סערל און סעמועל מילער קומען צו נאָהענט צום הויז, נעמט זיך לינאַ אַוועקרוקען פון פענסטער. דערזעהט זי, אַז זיי קערען זיך אום און שפּאַצירען צוריק אַוועק פון הויז. דאַן שפּאַצירען זיי ווידער צום הויז, ווי־דער אויף צוריק, און ווידער אַמאָל צום הויז.

לינאַ געהט אַרום ביים פענסטער אין דער פינסטערער הויז; זי וויל ניט, אַז סערל זאָל באַמערקען אַז זי קוקט אַרויס, אַז זי שלאָפט נאָך ניט, אַז זי וואַרט אויף איהר.

זי הערט ווי סערל און מר. מילער ריידען דאָרטען שטיל. זי קען ניט הערען קיין ווערטער, נאָר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט זי אַ שושקעניש, וואָס ווערט אָפט איבערגעריסען פון אַ כמעט־געלעכטערעל פון סערלען.

זי איז איצט אַ דם־שונא אַט דעם מילער'ן: וואָס האָט ער זיך אָנגע־זעצט אויף איהר קינד? וואָס וויל ער פון סערל'ס יונגע יאָהרען?

דער זייגער שלאָגט דריי. לינאַ הערט ווי סערל איז דאָרטען אונטען אַריין אין הויז. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר אונטען אין קאָרידאָר, און עס האָבען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָפּגעקלונגען מיסטער מילער'ס פאַרגעהענדע טריט.

די מוטער געהט שנעל אַוועק צו זיך אין שלאָפצימער, און קומט אַרויס צוריק ווען סערל האָט געמאַכט ליכטיג אין קיך.

— דו שלאָפסט נאָך ניט, מאַמע?

— איך האָב דערהערט, אַז דו ביזט אַריין, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

— איך בין, דאַכט זיך, אַריין אַזוי שטיל.

— אַ, מיין שלאָף — אַלע פינף מינוטען כאַפּ איך זיך אויף. ווילסטו אפשר געקאָכטע פלוימען?

— ניין, מאַמע; איך האָב ניט לאַנג געגעסען. עס איז געווען אַ סאַפּער פאַר די האָספּיטאַל־דירעקטאָרען.

די מוטער גיט אַ טיפען זיפץ:

— האָט עס דיך ווידער אַמאָל דער דירעקטאָר, דער אלמן, אָפּגעפיהרט אַהיים?

סערל ענטפערט ניט, און די מוטער גיט אַ טיפערען זיפץ, אַ טראַגישערען.

— געה שלאָפען, מאַמע; פּליז.

— סערל... — זאָגט די מאַמע מיט געבעט.

— וואָס ווילסטו פון מיינע יאָהרען, מאַמע? איך טאָר ניט אַרויסגעהן פאַרברענגען?

— יע, פאַרברענגען — אַז אָך און וועה!

— איך האָב געהאַט אַ „גוד־טאַים", אַ שעהנער סאַפּער, אַ קאָנצערט אין האָטעל סעינט דזשאַרדזש, אינטערעסאַנטע מענשען. פאַרוואָס ניט?

— סערל, איך בעט דיך, וואָס וועט עס זיין?

— וואָס מיינסטו, וואָס וועט עס זיין?

— פאַרוואָס מיידסטו אויס דיין גלייכען? פאַרוואָס זוכסטו ניט צו געהן אין דיינע קאָמפּאַניס וואו דו דאַרפסט געהן?

— איך בין אין מיין קאָמפּאַני, און איך פאַרברענג זייער אינטערעסאַנט מיט מיין גלייכען.

— דיין גלייכען, סעמועל מילער איז דיין גלייכען?

— יע, מאַמע, ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענש, איז ער מיין גלייכען.

— איך ווייס, אַמאָל, אין דער אַלטער וועלט, האָבען פאַרנאַרישטע עלטערן געצוואונגען אַ יונגע טאָכטער חתונה צו האָבען מיט אַן עלטערען מענשען. אוי, איך געדענק ווי מיין עלטסטע שוועסטער, דיין טאַנטע אסתר, האָט מען צו צוואַנציג יאָהר חתונה געמאַכט מיט אַ פופציג־יאָהריגען אידען, אַ שניט־קרעמער, אַ שעהנער בעל־הבית. איך בין נאָך געווען אַ קינד, און איך האָב דעם אומגליק גוט פאַרשטאַנען. איך האָב פאַרגאָסען טייכען טרערען. און עד־היום בין איך פאַרבליבען אַ שונא יענעם אידען, דעם שוואָגער מיינעם, זאָל ער דאָרט ליגען אין דר'ערד, דער אַלטער בעל־עברה'ניק: אָבער דאָ אין אַמעריקע, אין אַזאַ פרייען לאַנד, אַ געלערנטע מיידעל, מען

האָט זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעשטרענגט צו לערנען דיך. וואָס טוט זיך מיט דיר, סערל; וואָס טוט זיך דאָ?

— ווייַן ניט, מאַמע. אַז דו וואָלסט מיך פאַרשטאַנען, וואָלסטו עס אַנדערש גענומען, וואָלסטו ניט געוויינט.

— איך ווייס, איך ווייס, דער דזשאָב דייַנער אין האָספּיטאַל מאַכט דיך אומגליקליך.

— פאַרוואָס, מאַמע? איך האָב אַ גוטען דזשאָב, און אַן אינטערעסאַנטען דזשאָב. עס איז מיר אינטערעסאַנט יעדער טאָג וואָס איך אַרבייט דאָרטען.

— איך ווייס. איך ווייס, אַז פון די עטליכע יאָהר, וואָס דו האָסט דיין דזשאָב אין האָספּיטאַל, ביזטו שטענדיג צווישען עלטערע מענשען, און דו האָסט ניט קיין געלעגענהייט צו זעהן זיך מיט דיין גלייכען, מיט יונגע מענשען.

— ס'איז ניט דאָס, מאַמע.

— ס'איז יע דאָס, איך ווייס וואָס איך רייד.

— אין האָספּיטאַל זייַנען אויך דאָ יונגע מענשען. עס זייַנען דאָ יונגע נוירסעס, יונגע אַמבולאַנס דראַיווערס, יונגע דאָקטוירים.

— נו, נו, נו, — האָט זיך דער פאָטער פּלוצלינג אַרויסגעכאַפּט אין זיין שלאָפראָק, אַן אויסגעשלאָפענער שוין — איז, נו? איז פאַרוואָס געהעזטו ניט אַרום מיט אַ יונגען דאָקטאָר, אַנשטאָט מיט אַן אַלטען מאַן?

דער פאָטער האָט עס געזאָגט מיט אַן איבערקרימעניש און גאַנץ הויך, און מיט כעס, און די צוויי זיהן האָבען זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ פון זייער שלאָפצימער.

— געהט שלאָפען, מאָריס, — זאָגט לינאַ — מאַך ניט קיין טומעל, — און זי שטויסט איהם צוריק אַוועק אין שלאָפצימער. זי פאַרמאַכט די טיר פון דעם צימער וואו די זיהן שלאָפען, און זי ווענדעט זיך צו סערל'ען:

— ס'איז דאָך טאַקע אַ פראַגע: פאַרוואָס געהסטו ניט אַרום מיט אַ יונגענמאַן, מיט אַ דאָקטאָר פון האָספּיטאַל, און ניט מיט אַזאַ עלטערען פון דיר.

— מאַמע, איך קען דיר זאָגען, אַז מיסטער מילער איז אין דער אמת'ן אינגער ווי אַלע אָט די וואָס דו רופסט מיין גלייכען.

— אָבער דער טאַטע האָט דאָך טאַקע געפרעגט אַ גלייכע זאַך.

— וואָס, וועגען די דאָקטוירימלעך?

— וואָס עפּעס זייַנען זיי ביי דיר פּלוצים געוואָרען דאָקטוירימלעך?

— מאַמע, די אינטערעסאַנטע דאָקטוירים זייַנען אַלטע לייט, און די

דאָקטוירימלעך, ווען דו זעהסט זיי אין האָספיטאַל, וואָס פאַר אַ אינגלעך זיי זיינען, וואָס פאַר אַ ליגנער, טעלער־לעקער, קליינליכע ליגנער צוליב אַ טיפּ קריגען, ווי אַ וועיטער אין אַ רעסטאָראַן. פוי!

— בין איך דאָך טאַקע גערעכט, וואָס איך זאָג, אַז דיין דזשאָב אין האָספיטאַל וועט דיך אומגליקליך מאַכען. דו ביזט שטענדיג מיט די אַלטע לייט, מיט די דירעקטאָרען, און דו פאַרברענגסט ניט מיט קיין יונגע מענשען.

— ס'איז ניט דאָס, מאַמע. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ס'איז ניט דאָס.

— טאָ וואָס־זשע איז די צרה?

— טאָ זאָג דו וואָס דאָ איז. פאַרוואָס מיידסטו אויס מענשען פון דיין עלטער.

— ס'איז צו לאַנג צו ריידען. איך וועל דיר זאָגען מאָרגען.

— זאָג מיר אין קורצען. איך בין ניט אַזאַ פאַרשטאָפּטער מח. איך וועל פאַרשטעהן.

— הער. אין קורצען איז עס אַזוי: איך פאַרברענג מיט אינטערע־סאַנטע מענשען, מיט לעבעדיגע מענשען, מיט קלוגע מענשען, און דאָס האָט מיר געעפענט מיינע אויגען.

— וואָס געעפענט די אויגען?

— איך קען ניט דולדען די נאַרישע יונגע צוציקעס. איך האָב ביז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק ניט פאַרשטאַנען ווי נאַריש די בחורים'לעך זיינען; וואָס פאַר אַן אומעטיגע און אונאינטערעסאַנטע זיי זיינען.

— איז דאָך טאַקע ווי איך זאָג, אַז צוליב די עלטערע מענשען ביזטו דערוויטערט געוואָרען פון דיין גלייכען.

— ס'איז אָבער ניט אַזוי, — שרייט אויס סערל געערגערט — איך האָב פריהער געוואוסט, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרשטעהן.

די מוטער געהט צו זיך אין שלאָפצימער מיט אַ געבויגענעם שווערען קאָפּ, מיט אַ באַטריבט האַרץ, און זי רעדט:

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה שוין גאַר גוט פון וואַנען דער אומגליק נעמט זיך.

ווען זי איז שוין אין בעט, די מוטער, גראָבט זי איין איהר פּנים אין קישען, און בליפּעט אַז קיינער זאָל ניט הערען, און איהר פאַרוואונדעט האַרץ וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס, און זי טענה'ט דאַרטען אין דעם קישען אַריין, פאַרוואָס איהר שעהנע, קלוגע און געראָטענע סערל האָט ניט די ריכ־טיגע ליבע, — אָט די ליבע וואָס זי, די מוטער, האָט ערוואַרטעט, האָט גע־טרוימט פאַר איהר טאָכטער פון אַלע, אַלע יאָהרען.